(מנחם פּ סטאַניסלאַווסקי מאַשע ראָסקעס באַנד א אָנהייב סעסיע זײַט 2

מס מיר זיצן דאָ מיט פֿרוי ראָסקעס וואָס איז אײַער ערשטער נאָמען

מר מאַשע

מס איר זענט געבוירן

מר אין ווילנע נו פֿאַרשטייט זיך וואָס זאָל איך אײַך איך זאָגן לידער אין אונדזער
דור איז געווען זייער אַ גרויסע גײַסטיקע שפּײַז ווײַל ווי זאָגט מען
וווּ זינגט אַ ציגײַנער אַז עס איז הונגעריק> מיר זײַנען געווען שטענדיק
הונגעריק הונגעריק נאָך קולטור הונגעריק נאָך פֿרײַהייט און הונגעריק נאָך פֿרײַד
און מיר האָבן זיך אַליין פֿריילעך געמאַכט איר ווייסט דאָך מיר האָבן ניט געטרונקען
מיר האָבן ניט געהאַט קיין קינסטלעכע פֿאַרשטייט אונטערשטיצונגען האָבן מיר זיך
אַליין געמאַכט פֿריילעך אַ מאָל זענען מיר געווען זעכס און אַ מאָל זײַנען מיר געווען
פֿיאַצן און הונגעריקערהייט פֿלעגט מען זינגען און טאַנצן און דערגיין צו דער
תמצית דערך א ליד האָבן מיר געקענט אויסרעדן און אויסזינגען אונדזער גאַנצן
לעבן און דאָס איז געווען דער עיקר פֿון אונדזער לעבן איז געווען געזאַנג און
ווער עס האָט געזונגען דער איז געווען גליקלעך און דער וואָס האָט זיך צוגעהערט
האָט זיך געהאַט די גרעסטע באמת באַרויִקונגס־מיטל ווײַל ער האָט געוווּסט אַז ער
האָט זיך אין וואָס נאָך אײַנצוהאַלטן ס'איז נאָך דאָ אַ ליד און אַל־זמן ס'איז דאָ אַ
ליד איז דאָ לעבן פֿאַרשטייט איר ייִדישע לידער פֿון מײַן צײַט האָבן אַמײַנסטנס
אַרויסגעבראַכט די בונדישע קרײַזן זיי האָבן אויסגעבראַכט זייער אַ סך דורכן
ליד זיי פֿלעגן אַליין שאַפֿן די לידער און איינע פֿון די כאַראַקטעריסטישע לידער
פֿון מײַן צײַט איז געווען קעגן אַסימילאַציע און קעגן קאָמפּלעקסן איר פֿאַרשטייט
ווײַל אין אונדזערע צײַטן כאָטש ווילנע האָט געגרויסט מיט ייִדישקייט און
כאָטש ווילנע האָט געווירבלט און געשוועמט אין ייִדישן גײַסט זײַנען שטענדיק
געווען אַסימילאַנטן און די אַסימילאַציע איז שטענדיק געקומען דורך די אוניווערס-
יטעטן אין שולע איז מען נאָך געווען אַזוי אַזוי באַווירקט פֿון דער היים און
ווי מ'איז געקומען אין אוניווערסיטעט איר פֿאַרשטייט און דאָ האָבן זיך די
וועגן צעגאַנגען איז די מער זיכערע בײַ זיך אידעאַליסטישערע יוגנט איז די
האָבן געהאַט לידער דורך לידער האָבן זיי אײַנגעהאַלטן זייער גאַנצקייט דורך
אַ ליד האָבן זיי אויפֿגעהאַלטן זייער גאַנצקייט אונטער די וואָס זענען טאַקע געווען
אַ ביסל גאַנצער און אַ ביסעלע שטאַרקער בײַ זיך די האָבן באַווירקט דורכן ליד
דורכן ליד האָבן זיי באַווירקט די אַנדערע וואָס האָבן געוואָלט שוין אויסגליטשן
און אַוועקגיין פֿון די קרײַזן האָט מען זיי אויפֿגעהאַלטן מיטן ליד

מר(המשך) איז האָבן מיר געהאַט אין ווילנע אַ וווּנדערבאַרן מאַן דאָס איז געווען אַדוואָקאַט יוסף טייטעל שוין מאַפּ עסטעטיש רעפּרעזענטאַטיוו און אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער טוער אַ בונדיסט אַ פֿאָרשטייער פֿון די בונדיסטן און ער פֿלעגט קומען אויף אַ שׂימחה אויף אַ ביבע פֿלעגט ער זיך אַוועקזעצן און הייבן אָן און אַלע מיר אַרום איס ווײַל מיר זענען געווען יינגער און מיר האָבן געקוקט צו אים אַרויף און ער פֿלעגט זיך אַוועקזעצן אַזוי בכּבֿודיק אַלע איר ווייסט די בורסטאַקס אָדער ביבערס אָדער שׂימחות און ער פֿלעגט זינגען און מיר מיט אים צוזאַמען דאָס ליד האָט געהייסן איך ווייס אַפֿילו נישט דאָס איז פֿון אַ פּוילישע פֿון אַ פּוילישן מעלאָדיע פֿון אַ פּוילישער ליד איבערגענומען די מעלאָדיע און געמאַכט יידישע לידער איז דאָס ליד האָט געהייסן געדענק איך נישט דעם נאָמען דעם קעפּל פֿון דעם לידנאָר ער האָט אַזוי געזונגען ביי די זשידוווקעס איז גאָר גרויס עקשנות ME

מ'רעט דאָך פּויליש אָן רחמנות

מען זאָל זיי נישט דערקענען די זשעדוווקעס וואָס זיי זענען

פּויליש איז ביי זיי אַ שפּראַך

יידיש איז אַ מיאוסע זאַך

pelyləsh

RUTH

אַ כּפּרה אַש און פּרץ

פֿאַר פּשעבושעווסקין האָט אַלץ גרויס דרך־ארץ

מען זאָל זיי נישט דערקענען

זבידוווקעס וואָס זיי זענען

פּויליש איז ביי זיי אַ שפּראַך

יידיש איז אַ מיאוסע זאַך

ME

אָבער וואָזשע וואָזשע טוט מען וואָס

וואָזשע טוט מען כּיטן זשידאָווסקין נאָס

דאָ קען מען זיי דערקענען

די זשידוווקעס וואָס זיי זענען

יידישע איז אַ שיינע שפּראַך

פּויליש איז אַ מיאוסע זאַך

איר שטעלט זיך פֿאָר און מיר פֿלעגן דאָס אונטערכאַפּן און מיר פֿלעגן דאָס זינגען מיט אים און פּוילישע איז אַ שיינע שפּראַך יידישע איז אַ מיאוסע זאַך קען איך זאָגן, מער אַרײַנזאָגן האָט מען נישט געקענט ווײַל ערשטנס די וואָס האָבן געהאַט די לאַנגע נעזער די וואָס זײַנען געווועלט אַנטלויפֿן זײַנען שוין שטעקן געבליבן

מר(המשך) ווייל זיי האָבן דאָך געזען אַז ס׳איז דאָך נישטאָ קיין שיעור ווייל
ס׳איז גלייך קומט דאָך אַ פֿאַרשטייט אַ ס׳קומט דאָך ווי זאָגט מען דאָס מיט
די ציניש איר ווייסט דאָך אַ גענגיפּט פֿאַרשטייט אַ גענגיפּט קעגן דער קראַנקהייט
איז גלייך געקומען אָט אַ דער דאָזיקער ליד און אומעטום פֿלעגן מיר פֿאַרשפּרייטן
דאָס ליד און מ׳פֿלעגט זינגען און ס׳איז געווען חסידיש איר פֿאַרשטייט אַרום
דעם חבֿר טייטעל אָבער איין זאַך אַז איך בין יעצט געוואָרן עלטער פֿאַרשטיי איך
און איך זאָג דאָס שטענדיק צו מיינע קינדער פֿאַר וואָס האָבן די מענטשן דאַן
אַזוי באַווירקט דעם יידישן לעבן די אינטעלעקטואַלן ווײַלע זיי האָבן זיך
געהאַלטן איר פֿאַרשטייט זייער ווירדיק און זייער שטאַרק און אימפּאָזאַנט
איר פֿאַרשטייט זיי זענען געווען אימפּאָזאַנט ערשטנס דאַן איר ווייסט דאָך נישט אַלע
זענען געווען אַדוואָקאַטן און נישט אַלע זענען געווען דאָקטאָראַטן און נישט
אַלע האָבן געהאַט בילדונג און 45 יאָר צוריק פֿאַרשטייט אַז איינער האָט געענדיקט
אוניווערסיטעט האָט ער דאָך טאַקע געדאַרפֿט האָבן אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס
ווייל אין פּוילישע אוניווערסיטעט האָט מען נישט יעדערן אַריינגעלאָזן
דאָס איז דאָס קודם-כל און אַז מ׳האָט אַריינגעלאָזן האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן
און צוגעלאָזן צו די עקזאַמענס האָט מען בלויז איינצלנע מענטשן איז אַז
איינער איז געוואָרן אַ דאָקטער איז ער געווען דער דאָקטער און אַז דער איז
געוואָרן אַדוואָקאַט איז ער געווען דער אַדוואָקאַט און אַז ער איז געווען
אַדוואָקאַט און ער איז געווען נאָך אַזאַ וווּנדערלעכער ייִד דערצו האָט ער
געקענט אַ סך אויפֿטאָן האָט ער געקענט באַווירקן און איך קען אײַך זאָגן
אַז מיר אונדזער גרופּע פֿלעגט קומען ייִדישע אַלקאָק האָט דאָס געהייסן ייִדישער
לאַנדסקענטשאַפֿט-קרײַז פֿלעגן מיר זומער אַוועקפֿאָרן אין אַ קעמפּ אין די
בערג אין די טאַטרעס דאָרטן פֿלעגן מיר זיך טרעפֿן מיט סטודענטן פֿון קראָקע און פֿון
לעמבערג פֿון וואַרשע דער אונטערשייד פֿון די סטודענטן איז געווען אַ גרויסער
מיר זענען געווען פֿול מיט ייִדישקייט פֿולבלוטיקע ייִדן באַוווסטזיניקע שטאָלצע
אונטער זיך באַמיט שטענדיק אויפֿהאַלטן אונדז פֿאַרשטייט באַווייזן מיט אונדזער
ייִדישקייט ווי מיר האָבן נאָר געקענט און זיי האָבן זיך באַהאַלטן מיט זייער
ייִדישקייט אונטער פּלוצלונג מיר זיצן אַזוי איר ווייסט אַזוי אין דעם עסצימער
דעם ערשטן טאָג ס׳איז געווען אַ 10–15 מענטשן פֿון ווילנע און זייער אַ סך
קאָרפּאָראַנטן און זייער אַ סך איר ווייסט דאָך ייִדן הייסט עס ייִדן פּאָליאַקן
פֿון ייִדישן גלויבן אַזוי האָבן זיי געהייסן פּאָלאַקן פֿון ייִדישן גלויבן
קאָרפּאָראַנטן לאַנדמאַנשאַפֿטס-קרײַז אַלקאָק ייִדישער לאַנדסקענטשאַפֿט-קרײַז

מר(המשך) פֿון ווילנע און דאָס איז געווען די זעלבע זאַך איז געווען פֿון קראָקע
פֿון לעמבערג און פֿון ווילנע און פֿון וואַרשע איז פֿון וואַרשע זײַנען געקומען
אַ ביכל ציוניסטן און ווי געזאָגט די ציוניסטן האָבן נישט געהאַלטן פֿון ייִדיש
און די ציוניסטן האָבן געוועלט אַזוי שטילינקערהייט אַ ביסל אַזוי אָפּלאַכן פֿון
אונדזער ייִדיש אָבער דאָס ליד איז געווען אַזוי לעבעדיק און אַזוי שטאַרק
און איך האָב אָנגעהערט דאָ מיטן כאָר אין אונדזער קעמפּ און מיר האָט זיך
אַוועקגעזעצט און נאָכן עסן האָבן מיר געזונגען זמירות מיט אונדזערע זמירות
זענען געווען די ייִדישע לידער איז איך קען אײַך זאָגן דעם ערשטן טאָג ווען
מיר האָבן געזונגען אַ טייל האָבן זיך דעמאָנסטראַטיוו אויפֿגעשטעלט און אַוועק
מיר האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק מיר האָבן נאָך שטאַרקער געזונגען נאָך
זיכערער בײַ זיך געוואָרן אונדזער ליד האָט אָנגעקלונגען נאָך אַ סך מוזיקאַלישער
ווי ס'איז געווען פֿריִער דווקא און מיר האָבן אָנגעהויבן צו זינגען דעם צווייטן
טאָג זײַנען שוין געוואָרן שטילער אויפֿן דריטן טאָג האָבן זיי שוין אויסגעשטעלט
אַ פּאָר אויגן און זיך זייער וווּנדערלעך צוגעקוקט צו אונדז מיט גרויס
דרך-ארץ און נאָך אַ וואָך צײַט זײַנען זיי געזעסן מיט אונדז בײַ איין טיש
און מיטגעזונגען און זיי זענען געוואָרן אונדזערע נאָענטסטע פֿרײַנד דערנאָך
און אונדזער בעסטע מיטהעלפֿער ווײַל פֿאַרשטייט ייִדערער פֿון שטוב איז דאָס געקומען
פֿון אַ וסידישער היים און פֿון אַ ייִדישער היים און זיי האָבן זיך געוואָלט
אַרויסברייען זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפֿן און פּלוצלעם זיך געטראָפֿן מיט די
גרופּע קינדער פֿון ווילנע אונדז איר ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט איין שוואַרצע קאַץ
קען קאַליע מאַכן אָבער צען ייִדישע בחורים און מיידלעך פֿון ווילנע האָבן געקענט
אויפֿהאַלטן אַ באַוווּסטזיניקע און שטאָלצע און שיינע ייִדישקייט אין קעמפּ פֿון
דרײַ פֿערטל אַסימילאַנטן איר פֿאַרשטייט אַזוי אַז מ'דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי דאָס
נעמען און ווי אַזוי צוגיין צו דער זאַך אונדז איז קלער אַז זייער וויכטיק איז געווען
דאָס די אימפּאָזאַנטקייט דער אימפּאָנירן זיי טאַקע דאָרטן איז געווען דער זעלבער
שײַטעל און ס'איז געווען זײַן פֿרוי שיפּרע וואָס איז געווען זייער אַן עלעגאַנטע
פֿרוי און זייער אַ שיינע און זי האָט שיין געזונגען און מיר זענען אַלע געווען 6 weeks
אַזוי זיכער בײַ זיך איר ווייסט שטאָלץ מיטן באַגאַזש וואָס מיר האָבן מיטגענומען
פֿון ווילנע און אונדזער יחוס איז געווען נישט צו באַשרײַבן פֿאַרשטייט ווילנע
נו אונדז דערנאָך זײַנען מיר שוין געבליבן דאָרט עטלעכע וואָכן אַ זעקס וואָכן
און אין משך פֿון די זעקס וואָכן זײַנען געווען אָוונטן און די אָוונטן פֿלעגן מיר
דורכפֿירן מיט פֿאַרשיידענע ייִדישע לידער און דווקא אונדז דערנאָך פֿלעגט קומען
אַשקעראָוויץ דאָס זיך איז געווען אַ גרעסער געזעלשאַפֿטלעכער טוער פֿון וואַרשע

מר(המשך) איז ער דורכגעגאַנגען די טאָפּרעסן איז ער אַריינגעקומען צו אונדז
באַט ער אויך אַריינגעבראַכט אַ ביסעלע איר ווייסט דאָך יידישן גייסט און
ער האָט אויסגעלערנט נייע לידער און נייע געזאַנגען נאָר איין זאַך זאָלט איר
ווייסן זיין אונדז איז געלונגען נאָר צוליב איין זאַך אַז מיר האָבן שטענדיק
געמוזט געבן אויך אַ שיין פּוילישע ליד און אַ שיינע רוסישער ליד און
זינגנדיק רוסישע און יידישע לידער האָט מען דאָס איז נישט געווען קאָנטראַבאַנדע
די יידישע לידער נאָר מיר האָט זיי געמוזט אונטערשטרייכן אַז מיר קענען פּונקט אַזוי
פּויליש ווי איר אפשר בעסער מיר זינגען פּוילישע לידער שענער ווי איר קענט דאָס
זינגען מיר קענען דאָס דורכפירן מיר קענען דאָס מיר קענען דאָס איר ווייסט דאָך
זינגען מיט דער זעלבער ליבשאַפט ווי איר וואָס האָט דאָך קיין שייכות נישט צו אונ
ער ליד דאָס איז דאָך נישט אונדזער ליד ס'איז דאָס ליד דאָס ליד דאָס פּוילישע ליד
מיר האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער רוסישער ערד אויף דער פּוילישער ערד
זינגען מיר זייערע לידער אָבער דאָס איז נישט אונדזער ליד אונדזער ליד
זינגט מען אַנדערש פּאַרטשייט אָבער זינגנדיק קענענדיק זייערע לידער זיי
האָבן געזען אַז מיר זענען נישט פּאַרשטייט איר מיר פון די דלד אמות פון
געטאָ שרויט נאָר מיר זענען וועלטלעך דאָס איז אַ זייגעווען זייער ווילכטיק
אַז מיר זיינען וועלטלעכע יידן פּונקט אַזוי ווי זיי מיר קענען פּונקט די
זעלבע שטיק וואָס זיי אָבער מיר ווילן דאָס נישט מיר קענען דאָס נישט טאָן
צוליב אונדזער איבערצייגונג און אונדזער איבערצייגונג האָט זיי אָנגעשמעקט
זיי זענען אויך געוואָרן נישט נאָר איבערצייגט איך דערמאָן זיך מיר זענען
אַ מאָל געווען אין קראָקע אין אַ אַטינלירטער הויז וווּ די מאַמע איז פון אַ
חסידישער הויז וואָס מען האָט נישט געהערט אַפילו דאָס דערמאָנען דער טאַטע
אַסימילאַנט ער האָט געוואָלט אַפילו פאַרגעסן אַז ער איז אַ ייד די קינדער האָט
ער קיין שום יידישער דערציִונג נישט געגעבן אונד די מיידלעך זענען געווען
מיינע חברטעס און זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו זיך און זיי האָבן איינגעלאַדן
עטלעכע נאָך חברים אַרום זיך און מיר זיצן צו זוטערנאַכט און די קינדער
זינגען אָפּן אונט מ'צינדט מיר אָן איך זאָל זינגען נו אַ ליד האָט מען זיך
נישט געדאַרפט בעטן אַז איך פלעג זיך אָנדרייען פלעג איך זינגען כ'האָב געקענט
זינגען ביז צוועלפן ביז צוויי אין דער נאַכט אויך איין ליד האָט געצויגן
דאָס אַנדערע און איך האָב געהאַט אַ לאַנגן און אַ גרויסן רעפּערטואַר און אַזוי
זינגנדיק איז דער טאַטע אַריין און דער טאַטע איז אַריין און ער האָט געהערט
יידישע לידער ביי זיך אין שטוב ביי זיין טיש איז אים געוואָרן ענג ענג
די הייט און ענג די שטוב ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן איז האָט ער די
ערשטע זאַך פאַרמאַכט די פענצטער און ערנאָך האָט ער געזאָגט ס'איז שוין שפעט

דיר־דווא יאסימאלאווען ← כוח פון ליד

מר(המשך) קינדער מ'דאַרף שוין גיין אַהיים און כ האָב געזען ווי די בלוט איז
אים אַריינגעגאַנגען אין פּנים צוריק צוריק צו דעם אַמאָל דעם אַמאָל וואָס ער האָט
געוועלט אויסשפּייען ער האָט געוואָלט פֿאַרגעסן אַז די קינדער האָבן שוין געוואָלט
צוריק דאָס ליד פֿון אַ מאָל און זיי האָבן דאָס נישט געהערט נאָר זיי האָבן דאָס געהאַט
אין זיך פֿאַרשטייט האָבן זיי כאָטש געוואָלט מיט דעם זיך אויסלעבן די שעה די
מינוט וואָס זיי האָבן אונדז לעבן זיך איז דאַן האָב איך באַשלאָסן איר פֿאַרשטייט
אַז פֿון זיך קען מען אין ערגעץ נישט אַנטלויפֿן און אַ מענטש נעמט זיך אומעטום
מיט פֿאַרשטייט זיך באַדינגונגען שפּילן אַ גרויסע ראָלע און נאָך גרעסערע ראָלע
שפּילט דעם מהות פֿונעם מענטשן איר פֿאַרשטייט אַז אַ מענטש איז אַ האָט אַ אַ געוויסע
גאַנצקייט אין זיך אַ געוויסן שטעל אין זיך אַ געוויסן דרך־ארץ פֿאַר זיך קען
ער זייער אַ סך אויפֿטאָן אָבער ליידער די יוגנט די פּוילישע יוגנט איז זיינען
זיי געווען פֿול מיט מורא און פֿול מיט פּחד אַז דער גוי זאָל נישט דערזען און דער
גוי זאָל נישט דערהערן איך זאָג דאָך אייך אַלץ איז געווען וווּנדערבאַר נאָר
די נאָז הייבנט אָנגערירט מען די נעז אָבער דאַן האָט מען דאָך נישט דערגאַנגען
צו דער דאָזיקער קונסט איר פֿאַרשטייט איז די יידעס נאָז קאָן פֿאַראַסן אַנדערש
האָט מען גאָרנישט נישט געקענט האָבן קיין פֿאַרראַט ווייל שפּראַך האָבן זיי דאָך געהערט
פּערפֿעקט און זייער אַקצענט איז געווען אַ ריינער אַ פּוילישער און געווען זענען
זיי שטענדיק פֿון די בעסטע סטודענטן פֿאַרשטייט האָט מען זיי נישט געקענט פֿאַרפֿאָלגן
האָבן זיי זיך אַליין פֿאַרפֿאָלגט אַז קיינער האָט זיי נישט פֿאַרפֿאָלגט האָבן זיי זיך
אַליין פֿאַרפֿאָלגט נו אונדז איך קען אייך זאָגן אַז עד־היום האָב איך נאָך פֿריינד
פֿון די דאָזיקע רייען וואָס זיי קאָנטאַקטירן מיר און זיי קענען נישט פֿאַרגעסן
נישט מיר און נישט די צייטן נישט די יידישע לידער און איינער וואָס געפֿינט
זיך איצט אַפֿילו אין מאָנטרעאָל זייער אַ טימלירטער ייִד וואָס אַ דאָקטער אונדז
ער איז געקומען אַהער און די ערשטע ווערטער (איבערריַיס) דער דאָקטער איז
געקומען פֿון טשערנאָוויץ איז ער געקומען מיט דעם דו ווייסט זאָגט ער מאַטע
אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען אונדזערע גאַנצע שבֿעה מדורי גהינום זיינען מיר
אַדורכגעגאַנגען מיט דיין רייזעלע מיר האָט דאָס ליד רייזעלע געבירטיגס האָט
אונדז די גאַנצע צייט אויפֿגעהאַלטן אין גײַסט און די לעבנסצייטן שווערלעכע מיר
האָבן דאָס געזונגען דערמאָנט דיר און געטרייסט נאָך אַ מאָל צוזאַמענקומען מיר
זאָל נאָך אַ מאָל קענען אָנהייבן פֿון דאָס נײַע לידער איז דאָס געווען נאָר ווערטער
ווייל דער טאָן איז שוין זייער זייער ווייט פֿון רייזעלען זייער ווייט פֿון יידישקייט
און זייער ווייט פֿון געבן דערציִונג זיינע איינינקלעך איר ווייסט דאָך אין דעם
יידישן גייסט אין דעם גייסט אין וועלכן ער האָט זיך געראַטעוועט ער דאַרף האָבן

אַנטי-חסידישע לידער

מר(המשך) קאַריערע באַר זייַנע נייַע דורות איר ווייסט דאָך מענטשן יאָגן זיך נאָך קאַריערע נאָך מער ווי נאָך יידישקייט אָבער די וואָס בלייַבן די איבות מוזן זייַן אַזוי שטאַרק אַז ס׳זאָל זיך קיינמאָל זאַך נישט אָפּשטעלן ווי קליין זייער שיטער די רייען זאָלן נישט זייַן מוזן זיי אויפּטאָן גרויסע זאַכן ווייַלע מיט אַ ליד קען מען זייער אַ סך אויפּטאָן דורך אַ ליד קען מען זיך אוי לעבן דורך אַ ליד קען מען אויסדריקן די געפילן די געדאַנקען שטימונגען די אָפּגעהעריקייט אַלץ דורך אַ ליד אונד למשל אַזאַ זאַך איר ווייסט דאָך עה אַ מאָל מ׳האָט דאָך קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט געמישטע חתונות איר ווייסט דאָך מ׳האָט נישט געוווסט אַפילו מיט וואָס מ׳עסט דאָס אָבער איין זאַך האָט מען געוווסט אַ ביסל הומאָר אַרייַנגעבן אין ליד אין אַ ביסל אָפּלאַכן און אַ ביסעלע באַווייַזן ווי קאָמיש אַלץ זעט דאָס אויס און איר ווייסט דאָך ספּעציעל די בונדיסטן האָבן דאָך אַ ביסעלע איר ווייסט דאָך געקוקט אַ ביסעלע קרום אויף די רעליגיעזע קרייַזן האָבן זיי געשאַפן אַ ליד איך ווייס נישט צי איר קענט דאָס ליד די ליד איז געווען זייער פּאָפּולער און דווקא אין גאַליציע מיר האָבן דאָס ליד אין ווילנע האָבן מיר קיין מאָל אַזאַ ליד נישט געזונגען נאָר פון זיי אַז זיי האָבן שוין געזונגען אַז מיר ברענגען אַזאַ באַגאַזש מיט לידער האָבן זיי אונדז געוועלט עפּעס געבן האָבן זיי אונדז געגעבן דאָס ליד איך אַ שטעטעלע ניט ווייַט פון דאַנען און ביי דודס חתונה האָט מען מיר אָנגעוויזן אַז איר זאָל זינגען דאָס ליד איר ווייסט דאָך אַזוי ווי ס׳איז זכרונות און אַזוי ווי ס׳איז נאָסטאַלגיע און אַזוי ווי ס׳איז אינספּיראַציע האָב איך געזונגען דאָס ליד און דאָס ליד מיין איך זינגען אַ סך קינדער געבליבן אין זייערע אייגענע דאָלאַר אמות האָבן קיין מאָל נישט קאָקעטירט מיט אַנדערע פעלקער אָדער מיט אַנדערע פעלקער ביי אַנדערע גליקן זיי האָבן נישט געזוכט קיין גליקן זיי האָבן זייַן געבליבן אין זייער אייגענעם גליק און זיי האָבן דאָס אַנטוויקלט אויף ווי ווייַט מעגלעך געגאַנגען איר ווייסט דאָך פאַרויס אַז זיי זאָלן פון אַ קליין גליק קענען מאַכן אַ גרויס גליק און נישט זוכן גליקן ביי פרעמדע פעלקער ביי פרעמדע אובות איז דאָס גליק איז געווען אונדזער ליד (זינגט)

איך אַ שטעטעלע ניטש ווייַט פון דאַנען אוי
איז אַ רבילי פאַראַנין אוי
לעבן לעבט ער ניט פון שמות אוי
נאָר פון חסידים די בהמות אוי אוי אוי
בומצי גזירה אאַז"וו
טראַ לאַ אאַז"וו
(פוילישׂ)

song @ my wedding

(8) Satiric song as catharsis, therapeutic, vicarious deviance

מרעט/



Galician provenance: antihasidic; 1/2 Polish

מרעקם דאָס איז פּויליש האַלב יידיש און האַלב פּויליש איר פֿאַרשטייט (זינגט)

איז איין שטעטאַלי אַ מעשה פֿאַלאַפּן אוי

מ'האָט דעם רבינס זון געטראָפֿן אוי

מיט אַ שיקסעשע צווישן די בוימער אוי

אָן אַ שמש אָן אַ שומר אוי אוי אוי

און דאָ קומט בומצי אאַז"וו דערנאָך (זינגט)

טאַטע טאַטע האָב ניש קיין מורא אוי

אַ שיקסע איז אַ כשרע סחורה אוי

דער זון וועט וואַקסן אַ בן-תורה אוי

זאָל זיין געבענטשט דער בורא אוי אוי אוי

דאָס איז געווען געגנוג מיט דעם צו פֿאַרענדיקן פֿאַרשטייסט אַ שיקסע איז אַ כשרע סחורה איר פֿאַרשטייט דורך דעם וואָרט אַז א שיקסע איז אַ כשרע סחורה האָט מען איר שוין געפּטרט אויף ניט צו באַדאַרפֿן פֿאַרשטייט איר האָט איר געפּטרט אויף ניט צו באַדאַרפֿן ווייל אויב זי איז אַ כשרע סחורה וואָס איז דאָ זיך וואָס צו דעריאָגן כל-זמן ס'איז טריף איז דאָס זייער אינטערעסאַנט איר פֿאַרשטייט דאַרף מען זיך יאָגן אַז ס'איז טריף מיר זיינען דאָך כשר און זיי זענען טריף דאַרף מען פֿאַרזוכן טרפֿות אָבער אַז דאָס איז שוין אַ כשרע סחורה איז וואָס דאַרף מען זיך יאָגן נאָך דעם זענען מיר געבליבן ביי אונדזער איר פֿאַרשטייט דאָס איז דאָס איז איך מיין אַז דאָס האָט אונדז פּשוט דאָס האָט אונדז געהאָלפֿן און דאָס האָט אונדז ווי זאָגט מען דאָס עס האָט אונדז אָפּגעהיט ס'האָט אונדז אָפּגעהיט פֿון נאַרישקייטן צו טאָן וואָס מיר זיינען ווער מיר זיינען און פֿאַר וואָס מיר זיינען דאָס האָט אונדז באַפֿרייט פֿון געוויסע קאָמפּלעקסן דורך די לידער זענען מיר באַפֿרייט געוואָרן פֿון קאָמפּלעקסן און דאָס איז אַלץ געווען גאַליציאַנער דאָס האָבן מיר אויסגעלערנט ביי די גאַליציאַנער איר פֿאַרשטייט אין קעמפּ יע זיי האָבן אונדז אויסגעלערנט דאָס ליד און ס'איז זייער אינטערעסאַנט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיי פֿאַרשטייט און אַ העלף ליד איז געווען אויך פּויליש האָבן זיי צוגעגעבן אויף פּויליש זאָג איך איין ביישפּיל מ'האָט געקענט למשל איבערדערציילנגען האָבן געשפּילט ביי אונדז אַ גרויסע גוואַלדיקע ראָלע למשל מיר האָבן געהאַט איין ווילדע אַ געניאַלן בחור ער האָט געהייסן לייב סטאַטסקי איז אַז ער איז אַלט געווען 13 יאָר אַז ער איז געווען אַ וווּנדערקינד האָט ער איבערגעזעצט גאַנץ פּושקינען אויף יידיש און דאָס איז געווען אַזאַ איבערזעצונג אַז ס'האָט געקענט זיין אַ פּריִע פּשוט אַ אַזוי ליטעראַריש און אַזוי פּרעכטיק אַרויסגעגעבן איר ווייסט דאָך אין יענע צייטן

Singing in public place – Sleps Choir

מר(המשך) ווער האָט זיך דאָס איר ווייסט דאָך געצאַצקעט ווער האָט אימעצן
אויסגעהויבן מ'האָט זיך געדאַרפֿט דורכברעכן דורכקעמפֿן און נישט אַלע
האָבן געקענט דורכקעמפֿן ווייל וואָס ברויט איז געווען אויפֿן ערשטן
פּלאַץ און דערנאָך איז געווען מלחמות און דערנאָך איז נישט געווען קיין שיך
און דערנאָך איז נישט געווען קיין בגד איז ווען איז דאָס אָנגעגאַנגען אַזוי
בי ער וועט זײַן אַ שרײַבער צי ער האָט נישט געזײַן קיין שרײַבער וועט זײַן
אַ שרײַבער וויינינקער קיינער האָט שפּעטערדיקע יאָרן איר פֿאַרשטייט האָבן
שוין געהאַט אַנדערע קוואַלן אַנדערע מעגלעכקייטן אָבער אין די יאָרן פֿון 15 16 17

WW I

18 דאָס זײַנען געווען הונגעריאָרן דאָס זײַנען געווען איר ווייסט דאָך
עוואַקואַציעס מיט איין פֿריער איז געווען רוסלאַנד דערנאָך איז געווען פּוילן
דערנאָך איז געווען דײַטשלאַנד און דערנאָך איז צוריקגעקומען די באָלשעוויקעס
און דערנאָך איז צוריקגעקומען פּוילן איר פֿאַרשטייט און דאָס אַלץ אין משך פֿון
פֿיר יאָר קינדער אין דעם עלטער ווען זיי דאַרפֿן האָבן אַ ביסעלע רו אַ ביסעלע
זיכערקייט אַ ביסל סעקיורדיטי און מיר האָבן נישט געוווסט אַז מיר לייגן זיך
אַוועק שלאָפֿן האָבן מיר נישט געוווסט מיט וועלכן מיר שטייען אויף צי מיטן
דײַטש צי מיטן פּוילן צי מיטן פּוילן מיטן פּאָלאַק איר פֿאַרשטייט אַזוי אַז מיר
האָבן געדאַרפֿט אויסלעבן זיך פֿון אונדזערע טיפֿענישן אַרויס ווײַלע פֿון דרויסן
האָבן מיר געהאַט נאָר באָמבעס און טראַסנעלן און לאַנגע רייען נאָך ברויט איר
פֿאַרשטייט נאָר מיט אַ מאָל איר פֿאַרשטייט איז אויסגעוואַקסן אַזאַ זאַך הילף
אַ קאָמיטעט אַ הילף־קאָמיטעט און ס'האָבן זיי באַשלאָסן אין אַ גרויסן גאָרטן
אין צילאַטניק צו מאַכן קאָנצערטן און צו מאַכן קאָנצערטן פֿאַר די דורכגייערס
פֿאַר קינדער מ'זאָל זיך קענען צוזאַמענקומען שטענדיק געווען אַ כאָר שטענדיק
האָבן מיר געהאַט אַ כאָר פֿון שילערס און דערוואַקסענע און דער כאָר האָט געזונגען
אין צילאַטניק און שטעלט זיך פֿאָר אַז מיר פֿלעגן קומען אַלס קינדער און אין
אַזאַ פּוילן וואָס מ'האָט מורא געהאַט פֿאַרן שאָטן דעם אייגענעם שאָטן האָט מען מורא
געהאַט האָט געקלונגען דאָס ייִדישע ליד אין אַ גאָרטן או מיר האָבן געפֿילט באמה
האָבן מיר דאָך עפּעס דערגרייכט ווי אַזוי מיר האָבן דערגרייכט האָבן מיר
נישט געוווסט מיר זײַנען געווען קינדער אָבער פֿון ווײַטנס האָט געקלונגען
דאָס ליד איך וועל דאָס קיין מאָל אין לעבן נישט פֿאַרגעסן וואָס דאָס ליד פֿון
דעם גאָרטן וואָס אַ כאָר כ'מיין דאָס איז געווען דער כאָר פֿון סלעפּן דייער אַ
גרויסער דיריגענט אַ טײַערער ייִד און אַ וואַרעמער מענטש און ער האָט אַוועקגעלייגט
זײַנע גאַנצע מעגלעכקייטן אויף דורכ איר ווייסט דאָך דורכפֿירן דאָס ליד
פּערפֿעקט מיט זײַן כאָר און אַלץ איז געווען אַזוי איר ווייסט מוזיקאַליש

מר(המשך) אויף אַזאַ מדרגה אויף אַזאַ שטופּע אַז נישט נאָר מ'האָט נישט געקענט אַז קיינער האָט זיך נישט געקענט צו אונדז פֿאַרגלייבן ווייל איך האָב געקלערט אַז קיין איין פֿאָלק קען נישט אַרויסברענגען אַזוי אַ ליד דורך אַ כאָר געזאַנג ווי מיר האָבן דאָס געטאָן איר פֿאַרשטייט יעדע זאַך האָט ביי אונדז אַרויסגערופֿן שטאָלץ און מדרגה און קוקן אַרויף מיר האָבן געקוקט אַרויף אויף יעדער זאַך און אָט איז דער קלאַנג וואָס גייט מיר נאָך פֿון יענעם גאָרטן אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע פֿון יאָר 1918 דאָס ליד האָט געהייסן זשאַמעלע זיכער איז דאָ דאָס ליד פֿאַרשריבן און מ'זינגט דאָס אָבער מ'זינגט דאָס אַנדערש אָבער מ'זינגט דאָס אין גאַנצן נישט אָבער ביי אונדז האָט מען דאָס געזונגען און מ'האָט דאָס איבערגעלעבט מיר זיינען געווען די זשאַמאַלעך פֿלעגט מען זינגען אַזוי (זינגט)

דו ווערסט זיין אַ גביר מיין זשאַמעלע
פֿלעגט מיר זינגען בא/ מיין וויגעלע
אַלע מאָל ביי נאַכט מיין מאַמעלע
איך געדענק נאָך היינט איר ניגונלע

שלאָפֿן שלאָף איך אויף אַ קערבעלע
מאַך אַ מוציא אַף אַ סקאָרינקע
און לחיים אויף אַ שערבעלע
פֿול מיט ברונים-וואַסער קלאָרינקע

און מיין קינדערלאַך און ס'ווייבעלע
גייען אויסגעפּוצט אַנטיקעלע
פֿול מיט טאַניטשקע דוכ לייבעלע
און פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריקעלע

און דאָס ליד האָט אָפּגעקלאַנגען פֿון איין זייט גאָרטן ביזן צווייטן און מיר זיינען דאָך געווען די זשאַמאַלעך און מיר האָבן דאָך געוווּסט וואָס דאָס הייסט צו מאַכן אַ לחיים אויף אַ שערבעלע און אַ מוציא אויף אַ סקאָרינקע איז צו אונדז איז דאָס דערגאַנגען דאָס ליד איז געווען אונדזער ליד ס'איז נישט געווען סתם אַ ליד אויסגעטראַכט וואָס מיר האָבן דאָס געדאַרפֿט אַריינשטעלן אין פֿענצטער און זיך צאַצקען מיט דעם אַ מאָדעליד נישט געווען קיין מאָדעליד ס'איז געווען אַ ליד פֿון אונדזער לעבן פֿון אונדזער זיין פֿון אונדזער דאָס איז די טיפּישע ליד פֿון אונדזער לעבן פֿון אונדזער קינדעריאָרן

מר (המשך) דאָס איז געווען זשאַמעלע און ווײַטער איר ווײסט דאָך איז

* געווען געקומען צו אונדז פֿלעגן קומען דאָך זײער אַ סך די קלײנקונסט-בינע

און די יוגנט פֿלעגט גײן און מ'פֿלעגט נישט עסן קײן מיטאָג און מ'פֿלעגט

נישט עסן קײן אָוונטברויט נאָר דאָס געלט האָט מען אויסגעגעבן פֿאַר אַ ייִדיש

טעאַטער מ'זאָל קענען אַרײַנגײן אין אַ ייִדיש טעאַטער אין געפּאַקט איז ער

שטענדיק געווען און טענדיק מיט יוגנט און די יוגנט איז אַרויס פֿון טעאַטער

האָט מען ד׳ס געזונגען מ'איז געגאַנגען אויפֿן גאַס און מ'האָט געזונגען און

ס'איז געקומען סטרוגאַטש מיט זײַן קלײנקונסט-בינע איז פֿאַרשטײט זיך איך

האָב זיך אַרײַנגעוואָרפֿן מיט מײַן גאַנצן ברען ווײַלע איך האָב געפֿילט אַז

איך געהער אין לעב זיך אויס אין דעם איר פֿאַרשטײט איך האָב זיך אויסגעלעבט

אין דעם אין דאָס ליד אָבער דאָס ליד האָט אַזױ פֿאַרכאַפּט מיט געבירטיגס לידער

ספּעציעל קום לײבקע טאַנץ טשאַרלסטאָן איז איר ווײסט דאָס איז געווען אַ

ליד וואָס אַלע ייִנגלעך פֿלעגן גײן אויף דער גאַס איר ווײסט דאָך (זינגט)

קום לײבקע טאַנצן שעם זיך ניש
אין וועל דיך פֿירן טריט בײַ טריט
שטעל זיך מײַן ליבער אָקעגנאיבער
און הײב צוזאַמען מיט מיר אָן

נעם פּעסל אַרום טיר לײבקע קרוין
דאָס ווײס איך זיכער קענסטו שוין
יעצט לאָמיר שוועבן אַך סאַראַ לעבן
עס טאַנצט אַ פּורל טשאַרלסטאָן

דאָס איז דער רעפֿרען איר ווײסט דאָך ס'איז זײער אַ שײן ליד (זינגט)

לײבקע מײַן לעבן עס וועט קײן גיטס נישט געבן
דו ברענגסט מיט דײַן עקשנות מיר פֿון געדילד אַרויס
דו מוסטזיך לערנען טאַנצן אין, טוועך בבי אונדזער לעבן
אַלא נישט איז הכינס מיט אונדז שוין אויס

מעגסטו זײַן וואָר דו ביסט אַ פֿאַרברענטער ציוניסט
אַ בונדאָוויעץ ווערמען גײט דאָס אָן
אַלע ייִסטן זינד דער צײַט
און אויך די אַ גוטע לײַט
לערנען טאַנצן טשאַרלסטאָן

רעפֿרײן

איר פֿאַרשטײט וויפֿל צניעות וויפֿל ריינקייט וויפֿל שיינקייט עס האָט געשטעקט אין

דעם טשאַרלסטאָן איר פֿאַרשטײט-

(סוף ז׳ 2 המשך ז׳1)

(אנהייב המשך, ז״1)

מר יע כ׳האב איך פריער געזאגט וועגן דעם לייב סטאצקי ווי ער פלעגט איבער־זעצן און אזוי ווי ער איז געווען מיין חבר און מיין (שול)-קאלעגיע

און ער האט געוואוסט אז א ליד איז איין לעבן כ׳וועל אייך שפעטער זאגן דער־ציילן וועגן א ליד וואס חברים האבן מיר געמאכט צו דער חתונה וועט איר פארשטיין אז דאס איז געווען ביי מיר א שטיק פון מיין לעבן איז האט ער מיר אי בערזעצט זייער א סך איך פלעג דאך זינגען זייער א סך רוסישע ראמאנסן און פוילישע לידער האט ער נישט געוואלט איך זאל אס זינגען רוסיש נאר ער האט געוואלט איך זאל דאס זינגען מאקע יידיש ווייל כדי עס זאל בלייבן בלייבן ביי מיר איז איינע פון די דאזיקע איבערזעצונגען א וואונדערבארע איבערזעצונג פון א רוסישן ראמאנס (שלאף רויק מיין מיידעלע) אזוי האט עס געהייסן דאס איז געווען פון רוסיש איבערזעצט נאר א שטיקל וועל איך אייך איצט זינגען די זינג איך שטענדיק פאר מיינע קינדער ביים פיאנא ווייסט דאך איך שפיל א ביסל איך אקאמפאניר זיך אליין איז דאס ליד איז אזוי (זינגט)

שלאף רויק מיין מיידעלע
רויק און זארגן
פון צער און פון קלעמעניש פריי
אצינד איז דיין ליכטיקער לעבנס־פרימארגן
אצינד איז דיין ליכטיקער מיי

עס ביישן זיך איבער עס פליען די יארן
(די לעבנס זענען פארביי)
און שנעל ווי א חלום
ווערט פלוצלונג פארלארן
דאס קינדהייטס און גאלדיקע צייט

ערשטע סטראפע

און ווייל ער וועל איך אייך א מאל דאס גאנצע ליד אויפשרייבן ס׳ ראמאנס ס׳איז א שיין לידעלע איך וועל עס אייך אויפזוכן שפעטער די גאנצע ליד ביים פיאנא א קייל איך וועל אייך אויפשפילן ביים פיאנא און אויפזינגען דאס איין סטראפע אויף רוסיש און דערנאך די איבערזעצונג וועט איר ווייזן געווען ווי געלונגען ער האט עס איבערזעצט און איך קען אייך זאגן א סך א סך לידער למשל ער האט איבערזעצט אזא ליד ווי ס׳איז געווען (די ליבע צודראווינע) ביליקע צודראווינע האט ער געהייסן אויף פויליש אויך וועל איך אייך אויך זינגען שפעטער איך פויליש א גאר ווערטער א פאר זאצן אבער דאס איז אויך אזוי ניע בויקע צודראווונע (זינגט)

מר(זינגט)

גאָלדענע קינדהייט דערמאָנט מיר אַצינדער
יאָרן פֿאַרלאָפֿענע גאָר אָן אַ שיעור
מעשיות פֿון וווּנדער און מעשיות פֿון צויבער
פֿלעגט מיר מײַן בובעניו דערציילן אָן אַ שיעור

פֿון פֿאַרכּישופֿטע מלוכה פֿון פֿאַרצויבערטע פּרינצן
פֿון ווײַטע לענדער גאָר אָן אַ שיעור
און אַז זי פֿלעגט אַנטשוויגן געוויינט האָב איך ביטער
איך פֿלעג זי דערמאָנען אַ באָבינו דערצייל

דערצייל מיר מײַן גאָלדענע שיינהייט
דערצייל מיר דײַן צויבער-לעגענדע
שווער אַז דײַן ליבע דײַן טרײַהייט
וועט קיין מאָל ניט נעמען קיין ענדע

אַז נאָר מיר וועסט אייביק געדענקען
אייביק מיר שטענדיק נאָר טרײַ זײַן
אַז נאָך מיר וועסט לעכצן און בענקען
כ'האָב ליב די לעגענדע ביז טרערן (2)

דאָס אַנדערע טייל וועל איך אײַך אויסזינגען אַז איך וועל אײַך אויסשרײַבן די גאַנצע ווערטער וועל איך אײַך אויסזינגען דאָס גאַנצע ליד איך זאָל זיך ניט פֿאַרפֿלאָנטערן ווײַל עס האָט דאָך ניט קיין זין פֿאַרכאַפּן ווערטער נאָר דאָס איז אַן אויסגעוויינדלעכע ליד באַלקיע צודאָוונע און די איבערזעצונג איז מיר דאַכט זיך נאָך שענער ווי דאָס ליד אַליין ווײַל דאָס איז אויסגעוויינדלעך און דאָס פֿלעגט מען זינגען אין די וועלדער בײַ נאַכט אַ גאַנצע גרופּע מיט יונגע צענדליקער צענדליקער קינדער וואָס האָבן געהאַט קיין שום שײַכות צו ייִדיש פּונקט אַזוי ווי כ'האָב יעצט ניט קיין שײַכות צו ייִדיש פּויליש-דערצויגענע פּויליש- פֿאַרגעבראַכטע קינדער און פּלוצלונג אין וואַלד פֿלעגט אַ קלינג טאָן אַ ייִדיש ליד און אַ ייִדישע ראָמאַנס און זיי האָבן דאָס געהערט אין אַן אויספֿירונג אין אַ איבערלעבונג אין אַ שטימונג זיי זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן זיי זײַנען אינספּירירט געוואָרן צו זינגען געפֿעלן געוואָרן זיי האָבן געוואָלט מיטזינגען זיי האָבן זיך געוואָלט אויסלערנען פּשוט אַ מאָל האָבן זיך געוואָלט אויסלערנען ייִדיש צוליב אַ ליד זיי זאָלן קענען אויפֿזינגען אַ ליד פֿאַר וואָס (איך שטוב) זינגען אַזוי שיין ווײַלע קיין איין ליד האָט ניט געקלונגען אַזוי שיין אין יענער צײַט ווי דאָס ייִדישע ליד דאָס האָט

ייִדיש: נאָך אַנדער מאָל

מר,המשך) דאָך אַזוי שיין געקלונגען און אַז דער יידישער טעאַטער איז געקומען איר ווייסט זיי האָבן געוואָלן אויפגעלעבט און אויפגעהיימערט און מ'פלעגט גיין אויף די גאַסן און מ'פלעגט זינגען יידישע לידער און אַז פלעגט קומען למשל אויף א שימחה פלעגט מען זיך אַוועקזעצן ביים טיש פלעגט מען זינגען למשל אַ ליד און דער עיקר איינער פלעגט זינגען און אַלע פלעגן מיטזינגען איר פאַרשטייט דער כאָר איז שטענדיק געווען גרייט ווייל אַלע האָבן געקענט דאָס ליד האָבן אַלע מיטגעזונגען און ס'איז גלייך געווען אַטמאָספער און גלייך געווען/שטימונג און די וואָס האָבן נישט געקענט האָבן זיך אויך אַריינגעשלעפט אין טאַנץ אַריינגעצויגן זיך אַזוי ווי יעצט אין א הורה אַזוי האָט מען זיך אַריינגעצויגן אין אַ יידישן ליד מ'האָט זיך אַריינגעצויגן אינעם טאַנץ און מ'האָט געזונגען למשל מ'פלעגט זינגען אַזוי (זינגט)

אוי אוי שיינדעלע ווירט א כלה אוי ווי גיט
אוי אוי שיינדאלי ווירט אַ כלה זינגטשי אלי מיט
אַזוי ווי איר זיצטאָ אויף די ערטער
זינגטשע אַלע מיט מיט ווערטער

אַלע (לעגן אַ זונג טאָן)

אוי אוי אַוי שיינדאַלי ווירט אַ כלה אוי ווי גיט
טאָ שפיל זשע שפיל כלי-זמר/ אַ שטיקעלע
אוי אוי די כלה פירט דעם חתן אויף אַ שטריקאַלע
אוי אוי טאַנץ אין ליבער עולמל
ווייל נאָך דער חופה זעט מען אויס ווי א גולמל

אוי אוי שיינדאַלי ווערט אַ כלה אוי ווי גיט
אוי אוי שיינדאלי ווערט אַ כלה אוי ווי פיין
איר חתונה וועט זיין אין פרילינג
פונקט צום יאָר זי האָבן אַ צווילינג

רעפריין (לעצטע שורה איז:)

ווייל מ'האָט אָנגעזעצט דעם נדן אוי איז ער אַ גולמל

מר(לאַכט) שיין איך זאָג אײַך דאָס איז אַלץ איינע פֿון איינצלנע לידער
אָבער די לידער זענען געגאַנגען אַזוי ווי צאַשטושקעס איר ווייסט דאָך
איין ליד האָט אַרי־נגעצויגן דאָס צווייטע און אַלץ איין גרעסערן און גרעסערן
עקסטאַז און אַזוי ווי די חסידים טאַנצן און זינגע. איין שטיבל אַזוי האָבן
מיר געזונגען אויף אונדזער וועג און מיר האָבן זיך אויסגעלעבט אַזוי ווי
חסידים האָבן זיך אויסגעלעבט אין שטיבל האָבן מיר זיך אויסגעלעבט וועלטלעך
אָבער ייִדיש שטענדיק ייִדיש זאָג איך אײַך אַז דאָס רוסישע ליד איז אויך געווען
אַ ייִדישע דאָס איז אַרויסגעזונגע־ן געוואָרן פֿון אַ ייִדיש האַרץ האָט עס נישט
געקענט זײַן אַ רוסיש ליד איז נאָר געווען צו באַווײַזן אַז מיר קענען אויך
פֿאַרשטייט מ׳מוז שטענדיק באַווײַזן לײדער קען מען ניט זײַן 100%־א פֿאָלקסמענטש
כ׳מוז זײַן אַן אינטעליגענט כדי מ׳זאָל אויף אײַך קוקן פֿאַרשטייט און אַ
פֿאָלקסמענטש האָט מען נאָר קענען נאָר האָבן מיטגעפֿיל און רחמנות נעבעך ער איז
געבליבן שטעקן מאחרי הפרגוד פֿון יענער זײַט פֿאַרקאַן אָבער אַז איינער האָט
אַ דאָקטאָראַט און איינער איז אַדוואָקאַט און א ינער איז אַ דאָקטער און ער פֿאַרנעמט
זיך מיט אַ ייִדיש ליד דאַרף מען זיך נאַרטראַכטן אפֿשר איז דאָס אַן ענין און
אפֿשר איז דאָס אַ שיינע זאַך אפֿער דורך דעם קען מען טאַקע ווערן אַדוואָקאַט און
אַ דאָקטער דורך אַ ייִדיש ליד אָדער דורך אַ ייִדיש וואָרט אָדער אַ ייִדישער געדאַנק
דאָס פֿירט דערצו דאָס אַנטוויקלט דאָס איר ווייסט דאָך די אינטעליגענץ פֿון אַ
מענטשן גייט פֿאָרויס מ׳קען עס אַנטוויקלען אַן אינטעליגענץ יען מען אַנטוויקלען
מ׳קען דאַרף האָבן אַ פֿונק פֿון דעם אָבער אַנטוויקלען קען מען זיי־ר שטאַרק
נו און דאָ איר ווייסט אין דרײַסיקסטן יאָר מיר זענען געגאַנגען חתונה האָבן איר
ווייסט דאָך ס׳איז נישט געווען אַזאַ אָפּטע דערשײַנונג וואָ חבֿרים האָבן חתונה
געהאַט צווישן זיך איר ווייסט דאָך מײַנסטנס איז געווען אַזוי איר ווייסט דאָך
אַז מענטשן וועלן חתונה האָבן איז אָדער די פֿרוי געווען אַסימילירט וואָס האָט
דעם כאַן פֿאַרשלעפּט אין זער אַסימילאַציע אָדער דער מאַן איז געווען אַסימילירט
און די פֿרוי איז געווען אַ ייִדיש קינד האָט זי פֿאַרגעסן אָן אירע אָן איר אָפּשטאַם
אין גאַנצן איך האָב אַזעלכענע פֿאַקטן טויזנטער כ׳האָב חבֿרטעס וואָס זיי האָבן
פּראַקטיק געזונגען אָן געענדיקט ייִדישע גימנאַזיעס און זיי האָבן צוגעזאָגט זיי זענ
געווען פֿון די זעכציק (גליטן) פֿון רעאַל-גימנאַזיע וואָס מיט פֿון זיי ערוואַרט
מ׳האָט דערוואַרט פֿון זיי אַ דור מיט ייִדישער וויסנשאַפֿטלער מ׳האָט דערוואַרט
פֿון זיי אַ דור פֿון עה אַ דערגרייכונג פֿון אונדזער דור זאָל עפּעס אויסוואַקסן
פֿון אַ גאָלדענער קייט מיט אַ מ׳האָט דערוואַרט פֿון זיי די גאָלדענע קייט וואָס
איז מיט זיי געוואָרן? זיי האָבן חתונה געהאַט מיט אַסימילירטע רוסישע אינטעליגענטן

[illegible] חתונה האָבן = [illegible]

זיי זענען פֿאַרוואָגלט געוואָרן ערגעצוואו אין פֿראַנקרייַך אין בעלגיע און אַז
ס׳האָב זיך מיט זיי געטראָפֿן צענדליקער יאָרן שפּעטער איז האָט זיך מיר געוועלט
וויינען קיין, שיעור איז ניט געבליבן די קינדער זייַנען שוין מער נישט קיין
ייִדן זיי אַלייין רעדן נאָר פֿראַנצייזיש וואַלאָניש, ווײַלע זיי זענען דאָך ייִדיש-געבוירן דאָך
יז דאָך זייער מקור זייער שורש אָבער מיט דער ענדיקט זיך אַ ליד ס׳איז נישטאָ
מ׳זינגט אַ נייַעם מאַמאַ דאָס זינגט מען פֿאַרשטייט דאָס ייִדישע ליד איז פֿאַרשוווּנדן
פֿון ביידע אַווע מאַמאַ דאָס איז זייער מאַמאָ פֿון לעבן און זייערע קינדער וואַקסן
גאָרנישט הלוואַי ווייסן זיי פֿון וואַנען זיי קומען איך בין נאָך נישט זיכער
צי די עלטערן האָבן דערציילט די קינדער פֿון וואַנען זיי קומען ווייל פֿאַרשטייט
אַזוי מיינסטנס איז דאָס פֿאַרבונדן מיט אָרעמקייט און מיינסטנס ווייל מ׳נישט דער-
מאָנען די אָרעמקייט פֿון אַ מאָל ווייל מ׳לעבט דאָך אַ גוטן לעבן און אַ אינטערע-
סאַנטערן לעבן אַ גויישערן לעבן איז צו וואָס דאַרף מען די קינדער אַרייַנציען
אין די אַמאָליקע די מות דאַרף דאָס דערציילן אָבער ביי מיר איז דאָס טיף אין
האַרצן הייליק פֿאַרהייליקט געוואָרן ווייַלע פֿון דעם זענען דאָך אויסגעוואַקסן
די גרעסטע קעפּ און די גרעסטע לייַט און אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ און אַלץ וואָס
מיר פֿאַרמאָגן דאָ אַ דאַנק אָט אָ די אָרעמע היימען איר פֿאַרשטייט וואָס קיין ברויט
איז נישט געווען און קיין באַהייצונג איז נישט געווען פֿלעגט מען זינגען (זינגט)

דער ווינטער איז געקומען דער שניי שיט און שיט
מיר זיצן אין צימער און זינגען אַ ליד (2)

און דאָס איז געווען אַז ס׳איז געקומען חנוכה איז אַ מ׳פֿלעגט האָבן לאַטקעס איר
פֿאַרשטייט און געמאַכט פֿאַר וועלכן עולם איז געווען דאָרטן וואָס הייַנטיקע קינדער
וואָלטן דאָס מסתּמא אין גאַנצן נישט גענומען האָבן מיר זיך מחיה געווען מיט די לאַטקעס
האָבן מיר דאָך געמאַכט דאָך אויף אַ טיש אַ גאַנצן מ׳האָט געמאַכט דעם גרעסטן יום-טובֿ
(איבערדריידל) האָט מען געמאַכט דעם גרעסטן יום-טובֿ יע און די חנוכה-לידער דאָס
די חנוכה-לידער האָבן פֿאַרנומען זייער אַ גרויסן אָרט אין די קינדערס לעבן ווײַל
מ׳האָט זיך אָפּגעגעבן איר ווייסט דאָך די צוויי נאַציאָנאַלע יום-טובֿים זענען
געווען חנוכה און פּורים איז אין די יום-טובֿים האָבן מיר געהאַט אַ סך לידער
און אַ סך אָוונטן אין די אָוונטן האָט מען געפּראַוועט אין שול טאַקע מיט לאַטקעס
און פּורים מיט המן-טאַשן און דער עיקר געזאַנג ווידער דאָס זעלבע געזאַנג און
דאַן האָב איך געזונגען איך שולע בין איך געווען דאַן האָב איך געהאַט אַזאַ איר
ווייסט דאָך סאָפּראַנאָ און מ׳האָט מיר אויסגעקליבן אַז איך זאָל זינגען דעם ווייסט
דאָך די חנוכה-ליכטעלעך דאַכט זיך הייסט דאָס אָדער חנוכה-ליכטעלעך דאָס איז פֿון
אַבֿרהם רייזען איר ווייסט דאָך זייער אַ פּאָפּולערע ליד זיי האָבן דאָס דאָ בעזונגען

(המשך)
אין פאַלקשולע אויך לאַנגע צייַט איצט וועל איך אייַך אויפֿזינגען דאָס ליד
און דערנאָך וועל איך אייַך דערציילן דעם אונטערשייד צווישן דעם געזאַנג
ביַי אונדז און דעם געזאַנג וואָס מ׳האט געזונגען יאָרן לאַנג דאָ אין פאָלקשולע
איז מיר האָבן דאָס געזונגען אַזוי (זינגט)

דער ווינטער הערשט אין דרויסן (עסט)
און שניי פֿאַלט אָן אַ שיעור
נאָר דאָ איך היים איז פֿריילעך ריין
איך קעלט פֿאַרגעסן מיר

זינגט קינדערלעך די ליכטעלעך פֿאַרגעסט זיי נישט קיין מאָל
געדענק געדענק פֿון יענער צייַט די העלדן פֿון אַ מאָל

יהודה העלט אַרויס איך פֿעלט די זון פֿון חשמונאים
דו האָסט געזיגט און האָסט באַזיגט די שונאים די רשעים

רעפֿריין

און אַלע יאָר פֿון דור צו דור באַזינגען מיר דייַן גיבור
וואָס האָט געזיגט און האָט באַזיגט די שונאים די רשעים

רעפֿריין

און ווער עס וויל צום דריידלשפּיל איר ווייסט דאָך די סימנים
אַ שין איז שלעכט אַ גימל רעכט אַרויס מיט מזומנים

רעפֿריין

איר פֿאַרשטייט האָבן מיר געזונגען די לידער און מיר האָבן אַרייַנגעקוקט אין
דער געשיכטע וואָס פֿאַראַ העלדן מיר האָבן געהאַט און וואָס פֿאַראַ העלדן מיר דאַרפֿן
ווערן ווייַל מיר האָבן דאָך אויך אַזעלכענע צייַטן ווו מיר דאַרפֿן קעמפֿן ווו
מיר דאַרפֿן אויסקעמפֿן אַ בעסערע וועלט דאָ אַז איך בין געקומען און די קינדער
האָבן געזונגען די זעלבע ליד אונטער איך האָב געהערט ווי די קינדער זינגען (זינגט)

אוי איר קליינע ליכטעלעך
איר דערציילט געשיכטאַלעך מעשהלעך אָן צאָל
איר דערציילט פֿון בלוטיקייט
בריהשאַפֿט און מוטיקייט
וווּנדער פֿון אַ מאָל (2)

מר (זינגט המשך)

ווען איך זע אייך פינקלענדיק
קומט א חלום זשמינקלענדיק רעט אן אלמער מרויב
איט דו האסט געזיקט א מאל
איט דו האסט באזיקט א מאל
גאט דאס גלויבט זיך קוים (2)

איז דאס ליד אז איך האב געהערט אין פאלקשולע זינגען און ס'איז געקומען צום פונקט (זינגט) איר דערציילט פון בלוטיקייט / בריהעאפט און מוטיקייט/ ווינדער פון א מאל/ נישטא קיין בלוטיקייט ס'איז נישטא קיין מוטיקייט מ'האט עפעס איבערגעדרייט מ'האט עפעס דא אריינגעזעצט ווערטער אזוי ווי עפעס פרעג איך ביי א לערער וואס איז דאס? פאר וואס האט מען געפעלט דאס ליד דער לערער האט מיר געענטפערט קינדער קליינע קינדער קען מען נישט דערציילן וועגן בלוטיקייט מ'דארף זיי נישט דערמאנען וועגן בלוטיקייט ווייל זיי וועלן דאס נישט פארשטיין און דאן מ'קען זיי דאך נישט דערשרעקן פארשטייט ווייניק בלוטיקייט איז דא אויך אונדזערע אויגן דאס וויל איך נישט ארומרעדן ס'איז געווען א גרויסע איבערלעבונג פאר מיר און דאס כאראקטעריזירט זייער שטאר פארשטייט דעם אונטערשייד פון אונדז אונדז האט מען נישט געשוינט מיר זענען אויך געווען קינדער און גלייבט מיר פונקט אזעלכענע שיינע און געראטענע קינדער ווי די קינדער פון אונדזער קינדער און קינדער האט אונדז נישט געשוינט און פארקערט וואס מער מיר האבן געוואקסן אלץ שטארקער זענען מיר געווארן און זיכערער ביי זיך זענען מיר געווארן אלץ מער האבן מיר געוואקסט ווי מיר צילן וואו מיר גייען און היינט איז מיט העכסטקעס איר פארשטייט ווען מ'זינגט שוין א יידיש ליד מוז מען אנטאן ווייסע העכסטקעס און מ'דארף דאס פרעפארירן פרעפארירן מיט מאיאנעז און מיט קעטשאפ און מיט פלאמסאס מיט אלצדינג א עכטע יידישע ליד קען מען נישט זינגען ווייל זי איז פארבונדן מיט בלוטיקייט און מוטיקייט אלזא נו די חנוכה-לידער באארבעטעט זיך האבן געשפילט זייער א גרויסע ראלע מיר האבן געהאט א גרויסן רעפערטואר פון חנוכה-לידער איר ווייסט א מאל ווען וועל איך אייך נאך עפעס לידער קענען נו דאס איז אלץ לידער וואס ווערן געזונגען דאס איז אלץ לידער וואס פאפולערע לידער וואס זיי ווערן נאך יעצט באזונגען

מס איר האט דער מאנט אייער חתונה

מר יע כ'האָב אײַך געוואָלט דערציילן טאַקע אַז מיר האָבן התונה געהאַט נו איז מיר האָט מיר גאָט געהאָלפֿן אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ חבֿר מיט וועלכן מיר האָבן געהאַט זייער אַ סך געמיינזאַמעס און מיר זענען געווען פֿאַרבונדן דורך אונדזערע אידעאַלן און דורך אונדזערע אָנשויונגען און דורך אונדזער שפּראַך און קולטור איז אַז און די חבֿרים זענען דאָך געווען אַלע אַרום אונדז די זעלבע די נאָענטע מיר האָב דאָך נישט אײַנגעלאַדן די יענע פֿון קראָקע און פֿון לעמבערג און פֿון וואַרשע נאָר פֿון ווילנע פֿון אונדזער קרײַזן די וואָס האָבן געהערט צו אונדזער נאָענטער וועלט איז האָבן זיי אונדז געבראַכט אַ ליד זייער אַן אינטערעסאַנטע ליד און דאָס ליד איז געווען געווידמעט אונדז (זינגט)

[SONG 4]

קינדער ס'איז ביטער ווײ צו אונדז אַלע

ס'וויל אונדז פֿאַרלאָזן מאַשע די כלה

אַלע האָבן געזונגען

אוי אוי אַזוי

לייבאַלע וועט זיך פֿאַרטשען איך בײַכל

מאַשע וועט קאָכן אַ ליד אין אַ טײַכל

רעפֿריין

אַ ליד איז איר לעבן תוכן-החיים

זאָל די זינגען אונדז אַ לחיים

רעפֿריין

אַ ליד איז איר לעבן מאַשקה הייסט יין

זאָל זי זיך זינגען אונדז אַ לחיים

רעפֿריין

אמת? דאָס באַווײַזט דאָך די סבֿיבֿה די אַטמאָספֿער אָט אַזוי זענען מיר געוועזן אָט אַזוי האָבן מיר געזונגען און אַזוי איז טאַקע געווען אַ ליד איז געווען מײַן לעבן און אַ ליד איז געבליבן מײַן לעבן און אַ ליד האָב איך אײַנגעוואָרצלט אין מײַן דור און דורכן ליד בין איך דורכגעגאַנגען שבֿעי-מדורי-גיהנום אַלץ מיטן ליד און איר זעט דאָך אַז איך האָב אָנגעשטעקט אַזעלכע אַסימילאַנטן אַז זיי האָבן געדאַרפֿט צו עפּעס אָנקומען האָבן זיי אָנגעקומען צו מײַן ריידזעלע כדי זיך צו ראַטעווען פֿון דעם גיהנום האָבן זיי געדאַרפֿט אָנקומען צו מײַן ריידזעלע אָבער דער עיקר איז געווען אויך זייער אַן אינטערעסאַנטער עיקר מיר זענען געווען אין

מר(המשך) טשערנאָוויץ אין 34סטן יאָר און בײַ אונדז איז געווען צו גאַסט יוסף קאַמען

איר ווייסט דאָך זייער אַ גרויסער און באַרימטער אַרטיסט פֿון דער ווילנער טרופּע

יוסף קאַמען און זײַן פֿרוי נאַדיע קאַרענינאַ און נאַדיע קאַרענינ איז געווען אַ

פֿון דער „באַנדע" פֿון סטרוגאַטשס באַנדע כ'האָב איך זייער גוט געקענט פֿון ווילנע

און יוסף קאַמען איז געקומען צו אונדז צו באַזוך ער האָט מיך געקענט זייער גוט

פֿון ווילנע איז זײַנען זיי געווען אונזערע געסט אונטס ס'איז געווען פּסח-צײַט

און נאָכן סדר מ'האָט זיך אַוועקגעזעצט דערמאָנען די אַמאָליקע באַנדע די אַמאָליקע

קליינקונסט-בינע און אַנע קאַרענאַ האָט נישט געוואָלט זינגען איר ווייסט דאָך זי איז

אַ פּראָפֿעסיאָנאַל און זי איז שוין אַוועקגעגאַנגען צו אַן אַנדער רעפּערטואַר אָבער מיר

האָט זיך זייער געוואָלט צוציִען איר צו די אַמאָליקע צײַטן און זי האָט געזונגען אַ ליד

האָט זי געזונגען אַ ליד אַנאַ קאַרענינ זאָג איך איר ווייסט וואָס איך וועל ליד איך

אײַך אויפֿזינגען דאָס וואָס זי האָט געזונגען און דאָס ליד איז געווען ‹ברענגט דער

שדכן מיר אַ שידוך› האָב איך געזונגען דאָס ליד (זינגט)

ברענג דער שדכן מיר אַ שידוך

קווײַלן פֿון אים אַלע (2)

הייסט דער חתן זאָר בנימין מיר געפֿעלט נישט אַזאַ נאָמען

כ'וויל נישט זײַן זײַן כלה

איך וויל נישט זײַן זײַן כלה

אוי ווײַ מאַמעניו

פֿאַר וואָס גיסטו מיר קײַן רו

כ'וויל נישט נעמען אַבי ווע‌מען טײַערע מאַמיניו

אוי טײַערע מאַמיניו

ברענגט דער שדכן מיר אַ שידוך

זאָגט ער ר'איז גאָר אַ שׂרה (2)

הייסט ער נעבעך שלמה-זישע רעד גאָר יידיש פֿעל אַ בושה

כ'וויל נישט אַזאַ צרה

איך וויל נישט אַזאַ צרה

רעפֿריין

ברענגט דער שדכן מיר אַ שידוך

אַן (אויסגעזאָגט) פֿון אַלע (2)

הייסט ער וולאַדעק נאָר אַ צרה

וולאַדעקס מאַמע הייסט אויך שׂרה

פונקט ווי איך זײַן כלה

וויל זי נישט די כלה

א

מר(זינגט רעפריין)

אוי ווײ מאַמעניו שיקט מיר אַפּנעם גאָט שוין צו
טרעפט אַ צרה הייס איך שׂרה טײַערע מאַמעניו
אוי טײַערע מאַמיניו

און זי האָט דאָס דערהערט און ער ס'איז אין ווייסט פאַר זיי געווען אַזאַ איבער־
לעבונג זענען אַוועקגעפאָרן קיין קראָקע האָבן זיך געטראָפן מיט מרדכי געבירטיג
און זיי האָבן דערציילט ניט מער און ניט ווייניקער אַזוי ווי מאַשע איך
טשערנאָוויץ זינגט אײַערע לידער קען דאָס קיינער נישט אויפזינגען אַזוי
און מיט אַ מאָל באַקום איך אַ בוך געווידמעט מיר פון מרדכי געבירטיג און
אין דעם בוך האָט ער טאַקע אַזוי געשריבן אַז אײַערע־מײַנע פרײַנד יוסף קאַמען
און נדיא קאַראַנאַ האָבן מיר דערציילט ווי אַזוי איר פאַרשפרייט מײַנע לידער
און ווי אַזוי איר ענטערפרעטירט זיי און זיי זאָגן אַז קיינער קען נישט אַזוי
אינטערפרעטירן מײַנע לידער ווי איר און דערפאַר מײַן בוך אײַך אַ מתנה
און דאָס בוך האָב איך געהאַלטן בײַ זיך איר ווייסט אַזוי ווי אַ סידור און
פאַרן אַוועקפאָרן האָב איך אַלץ איבערגעלאָזן נאָר דעם סידור מײַנעם געבירטיגס
בוך און אַ חוץ דעם זענען דאָרטן געווען אָנגעשריבן ספעציעל לידער נישט קיין
געדרוקטע וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אפשר וועט איך זיי ראַטעווען אפשר וועלט
איר קענען אָפּראַטעווען די לידער ווײַל איך וועל זיי שוין נישט קענען אָפּדרוקן
דאָס איז געווען אין 1940סטן יאָר כ'האָב געהאַלטן בײַ זיך דעם בוך און מיט אַ מאָל
האָט מיר מײַן מאַן אָנגערופן פון בוקאַרעסט ס'איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה כ'האָב
געדאַרפט לויפן אונט דאָס בוך איז געבליבן בײַם טעלעפאָן־בוך בײַ דעם טעלעפאָן־
טיש און יעדעס מאָל אַז איך זאָג דוודן וועגן דעם דאָזיקן בוך פיל איך אַז די האַרץ
צעגייט אים שטעלט זיך פאַר אַזאַ בוך געווידמעט און מיט אַזעלכע נײַע לידער
וואָס זײַנען לידער וואָס האָבן קיין מאָל נישט דערזען די ליכטיקע שײַן און
זיי זענען געווען צו מיר געווענדעט און צו מיר אַדרעסירט און צו מיר געגעבן
אַ מתנה איז איינער פון די לידער האָב איך באַוויזן דאָך אויסצולערנען און
איינע פון די לידער האָב איך באַוויזן צו זינגען נאָך אין טשערנאָוויץ אַ פאָר
חדשים איידער מיר האָבן אויסגעוואַנדערט אַנטלאָפן פון דאָרט איז איינע פון די לידער
דאָס איז געווען הערשעלע און הערשעלע האָב איך געשאָנקען פון איין זײַט האָב איך
געשאָנקען די סאָניאַ (ליזאַראַם) זי זאָל עס זינגען ווײַל איך בין נישט קיין
פּראָפעסיאָנאַלע זינגערין און זיי האָבן עס געקענט אויסנוצן און סאָניאַ ליזעראַם האָט
דאָס געזונגען און אויך די דאָראַ (קאַלאַנוועןן) איר אויך האָב איך אַוועקגעשאָנקען
דאָס ליד זיי זאָלן דאָס קענען פּאָפּולאַריזירן ווײַל איך גלייב נישט אַז ס'איז ערגעץ
ווו אָפּגעדרוקט וועל איך אײַך אײַנך פערז פון הערשעלע נאָכזונגען (זינגט)

מר (זינגט)

הערשעלע ער לעבט אין מיין זכרון
און כאָטש ער איז אַוועק פֿון מיר שוין לאַנג
זיי איך אים נאָך אין זיינע קינדעריאָרן
ס'אַוועק–

הערשעלע
געדענקסטו נאָך מיר זיינען ביידע קינדערלעך געווען
הערשעלע צי געדענקסטו נאָך
צי האָסטו ווען אין חלום מיך געזען

הערשעלע געדענקסטו נאָך דאָס אַלטע היינזל די קליינע שטיבלעך, צוויי
גוט איז מיר געווען אַ מאָל מיט דיר
ווען ביידע האָבן מיר געוווינט אין זיי
גוט איז מיר געווען אַ מאָל מיט דיר
און היינט מיין הארץ זאָגט מיר
ס'איז אַלץ פֿאַרביי

איך וועל אייך אויפֿזינגען דערנאָך דאָס גאַנצע ליד האָב איך פֿאַרשריבן ווייל איך האָב דאָס געזונגען אַ מאָל לעצטן מאָל אין סטערנאָוויץ און ס'איז געווען זייער אַ שטימונגספֿול ליד וואָס האָט געפּאַסט פּאַקט פֿאַר אַ געזעגענונגס–ליד און דאָס איז געווען אַ געזעגענונגס–ליד סיי פֿאַר מיר מיין ברודער האָט געהייסן הירש און ס'איז געווען דאָס ליד אַ געזעגענונגס מיט דעם געבוירטיגן און איך האָב דאָס פֿאַרשריבן און אַ צווייטע מאָל אַז איר וועט קומען וועל איך אייך אַלע לידער וואָס איך האָב אויסגעשריבן וועל איך אייך אויפֿזינגען גענוי דאָס וועט זיין אַ מעפֿערענץ אַ מעטעראַט פֿאַרשטייט ווייל איר ווייסט דאָך איך געדענק זייער אַ סך אָבער אַ מאָל פֿאַרפֿעלט אַ וואָרט אַ מאָל פֿאַרפֿעלט אַ זאַץ און איך וואָלט געוואָלט אייך בדיוק אַלצדינג איר ווייסט דאָך אויסזינגען אַלע לידער און נו דאָס איז געבוירטיגס לידער דאָס איז מיינע באַליבטסטע לידער איז געווען דאָס ליד און דערנאָך איז געווען מיין באַליבטסטע ליד איז געווען דער שדכן און קום לייבקע טאַנצן דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליד און זייער אַ געלונגען ליד וואָס איך האָב דאָס שטענדיק פּאָפּולאַריזירט איז געווען ביי אַ בלעזעלע טיי (זינגט)

בערעלע מיין מאַנעלע כ'וויל דיר עפּעס זאָגן
פּערעלע מיין ווייבאַלע וואָס ווילסטו מיר דאָס זאָגן
ווען מיט מזל כ'וועל יעצט האָבן אַ יינגעלע אין פֿריידן
וויל איך אונדזער קינד זאָל הייסן נאָך מיין זיידן–

(סוף ז' 2)

(מנחם סטאַניסלאַווסקי מאַשע ראָסקעס באַנד 1א זייַט 1)

מר- יע כ׳וועל אײַך אויפֿזינגען אַלע מײַנע באַליבטסטע לידער איינע פֿון מײַנע באַליבטסטע לידער איז געווען געבירטיגס, בײַ אַ גלייזעלע טיי״ (זינגט)

(ג.ר.ר)

בעראַלע מײַן מאַנאַלע כ׳וויל עפּעס זאָגן

פֿעראַלע מײַן ווײַבאַלע וואָס ווילסטו מאַב מאָס זאָגן

אײבּ מיט מזל כ׳וועל יעצט האָבּן אַ ייִנגעלע אין פֿריידן

ווײַל איך אונדזער קינד זאָל הייסן נאָך מײַן פֿרימין זיידן (2)

פֿאַר וואָס עפּעס נאָך דײַן זיידן כ׳האָב דאָך אויך אַ דעה

האָסט נישט לאַנג געהאַט אַ מיידל נאָך דײַן באָבע לאה (2)

בערעלע מײַן מאַנעלע כ׳וויל דיר עפּעס דערמאָנען

פֿעראַלע מײַן טײַבערע וואָס ווילסטו מיר דערמאָנען

און דו פֿאַרגעסט אַז אונדזער לייבקע הייזט דאָך נאָך דײַן זיידן

פֿאַר וואָס נעמסטו זיך צו די ייִנגלעך וואַרפֿסט מיר צו די מיידן (2)

און דו פֿאַרגעסט אַז נאָך דײַן טאַטן הייסט דאָך אונדזער נחום

ער איז דערפֿאַר אין אים געראָטן נישט קיין גרויסער חכם (2)

בעראַלע מײַן מאַנעלע כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן

פֿעראַלע מײַן טײַערע וואָס ווילסטו מיר דאָס זאָגן

צו וואָס דאַרפֿן מיר זיך קריגן לאָמיר נאָר דערלייבן

וועל איך נאָך מײַן פֿרימין זיידן ס׳קינד אַ נאָמען גייבן (2)

זאָגט ער

צו וואָס דאַרפֿן מיר זיך קריגן און דערבון גאָר רײדן

ס׳קען חלילה זײַן אַ צווילינג און דערצו צוויי מיידן (2)

איר פֿאַרשטייט דאָס ליד צו פּאָפּולאַריזירן איז געווען אַזוי וויכטיק פֿון גלײַכ-צײַטיק אַזוי לײַכט צו כאַפּן דעם עולם אַז איך זאָג זינגעקאָט אָ די אַלע לידער פֿון געבירטיגן אין טשערנאָוויץ אין טשערנאָוויץ האָב איך געזונגען מיר האָבן געהאַט אַזאַ מין לאָזשע איר ווייסט אַזאַ פֿון די אינטעלעקטועלע איר ווייסט דאָך דאָקטוירים און די אינזשענערן און די פֿאַבריקאַנטן אַלץ ווייסט דאָך גאַנץ בילדעטע מענטשן פּראָפֿעסיאָנאַלן דאָ לערערס איז מיר האָבן געהאַט אַזאַ לאָזשע וואָס האָט געהייסן מסדה די מסדה איז געווען ציִוניסטיש זייער געשטימט און זיי האָבן ליב געהאַט אָבער זייער ייִדיש זייער אין אַלגעמיין האָט מען דאָך גערעדט דײַטש אין טשערנאָוויץ אָבער די מסדה האָט זייער פֿאַטראָנירט און זייער פּאָפּולאַריזירט ייִדיש אַלס אַ שפּראַך און ס׳איז געווען לעקציעס און ס׳איז געקומען צו אונדז אַלס

(23)



מר(המשך) שרײַבערס ס'איז געקומען צו פֿאָרן דער בער האָראָוויץ צו אונדז פערזענלעך אונדעזר פֿרײַנד געווען האָבן מיר אים געמאַכט דאָרטן אַ לעקציע און מאַנגער איז געקומען האָט מען אים געמאַכט אַ לעקציע און אַיך ווייסט איר אַזעלכענע מענטשן אַז זיי פֿלעגן זיך אונטערנעמען און דאָס איז נישט געווען שווער ווײַל דער קלוב האָט געהאַט אַ 100 אָדער 120 מיטגלידער און אַלע זענען געווען מסכים אַז ס'פֿלעגט אַרויסגיין אַ ביולעטין אַז דעם און דעם טאָג וועט זײַן אַ לעקציע פֿלעגן אַלע קומען און ס'איז געווען זייער אַ וויכטיקע ערשײַנונג פֿלעגן מיר אַ 432 מאָל אַ יאָר פֿלעגן מיר מאַכן אָוונטן פֿון אונזער אייגענע כוחות איז פֿאַרשטייט זיך ווידער אַ מאָל ס'איז געווען דאָרטן בײַ אונדז ד"ר וויזענטאַל אַ קינדער-דאָקטער וואָס האָט זייער ליב געהאַט שלום-עליכמען און ער האָט זייער שיין רעציטירט שלום-עליכמען איז ער געווען דאָס איז געווען זײַן געביט ער פֿלעגט רעציטירן שלום-עליכמען אַף אַנדער דאָקטער האָט געמאַכט די דעקאָראַציעס און מיר חבֿרים ד"ה פּרויען און מענער יע אַלע האָבן געהאַט קינדער אַלע זענען געווען פֿאַרנומען אָבער פֿון צײַט צו צײַט האָבן מיר זיך געקענט אַרויסרײַסן עפּעס אויפֿצוטאָן אַליין טאַקע הנאה האָבן פֿלעגן מיר חנוכה ווידער אַ מאָל חנוכה און ווידער אַ מאָל פּורים פֿלעגט מען מאַכן אָוונטן מיט אַן אָפֿענער מיט אַ לעבעדיקער צײַטונג און אַלץ איז געווען אויף אונדז איר ווייסט דאָך נאָזלאַבוד ניאַ ד"ה אויפֿן טאָג-אָרדענונג וואָס איז געווען אַקטועל אַלץ אַקטועל נאָזלאַבודניאַ הייסט אַקטועל אַלץ אַקטועל וואָס איז געווען אַקטועל פֿאַר יענע צײַטן פֿאַר יענע צײַטן פֿלעגן מען האָבן אַך דער לעבעדיקער צײַטונג אָבער די לעבעדיקע צײַטונג איז פֿאַרשטייט זיך געווען אין דײַטש און גערעדט האָט מען דײַטש אָבער ייִדיש איז געווען די קולטורשפּראַך און דאָ האָט מען געהאַלטן לעקציעס און מ'האָט געזונגען לידער און איינע פֿון אונזער פֿאָרשטעלונגען איז געווען פֿון משה בראָדערזאָן ייִדן שמידן דאָס האָבן מיר זייער ליב געהאַט און דאָס האָבן מיר אויסגעפֿירט איך האָב דאָס אינסצעניזירט מיט מײַנע חבֿרים דאָרטן פֿלעגן מיר זינגען (זינגט)

ייִדן שמידן זינגען
זינגען איז דער עיקר
קלינגען אײַזנס קלינגען
שפּריצן פֿײַערשטיקער

היי היי ווויל דעם שמידער
ווויל איז אים און גיט
זײַנע שטאָל און אַקער-אײַזן
שפּריצן אײַך אין בליט

(כה)

ווי זי טרעפֿנזיך אין טאַטע 3

מר (זינגט המשך)

מענטשן נעבאַך בלינדע טאַ טאַ טאַ
אין דער פֿינצטער טאַפּן
דאַף מען זיי אַצינדער טאַ טאַ טאַב
פּאַטקעוועס צו קלאַפּן

רעפּריין (לעצטע שורה צינדן אָן דאָס בליט)

דאָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך און איר ווייסט אַלץ פּרויען און מענער אַלץ ווייסט דאָך דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן און איר ווייסט דאָך שווערלייַביקע און יונגע און עלטערע אַלע פּלעגן דאָס זינגען פֿאַרשטייט ווי ווייַט זיי זענען געווען פֿון דעם שמידער אָבער דורכן ליד האָבן זיי זיך סאָלידאַריזירט מיט די שמידער און אַלע האָבן געזונגען (זינגט) היי היי ווייל דעם שמידער / ווייל איז אים און גיט/ זייַנע שטאַל און אַקער-אײַזן// צינדן אָן דאָס בליט/ און אינעם מאָמענט האָבן מיר זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַקער-אײַזן און שמידער אין פּראָלעטאַריער אין וואָס איר ווילט און מ'האָט דאָס דורכגעלעבט מ'האָט דאָס דורכגעהאַט אין אַלצדינג און די ווענט פּלעגן ציטערן אַז מיר פּלעגן זינגען און זינגענדיק משה נאַדירס דערמאָנענדיק משה בראָדערזאָנס אַנטשולדיקט משה בראָדערזאָנס ליד שמידן// וועל איך אייַך דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד אין 30סטן יאָר בין איך אַוועק פֿון ווילנע אין 31סטן יאָר בין איך קראַנק געוואָרן אין ביאַליסטאָק אויפֿן אויער כ'האָב געהאַט אַ מיטל-אויער אָנצינדונג און מ'האָט מיך געפֿירט אין וואַרשע צו דער אָפּעראַציע כ'האָב נישט געקענט אויסמייַדן איר ווייסט ביַכּאַונדז כ'איז נישט געווען קיין אַנטי-ביאָטיקס איך האָב נישט געקענט אויסמייַדן קיין אָפּעראַציע איך בין געווען דאַן אין זיבעטן מאָנאַט אין זיבעטן חודש שוואַנגער מיט מיַין עלטסטן זון ס'איז געווען אַ שווערע אָפּעראַציע און אַ שווערע דעציזיע אָנצונעמען די אָפּעראַציע ס'איז אָדער זייַן אָדער נישט זייַן אָדער כ'האָב געקענט בלייַבן טויב כ'האָב געמוזט אַזוי דעצידירן און אָט האָט מען מיר געפֿירט אין וואַרשע צו דער אָפּעראַציע אונטער מייַן מאַן איז געווען דאַמאָלס אין פֿאַבריק אַן אינזשעניר האָט אנגעפֿירט מיט אַ פֿאַבריק אַ גומי-פֿאַבריק אין קאָרסן לעבן קראַקאָוו און ער איז געקומען צו דער אָפּעראַציע און ס'איז געווען מייַן שוואָגער ס'איז געווען מייַן שוועגערין די וואָס האָבן געהערט צו דער משפּחה האָבן מיר באַגלייט צו דער אָפּעראַציע האָט מען מיר אָפּגעשאָרן די האָר אונטן איך האָב געזוכט אַן אינספּיראַציע ווי אַזוי דורכקומען די אָפּעראַציע ווי אַזוי זאָל איך דאָס דורכלעבן שטעלט זיך פֿאָר פֿאַר דעם האָב איך געהאַט אַ זיבן אַכט וואָך אַ גריפּע און דערנאָך דעם

Bt cats

לײַן

Middle ear Operation

Enoch Mandy

מר(המשך) די קאָמפּלעקאַציע ביז מ׳האָט באַשלאָסן אַז איך מוז זיך אָפּערירן
און דאָ בין איך שוין געווען אין זיבעטע חודש און ס׳איז געווען אַ געפֿאַר
איך זאָל פֿאַרלירן דאָס קינד און אַנטי-ביאָטיקס איז דאָך נישט געווען און
איר ווייסט דאָך אַלץ איז געווען גאַנץ פּרימיטיוו אָבער ס׳איז געווען אין וואַרשע
און דאָס בעסטע וואָס מ׳האָט געקענט האָט מען פֿאַר מיר געטאָן און כ׳האָב זייער
געקלערט אַז מ׳דאַרף בלייבן לעבן ווי בלייבט מען לעבן? און מ׳האָט מיר אָפּגעשאָרן
די האָר אין גאַנצן אַראָפּגענומען די האָט באַפֿרייט דעם אויער האָב איך געבעטן
כ׳האָב איין ווונטש אַלע זאָלן מיר זיך אַוועקזעצן ביים טיש און מ׳זאָל אויפֿ-
זינגען משה בראָדערזאָנס אַ ליד מיט וועלכן מיינע חבֿרים האָבן מיר
באַגלייט צום באַן ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון ווילנע אויף שטענדיק
איז דאָס ליד געווען (אַלע האָבן) זיך געזעצט ביים טיש די משפּחה איך האָב
אָנגעפֿירט פֿאַרשטייט זיך דעם כאָר און אַלע האָבן מיטגעזונגען און דאָס ליד
האָט אַזוי געקלונגען (זינגט)

אָ וואָס טויג דאָס זאָרגן
דער טרויער פֿון מאָרגן אַז עס גלאַנצט פֿאַר אונדז דער היינט
מיט מאָרגן שטראַלן איז-
אָ וואָס טויג דאָס זאָרגן
דער שיינט פֿון מאָרגן אַז עס שיינט פֿאַר אונדז דער היינט
מיט מאָרגנשטראַלן עס גלאַנצן פֿאַלן
און (ליבעספֿאַלן) רייד פֿון פֿרייד

טעג און מעכטעס בליען
און בלוטן גליִען אָ עס צאַפּלט זיך דאָס ליד
ס׳איז אַזוי טיף אין מיר אַז איך קען איצט דאָס ליד נישט דענקען איך וועל
איך איבעראַכטאָג זינגען דאָס ליד עס איז אַן אויסערגעוויינלעכע ליד מיט וועלכ
מיינע חבֿרים האָבן מיר באַגלייט אין פֿון ווילנע און דאָס ליד האָב אויך אויפֿ-
געזונגען פֿאַר מיין אָפּעראַציאָנס-טיש און דאָס ליד האָט מיר געהאָלפֿן אַרויסגיין
פֿון מיין געפֿאַר און איך וויל איצט טאַקע מיט דעם באַמערקן וואָס אַ ליד האָט
באַדייט אין מיין לעבן ס׳איז געוואַלדיק עס גייען מיר נאָך לידער וואָס מיין
מאַמע האָט געזונגען אַז איך בין געווען אַ קליין קינד און זי האָט געהאַט דאַן
טובערקולאָז און זי איז שוין געווען דאַן פֿאַרמשפּט צום טויט איך האָב פֿאַר מיר
זיך דאָס גאַנצע פֿאַרשטאַנען נאָר דאָס ליד איז ביי מיר פֿאַרבליבן און איין
מאָל בין איך אַזוי געזעסן און ס׳האָט אָנגעהויבן אין מיר צו זינגען דאָס ליד
דאָס ליד איז אויף אוקראַיניש געווען און דאָס ליד איז געווען אַזוי נאָר דער אָנ-
הייב (זינגט אוקראַיניש)

shaved her hair

מר(המשך) עפעס אַזוינס א ר ווייסט וואָס איז געקומען פֿון מיר עפעס ווערהער און געזאַנג און שטעלט זיך פֿאָר אַז די אוקראַינער יעצט אין מאָנטרעאל האָבן מיטגעבראַכט דאָס ליד און זיי זינגען נאָך דאָס ליד נאָך אַזוי פֿיל יאָרן דאָס איז אַ ליד וואָס איז געזונגען געוואָרן אפֿשר מיט 100 יאָר צוריק פּראָפּאָלאַ נאַדיִיאַ אַז"ו אונט דאָס וויכטיגערדיקע געדענק איך נישט אָבער אַ ליד וואָס איז איך מיר געוועזן און פֿלוטלונג איז דאָס אויפֿגעשוואומען מיט דעם ליד איז אויפֿגעשפּרונגען דאָס גאַנצע פּעריאָד פֿון מיין אַזוי ווי ס'וואָלט נעכטן געוועזן פֿאַרטייט געשטאַלטן זענען אויפֿגעשוואומען געוואָרן סיטואַציעס די גאַנצע ראַמע פֿון אַ בילד איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן ליד פֿאַר מיר פֿאַרשטייט דאָס בילד איז שטענדיק דאָ אָבער דאָס ליד איז די ראַמע פֿון בילד פֿאַרשטייט איז אַז ס'איז דאָ די ראַמע קען מען דאָס בילד זען און דורך די ראַמע פֿאַרשטייט רוף איך אַרויס שטענדיק אין מיין אין מיין דמיון רוף איך אַרויס די געשטאַלטן און רוף איך אַרויס כאָטש מען זאָגט מע דאַרף נישט רעדן וועגן אַ מאָל מ'דאַרף רעדן וועגן היינט אָבער איך זאָג אַז אָן דעם אַ מאָל איז נישטאָ קיין היינט און אָן דעם היינט וועט נישט זיין קיין צוקונפֿט איז אַז מיר זאָלן אויסמעקן דעם אַמאָל איז גאָרנישט דאָ נישטאָ קיין היינט און נישטאָ קיין מאָרגן ווייל איך מיין אַז אַלץ איז געבויט אויף נעכטן און טאַקע די פֿון מיין דור וואָס האָבן אויסגעמעקט נעכטן האָבן זיי גאָרנישט זיי האָבן נישט קיין היינט און זיי וועלן אויך נישט האָבן דעם מאָרגן זיי האָבן גאָרנישט פֿאַרלירט איר ווייסט דאָך ביי אונדז פֿלעג מע זאָגן וואָס געזייט מיט שוויס שניידט מען מיט געזאַנג און אַז מ'האָט נישט פֿאַרזייט קען מע נישט שניידן איך דערמאָן זיך יעצט מיר פֿלעגן דאָך שפּילן אַ מאָל פֿלעגט מע מיר שטענדיק איר ווייסט דאָך מהנה זיין אַז ס'פֿלעגט שטאַרבן אַ שרייבער אָבער ס'פֿלעגט זיין אַ יזכור-אָוונט פֿלעג איך מוזן אויפֿשפּילן שטענדיק דעם טרויערמאַרש פֿון שאָפּענען דער טרויערמאַרש איז מיר נאָכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן אָדער ביי אונדז פֿלעג מען דאָס שפּילן פֿאַר אונדזערע אייגענע טויטן אָדער מ'פֿלעגט גיין אויך אַ מיליטערישער לוויה און אויפֿן גאַס פֿלעג שוין גיין אַן אָרקעסטער פֿאַרויס אָדער שפּילן שאָפּענס טרויערמאַרש פֿלעגן מיר נאָכגיין די דאָזיקע לוויה און ס'פֿלעגט אונדז באַגלייטן שאָפּענס טרויערמאַרש אָבער אַ חוץ דעם האָבן מיר געהאַט מענדעלסאָנס מעלאָדיע אָן ווערטער דאָס איז אויף דעם די ווערטער זענען געמאַכט געוואָרן אויף דעם אויף דער מעלאָדיע פֿון מענדעלסאָנען איז דאָס פֿלעגן מיר שטענדיק זינגען און איך פֿלעג דאָס אַקאָמפּאַנירן אויף זיך אַליין און (צו)אַלעמען) אַז מיר פֿלעגן באַווייגען די אומגעקומענע חבֿרטע איר ווייסט דאָך חבֿרים פֿלעגן דאָך שטאַרבן ביי אונדז איז געוועזן עפּידעמיעס איר פֿאַרשטייט ס'איז געוועזן טיפֿוס-עפּידעמיע און ס'איז

master metaphor

motto

chopin

Mendelssohn

מר(המשך) געווען דיזענטעריע און דאָס אַלץ איז געווען פֿלעג שנײַדן
פשוט שנײַדן די קינדער 50 אויף 50 פֿלעגן בלײַבן לעבן פֿופֿציק און פֿופֿציק פֿלעגן
אַוועקגיין אָבער בבי יעדן געלעגנהייט פֿלעגן זיך די קינדער צוזאַמענקלײַבן
אין שולע און מ׳פֿלעגט שפּילן און זינגען דאָס ליד (זינגט)

די שענסטע לידגעזאַנגען די שענסטע מעלאָדי
ניט זינג בײַם בליקן נאָר זינג בײַם אונטערגאַנג (2)

קלינגטזשע הויך איר שיינע קלאַנגען
כאָטש דער מײַ איז שוין פֿאַרבײַ
כאָטש די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען
כאָטש דער דיכטער איז שוין טויט (2)

דאָס אַז איך וועל אײַך אויפֿזינגען די לידער קומענדיק מאָל וועל איך אויך אײַך ד
אויפֿשפּילן

מס דאָס ליד איז אויך דאָ אויף העברעיִש שחקי שחקי
מר יע? אָבער דאָס האָבן מיר געזונגען ווייטער מיט וויפֿל יאָר צוריק מיט 50 יאָר
צוריק אַזוי אַז העברעיִש האָבן זיי דאָס איבערזעצט פֿון יידיש אַלץ האָבן זיי
איבערזעצט זיי האָבן דאָס נישט געהאַט אָריגינעל אַלץ האָבן זיי איבערזעצט
הלוואַי וואָלט מען געמאַכט איבערזעצונגען פֿון זיי אויף יידיש און דאָס איז
דאָך וואָס ווי ספרים פֿאַרשטייט אַלץ איבערזעצט מען פֿון אונדז און פֿון העברעיִש
איז נישטאָ קיין איבערזעצער ווײַל מ׳האַלט דאָס מסתמא פֿאַר נידעריקער פֿאַרן כבוד
איבערזעצן און מיר האַלטן אַז איבערזעצונגען דאָס דערגענצט איבערזעצונג דער-
גענצט דעם רעפּערטואַרום די פּראָגראַם און שטעלט זיך פֿאָר אַז מיר קומען אַהער
צו פֿאָרן ענדע 40׳ אונטן אונדזער היים איז געווען אין וועסטמאַנט און מיר Westmount
האָבן דאַן געהערט צו דער שערי שמים-שול געקומען אויף אַ חתונה אונטן דאָס
איז געווען די ערשטע חתונה וואָס איך האָב בײַגעוווען אין דער השמים מיט
32 33 יאָר צוריק אונטן איר ווייסט דאָך זיי זענען אַנדערע זיטן אַנדערע חתונות
אַן אַנדער צוגאַנג אונטן דער אָרגאַן שפּילט (זינגט) די שענסטע לידגעזאַנגען
די מעלאָדיע האָבן זיי געשפּילט פֿון מענדעלסאָן און אונטער די קלאַנגען האָט
זיך געעפֿנט די טיר און מ׳האָט אַרײַנגעפֿירט די כלה און זי איז געגאַנגען אונטן
איך האָב נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט בין איך ווײַל מיר האָבן געקלונגען
מײַנע טויטקלאַנגען שטעלט זיך פֿאָר מיר האָבן באַזונגען אונדזער טויטן דיכטער
און דאָ פֿירט מען די כלה צו דער חופּה נאָ איר זעט דאָך ווי דאָס לעבן איז
איז דאָ האָט מען געפֿירט די כלה צו דער חופּה דאָס איז געגאַנגען אַ פּאָר יאָר
האָט מען באַנוצט דאָס ליד נו אונטן מײַנע קינדער האָבן באַשלאָסן אַז זיי וועלן
אַליין צוטראַכטן זײַערע מעלאָדיעס אַזוי האָבן זיי געמאַכט די חתונות און זיי
אַליין אויסגעקליבן זייערע קאָמפּאָזיטאָרס און זייערע געזאַנגען און זייערע

מר(המשך) קלאַנגען און זיי האָבן געפֿירט איבער דער מענדעלסאָנס מעלאָדיע

אין װערמער דאָס האָט מען געשפּילט דאָ אין מאָנטרעאָל אויף מײַן ערשטער

חתונה װאָס איך בין געװען איך שׂרי שמים און קען איצט זאָגן אַז איך

האָב זיך אַריבערגעקליבן דאַן אין אוטרעמאָנט װײַלע דאָ איז געװען דער

ייִדישער ישובֿ און די ייִדישע שולן האָבן זיך געפֿונען דאָ אויף (הערמאַנט

איר װײסט דאָך נאָענט צו אוטרעמאָנט און כ׳האָב באַשלאָסן אַז ייִדישע קינדער

אויב כ׳װיל זיי ערציִען אײנ/אױך ייִדישן גײַסט מוז מען װױנען אין אַ ייִדישער

געגנט װוּ ס׳איז דאָ ייִדישע שולן װוּ ס׳איז דאָ אַ ייִדישע דערציִונג װוּ ס׳איז

דאָ ייִדישע מעגלעכקייטן װײַלע אַנדערש קען מען די קינדער נישט געבן

קיין בילדונג קיין ייִדישן מיר האָבן געהאַט פּריװאַטע לערערס און דאָס איז

געװען אויף קידוש־השם בלײז מ׳איז דערגאַנגען װינטערצײַט צו אונדזער הויז

האָט מען גערעדט באמת (בענטשן גומן געבן) און אַרויפֿצוגײן און אַראָפּצוגײן

איר װייסט דאָך די גאַסן זענען נישט געװען אַזוי געפּוצט און ס׳איז

נישט געװען אַזוי צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען הײַנט איז שוין דאָ די

באַדינגונגען איז נישטאָ די קינדער װאָס דאַרפֿן דאָס האָבן נו איך װעל אײַך

זאָגן נו הלװאַי װאָלט דאָס ייִדישע ליד הײַנט געקענט קלינגען אין די

ייִדישע הײמען אַזוי װי אין די אַמאָליקע צײַטן װאָלט מען אויך געקענט אַ סך

אויפֿטאָן װײַל איך װײס אַז מיט ליד האָב איך נישט נאָר געזונגען נאָר

איך האָב פֿון װיגעלע אין אַז מײַן עלטערער זון איז אַלט געװען 3 חדשים

3 חדשים און איך האָב געקויפֿט דעם װעגעלע איר װייסט דאָך אַמאָליקע צײַטן

איז געװען מאָדערן װעגעלעך און מאַמעס פֿלעגן פֿירן די קינדער אין די

װעגעלעך און יעדער אײנער האָט קאָנקורירט מיט די שענע װעלכע מאַמע האָט

געפֿירט מער שענער אויף די פֿרישע לופֿט אַ קינד די מאַמע איז געװען מער ייִדישע

מאַמע און מער מאַמע װאָס איז װערט צו טראָגן דעם נאָמען מאַמע איר פֿאַרשטייט

דאַן איז געװען אַ גרויסע פּאַך און דאָס איז געװען אַ גרויסע איר װייסט דאָך

פֿאַראַנטװאָרטלעך צו זײַן אַ מאַמע עס איז נישט געװען אַזוי פּשוט בײַ אונדז

מ׳האָט געװוּסט איז געװען אַ [ד״ר שאַבאַד] און דער דאָקטער שאַבאַד איז דער שװער

פֿון דער שװער פֿון מאַקס װײַנרײַך ע״ה דער זיידע פֿון אוריאל װײַנרײַך ע״ה

און ער איז געװען אונדזער דאָקטער און מיר האָבן אים זייער גוט געקענט

און אײן מאָל איז אַ פֿרוי דאָס איז אַ פֿאַקט געקומען צו אים דאָן איז מען נישט

געגאַנגען צו פּסיכיאַטערס נאָר ס׳איז געגאַנגען צו דעם אַלגעמײנעם דאָקטער

ער זאָל אַרויסהעלפֿן אין פּראָבלעמען מיט קינדער איז אַ מאַמע געקומען מיט

קינדער זי האָט געהאַט גרויסע פּראָבלעמען אויסגערעדט איר האַרץ און אויסגעװײנט

זיך פֿאַרן דאָקטער װאָס זאָל זי טאָן זי איז זייער פֿאַרלאָרן האָט ער איר

אויסגעהערט און געזאָגט אַזוי איר פֿאַרשטייט זאָגט ער אויסהאָדעװען אַ קינד

Outremont

תּ׳מין

Krosno: competing w/ other mothers

(29) Retells A.M. Dik's anecdote



What She Sang Binyomin

מר(המשך) איז איינע פֿון די גרעסטע פּראָבלעמען אין אַ מאַמעס לעבן אין אַ
מענטשנס לעבן איז אַ גרויסע פֿאַ אַנטוואָרטונג ליידער לייזגט זאָגט ער
יעדע יענטע נעמט זיך דאָס אונטער צו טאָן איז אין יענע צײַטן אַז ערציען
קינדער האָט מען געדאַרפֿט האָט מען דאָ אַליין געדאַרפֿט האָבן די דערציִונג
פֿון די וואָס האָבן געהאַט די ביסל דערציִונג די ביסעלע סבֿיבֿה אַרום זיך
פֿאַר דעם האָבן געהאַט אין וואָס צו געבן די קינדער פֿלעג איך פֿאָרן כיטן
וועגעלע און זינגען מײַן קינדער דאָס ליד האָט געהייסן <נעומעלע> און
אַזוי ווי ער האָט געהייסן ניאָמעלע איז געוועזן מיר זייער צוגעפּאַסט דאָס ליד
פֿלעג איך אים זינגען (זינגט)

אַ שיינע קינד איז נעומעלע
אַ שיינע בלאָנדע מיידעלע
דער ערשטער פֿרילינג גייט שוין איר
אַנטקעגן פֿון דער ווײַט

זי האָט צוויי בלויע אייגעלאַך
און בלאָנדע שיינע לעקאַלעך
אונט אייגאַלעך ווי שטערנדלאַך
ווי שטערנדלאַך אַ פּאָר

אַז"וו דאָס איז געוועזן איין לק דאָס/אַ ווייטע ליד איז געוועזן <נאַרציזן>
דאָס ליד געוועזן אַזוי (זינגט)

קייף קייף קינדערלעך נאַרציזן
בלומען וואַקסן אַלע גלײַך
קייף קייף בלימעלאַך די שיינע
בלומען שמעקן אַלע גלײַך
קייף קייף בלימעלעך די שיינע
קייף זיי אויס בײַ מיר שוין הײַנט

קייף קייף בלימעלאַך נאַרציזן
בלומען שמעקן אַלע גלײַך

און ער האָט אַזוי ליב געהאַט דעם ניגון און דאָס ליד מיט דרײַ חדשים פֿלעגט
ער אַרויסוואַרפֿן דעם צו איר ווייסט דאָך ווי הייסט דאָס דעם צאַצקע פֿון מויל
און פֿלעגט איר מאַכן מממממ נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל זינגען דאָס ליד צו 3
חדשים האָט ער געוווּסט וועלכע ליד צוגעפּאַסן צו זיך און וועלכע ליד איך זאָל אים
אַרײַנזינגען און דאָס ליד פֿון נאַרציזן האָב איך איך געקענט זינגען 5 מאָל

מר(המשך) נאָך אַן אַנד פֿלעגט ער פֿינף מאָל און ער פֿלעגט פֿאַרגיין אַן אַנדער ליד
פֿלעגט ער דורכגיין אַזוי אומבאַמערקט ביז ס'איז געקומען צו דער ליד פֿון
נאַרציזן איז דאָס איז געווען. דאָס ליד פֿון נאַרציזן האָט ער ליב געהאַט דאָס
ליד און עד-היום איז דאָס ייִדישע ליד אַ לײַטעריין און סײַ אַלע מײַנע קינדער
איר ווייסט דאָך מע לײַטערט זיך מ'שטעלט אויף און אַז דוד וויל קויפֿן אַ
מתנה דער מאַמען ווייס ער אַז ס'איז נישטאָ קיין בעסערע קיין העכערע און
קיין שענערע מתנה ווי אַ ייִדישן רעקאָרד און פֿון ישׂראל אַז מ'קומט צו פֿאָרן
ברענגט מען מיראַ ייִדישן רעקאָרד און אַז מ'שטעלט דאָס אָן לײַטערט מען זיך
פּונקט אַזוי ווי בײַ אַ חזנישן רעקאָרד די זעלבע זאַך איר ווייסט דאָך צו
חזניש בין איך נישט געווען אַזוי צוגעוווינט און צוגעפּאַסט איז אַ פֿאָלקסליד
אָדער אַ ליד פֿון אונדזער צײַט אָדער אַ ליד וואָס רעפּרעזענטירט אונדזער דור
איז דאָך שטענדיק אַלץ דאָס איז אַזוי ווי אַ טאָגבוך דאָס איז דאָך עפּעס אויסער-
געוויינטלעך איר ווייסט וואָס אַ ליד איז מיר האָבן איך בין נישט געווען קיין
פּאַרטייִשע קיין מאָל אָבער כ'האָב זייער ליב געהאַט אַ בונדישע ליד וואָס
די בונדיסטן האָבן געזונגען אין יענער צײַט דאָס איז געווען ווען איך האָב
גראַדוירט מײַן גימנאַזיע און דווקא אינטערעסאַנט אַז די גימנאַזיע איז געווען
אַ רוסישע און אַלץ אויף רוסיש אָבער לידער האָבן מיר געזונגען ייִדישע פֿאַרשטייט
דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער צײַט און פֿאַר דער די קוואַליטעט פֿון די קינדער
האָבן מיר געזונגען דאָס ליד כ'וועל אײַך אויסזינגען איין פֿערז פֿון דער ליד צלנג

איך זע ווי די שטערנדלאַך לעשן זיך אייניציקווײַז
ס'ווערט לאַנג נישט געדויערן לענגער די נאַכט
איך זע ווי דער הימל ווערט העלער און ליכטיקער
אַ סוף זאָל שוין נעמען די פֿינצטערע נאַכט
און ברידער איך קאַמף איך קאַמף וואָס איז שווער
לאַ לאַ לאַ לאַ אאַז"וו

מיט קראַפֿט און מיט (לאַכט) די פֿרײַהייט ערוואַכט
אַ סוף זאָל שוין נעמען די פֿינצטערע נאַכט

איך זע ווי סע גייען פֿיל הונדערטער טויזנטער
אַרבעטער העלדן געוועזענע קנעכט
איך זע ווי זיי טראָגן די רייטע פֿאָנע
זי גייען פֿון (פר-וועלבער) פֿרײַען די וועלט
ברידער איך קאַמף איך קאַמף וואָס איז שווער
לאַלאַ אאַז"וו
מיט קראַפֿט און מיט מאַכט די פֿרײַהייט ערוואַכט
אַ סוף זאָל שוין נעמען די פֿינצטערע נאַכט

(31) Tragic drowning @ graduation outing = Bund anthem!



מר II

מר(המשך) און דאס ליד האפן מיר געזונגען אין מאמענט ווען מיר זענען ארויס
אויפן לעצטן אויספלוג אין גראדוירונגס-קלאס און א חברטע האט זיך געטרונקען
האט א חבר געווארפן זי ראטעווען און דאס איז געווען פרילינג און ער האט
זיך געווארפן איר ראטעווען און ער איז געווען אנגעטאן אין מאנטל אין א
שווערע מאנטל און איז געווען א גוטער שווימער האט ער אויסגעראטעוועט די
חברטע און אליין געזונקען דאס ליד ביי מיר פארבונדן מיטן דאזיקן מאמענט פון
אונדזער לעבן ווי א חבר איז געזונקען געווארן איז דערטרונקען געווארן אין
אונדזער אלעמענס קעגנווארט און מיר האבן איט נישט געקענט ראטעווען און
ער איז פארשוואונדן און די חברטע איז געבליבן לעבן איז פון דעם מאמענט פון
דער צייט איז דאס געווען אין 22סטן יאר איך וויפל יארן שוין פון 22סטן
51 יאר איז געקומען מיט 2, 3 יאר צוריק צו מיר א חברטע די אלמנה פון אבראשצ
בלום דאס איז א גוטע נאנטע חברטע מיינע וואס מיר האבן אין דער גימנאזיע
צוזאמען שטודירט אלע יארן און מיר זענען געווען זייער באפריינדעט זי איז
געווען מיין גאסט און זי איז געקומען און איך האב געוועלט אנקניפן דעם
קאנטאקט פון פאר 50 יאר ווייל איך האב איר נישט געזען די אלע יארן איר
שטעלט זיך פאר די פארבינדונג איז געווען א גייסטיקע און זייער א שטארקע
האבן מיר גערעדט געלונען פעדעם האב איך געזאגט ווייסט וואס ליובע זעץ
זיך אוועק איך וועל דיר יעצט אויפשפילן א ליד און מיר וועלן גיין ווייטער
נאך די 50 יאר וועט נישט זיין קיין קיין מרחק דער מרחק וועט פארשווינדן
צווישן אונדז און איך האב זיך אוועקגעזעצט און כ'האב איר אויפגעשפילט דאס
ליד „איך זע ווי די שטערנדלעך לעשן זיך איינציקווייז' און דאס איז געווען
איר ליד ווייל זי איז דאך געווען אין די רייען און זי האט געזונגען דאס
ליד איר ווייס דאך מיט גרויס איבערציגונג מיט גרויס קעמפערישקייט
און איר מאן איז דאך געווען דער פירער ון די בונדיסטן און איר האט עס
דערמאנט אין גאנצער יוגנט די גאנצע יוגנט-פיריאד אונד אונדז האט דאס
פארבונדן מיט טויזנטער פעדעם און דאס דאס דאזיקע ליד און דאס
בלויז ווי א ליד אבער דורך דער דעם ניגון דורך דעם ליד זענען מיר צוגעקניפט
געווארן צוגעבינדן איינער צו דער אנדערער פאר 50 יאר דער מרחק איז אין
גאנצן פארשוונדן מיר זיינען ווידער געבליבן אזוי נאענט אזוי ווי ווען מיר
האבן זיך צעשיידט דאס ווייל איך אייך נאר זאגן וואס א ליד האט באדייט אין אונדז
לעבן און וואס עס באדייט עד-היום נו זאג איך אייך אז זיי האבן געזונגענדינגט
ליד איז איר לעבן תוכן-החיים/ זאל זי זיך זינגען אונדז א לחיים/ אזוי
איז דאס כ'וואלט אייך נאך א סך געקענט זאגן נאר איך מיין אז מיר וועלן
דאס אפשר איבעררייסן (איבעררייס) אז מיר רעדן שוין וועגן ההלהבות מיר
זענען דאך אלע מסתמא געווען קינדער און געהאט אין זיך מסתמא חסידישער בלוט

AB

Reunion w/ Lyuba Blum

מר(המשך) ווײַל איך האָב למשל קיין מאָל געוווּסט אַז מײַן פֿאָטער איז אין די
יונגע יאָרן געווען א חסיד און דאָס קיין מאָל נישט געוווּסט ווײַל ער איז געקומען
אין ווילנע און אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט מײַן מאַמען איז ער געוואָרן אַ
מתנגד און האָט אָנגעטאָן די קורצע טראַכט פֿון און ווען איך האָב אים געקענט
האָב איך קיין מאָל נישט געוווּסט אַפֿילו אַז עס עקסיסטירט אַ קאַפּאָטע נישט געוווּסט
ווײַל אין ווילנע האָט מען נישט געטראָגן קיין קאַפּאָטעס מ'האָט נישט געטראָגן
קיין שטרײַמלעך כ'האָב דאָס דאָן ערשטע מאָל דערזען אין וואַרשע זענען מיר
געקומען מיט אַן אויספֿלוג האָב איך עס געזען איז פֿאַר מיר געווען עפּעס אַ
איבערלעבונג אַ חוץ די ליטעראַטור וווּ כ'האָב געלעזן וועגן דעם האָב איך דאָס
אין לעבן קיין מאָל נישט געזען אָבער איין מאָל איך בין אין שולע געווען איך בין
געגאַנגען אויך אין אַ העברעיִשער שולע די העברעיִשע שולע האָט געהייסן(ניעוואַדיל)
דאָס איז געווען אַ העברעיִשע שולע פֿאַר מיידלעך
מס מיר דאַרפֿן זיך אָפּשטעלן
מר יע ביטע זייער

(סוף ז' 1)

(אנהייב ז׳2)

מר ס׳איז מיר געקומען איין זינען איר ווייסט אז מ׳רעדט א מאל מיט מאכעס איר ווייסט דאך מ׳דארף דאך לערנען שפראך כאטש קענען יידיש עפעס זאלן די קינדער פלעגן זיי זאגן מ׳קען נישט קליינע קינדער מ׳קען זיי נישט באלעסטיקן מ׳קען זיי נישט באשווערן זיי האבן גענוג צו לערנען ענגליש און מ׳דארף דאך לערנען פראנצייזיש איז וויפל שפראכן קען מען דאס אויף אן ארעם קינדעריש קעפעלע ארויפלייגן צוויי שפראכן איז גענוג פאר א קינד ער קען נישט שלעפן אזא מאסע איך אונדזער ציגט 5, 6 שפראכן און די מער פעיקערע זיבן שפראכן און אלע שפראכן גוט און אלע שפראכן פערפעקט און איין יעדער שפראך האט מען זיך פערפעקציאנירט ווייל מ׳האט געוווסט אז מ׳דארף האבן דרך-ארץ פאר א שפראך ס׳איז נישט קיין וויכטיק וועלכע שפראך מ׳רעדט נאר ווי אזוי מ׳רעדט וואס מ׳רעדט און ווי אזוי מ׳רעדט יעדע שפראך וואס מ׳רעדט, מוז מען האבן רעדן קארעקט און ריכטיק און מענטשלעך ליטערארישע און שטרעבן צו עפעס איז האבן מיר גערעדט שפראכן אונד די עלטערן האבן באשלאסן אז א רוסישע גימנאזיע איז טאקע זייער שיין און א יידישע באס איז אויסערגעווינטלעך אבער מ׳דארף דאך קענען העברעיש מ׳דארף דאך קענען די שווארצע פינטעלעך מ׳דארף קענען מ׳דארף וויסן די העברעישע ליטעראטור מ׳דארף קענען דאווענען און מ׳דארף פארשטיין וואס מ׳דאווענט און איך אלגעמיין העברעיש איז דאך אונדזער מאמע אונדזער שפראך און גלייכצייטיק מיט יידיש איז געווען העברעיש אויף דער זעלבער מדרגה כאטש מ׳האט נישט גערעדט דאן העברעיש נאר דער דרך-ארץ און די ליבשאפט און די איר ווייסט דאך מ׳האט געקוקט ארויף אויף א מענטשן וואס האט גערעדט העברעיש און געוווסט אז ער איז א בעבילדעטער מענטש מ׳דארף אים אפגעבן א כך כבוד ווייל ער קען ווייל ער פארשטייט זיך אויף די שווארצע פינטעלעך אזוי פלעגט מען ביי אונדז זאגן ער דער מאן איז א גרויסער געלערנטער פארשטייט זיך אויף שווארצע פינטעלעך מ׳פלעגט נישט זאגן וויפל דאקטאראטן ער האט צי ער איז א דאקטער צי ער איז אן אינזשעניער נאר ער פארשטייט זיך אויף שווארצע פינטעלעך און דאס איז שוין געווען גענוג מ׳זאל ערקלערן ווי געבילדעט א מענטש איז זענען מיר געגאנגען אין א העברעישער שולע די שולע האט יארן לאנג אנגעפירט דוד נאסיק [דוד נאסיק] איז געווען א העברעער און זייער א געלערנטער מענטש ער האט געמאכט דעם מקרה-המפורש צום תנך צוזאמען מיט ריוואשן און מ׳לערנט דאס נאך היינט עד-היום איר ווייסט דאך ס׳איז דא א מקרה המפורש צו תנך איז דאס אלץ פון דוד נאסיק פון טריבוש און ער האט געהאט א שולע וואס א פאר מעצענאטן און דווקא פרויען מעטצענאטקעס רייכע פרויען האבן דערשטיצט די דאזיקע שולע זיי האבן דאס אליין אויפגעהאלטן אליין 2 אדער 3 זייער רייכע

מר׳המשך) משפחות אין ווילנע האָבן אויפגעהאַלטן די דאָזיקע שולע און מיר
האָבן באַזוכט בית ספר לבנות [יהודיה] און גלייכצייטיק איך ד ר פרי פלעגן
מיר גיין אין גימנאַזיע נאָך מיטאָג פלעגן מיר גיין אין אַ העברעישער שולע אין
יהודיה פלעגן מיר לערנען העברעישע שפּראַך דיקדוק געשיכטע יידישע געשיכטע
אויך העברעיש אונד פאַרשטייט זיך לידער מ׳האָט געזונגען לידער ווי־זער געווען
העברעישע לידער און מ׳האָט געזונגען העברעישע לידער און דורך אַ העברעיש
ליד קען מען בעסער פערפעקציאָנירן די שפּראַך אַנטוויקלען דעם און אוונטן
די אָוונטן פלעגן מיר אויפטרעטן און מיר האָבן גאַנץ גוט געקענט העברעיש
די זעלבע שולע פאַר יונגע קינדער איז געווען ביי נאַכט שולע ערב אַזוי
ווי דאָ אַן אָוונט־שול איז שיעורי ערב אין די שיעורי ערב זיינען געגאַנגען
שוין דערוואַקסענע מיידלעך שוין וואָס האָבן געענדיקט גימנאַזיע אָדער זיי
האָבן שוין געהאַט העכערע בילדונג האָבן זיך געלערנט אויף לערערס צו זיין
און די ערשטע לערערס איין ישראל אין 21 22סטן יאָר די חלוצים דאָס זענען
אַלע געווען לערערקעס פון דער דאָזיקער שול פון שול־ערב איך האָב געענדיקט
יהודיה איך האָב זייער ליב געהאַט העברעיש זייער און איך האָב זייער ציכטיק
געלערנט חומש און תנך און עה געזאַנג איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן איז
איין מאָל האָבן מיר געלערנט אַ חסידישן אַ ניגון דאָס איז געווען אַ חסידישער
ניגון און דער ניגון איז געווען אַזוי זאָל איך אייך אויפזינגען דעם ניגון?
דער חסידישער ניגון כ׳קען עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן לובאַוויטשער ניגון
לובאַוויטשער ניגון לובאַוויטשער ניגון איז ער אַזוי געווען (ברומט)
קו ם צו גיין קומט צו צו מיר דער לערער כ׳בין געווען אַ קינד פון אַ
יאָר צען קומט ער צו מיר צו און זאָגט אַזוי דו ביסט אַ חסידס אַ טאָכטער
קוק איך אים אָן איך? אויף העברעיש זאָגט ער דאָס מיר איך בין געווען
אַזוי רוסיפיצירט איך בין געווען אַזוי ווייט ווי דאָס יידיש איז געווען
און מיר איר פאַרשטייט אָבער אויסערלעך בין איך געווען רוסיפיצירט איך
האָב באַזוכט אַ רוסישן קינדערגאָרטן אַ רוסישע גימנאַזיע איין שטוב האָט
מען גערעדט צו מיר רוסיש זייער געוואָלט אַז איך זאָל רוסיפיצירט ווערן
ווייל מסתמא האָט מען דאַן אַזוי ווי יעצט געמיינט אַז ס׳איז כ׳ווייס געזונטער
מ׳איז דערפאָלגרייכער אין לעבן איר ווייסט דאָך עלטערן מיינען דאָך פאַרשידן
ס׳קען זיין מ׳האָט דאַן געקלערט כ׳וועל זיין רוסיפיצירט וועט מיר בעסער
געלונגען אין לעבן כ׳וועל באַפרייט ווערן פון געוויסע נסיונות אין לעבן
אָבער איך אַליין האָב געהאַט דעם דראַנג דאָס גאַנצע לעבן דעם דראַנג ס׳איז
געווען אין מיר דער דראַנג און איך האָב דאָס באַוויזן דורך דעם ליד האָט ער
מיר געזאָגט אַז איך בין אַ חסידס אַ טאָכטער האָב איך זיך אָפגעטרייסלט פון דעם

#2

מר(המשך) ווײַל אין ווילנע איז אין אַלגעמיין נישט געווען חסידיזם
האָב איך געוווּסט איז נאָר דאָ אין דער געשיכטע און דאָס דאַרף איך לערנען? און דאָ
דאַרף איך קענען? און דאָס האָט מיר זייער אינטערעסירט און דעטס אַל און ווײַטער
איז דאָס נישט געגאַנגען פֿון דעסט וועגן האָט עס מיר זייער (געאַפּערט) איך
בין געקומען אַהיים אונד איך האָב פֿאַרטרויט מײַן שוועסטער דעם סוד און איך
בין געווען די יִנגסטע אין דער משפּחה און די שוועסטערס זײַנען געווען לערערקע
איר ווייסט פֿון מוזיק אונד זיי האָבן זיך זייער פֿאַרנומען מיט מײַן דערציִונג
זייער איין שוועסטער איז געווען אויף (דעבעליסטין) איז די געווען אויך מײַן דע
ציִערין אין קינדער-גאָרטן און זיי האָבן זיך זייער מיט מיר אָפּגעגעבן האָב
איך איינע פֿון מײַנע שוועסטער דאָס פֿאַרטרויט האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט
דו ווייסט ס'איז אַן אמת דײַן פֿאָטער איז געווען אַ חסיד און אַז ער איז געקומען
אַבער ווײַל ס'איז געווען נאָר מײַן פֿאָטער מיר זענען געווען פֿון איין מוטער
און נישט פֿון איין פֿאָטער און אײַער פֿאָטער איז געווען אַ חסיד און זי האָט מיר
גענומען דערציילן ווי אַזוי זי געדענקט מײַן פֿאָטער אַז ער איז געקומען נאָך
מיטן מראַכט אונד מיט אַלע פּיטשעוועקעס און ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט(לאַכט) ⟵
אין ווילנע איר ווייסט דאָך זײַן אַ חסיד האָט מען שוין געדאַרפֿט זײַן זייער אַן
איבערגעצייגטער חסיד אַז מ'זאָל דאָס אָנהאַלטן ווײַל ער איז געווען איינער
איך שטעטל זײַן איינער אין שטעטל איז זייער שווער איר פֿאַרשטייט האָט
ער געוועלט זײַן איינער פֿון אַ סך אונד אָבער העברעיִש האָט ער זייער
אָנגעגאַנגען מײַנע העברעיִשע בילדונג און איך קלער אַז מײַן העברעיִשע
בילדונג אַז מײַן העברעיִשע בילדונג האָב איך זייער אַ סך מײַן פֿאָטער צו פֿאַרדאַנקען
ווײַל ער האָט זייער אַ סך געוועלט ער האָט זייער געוועלט אַז אין זאָל ווערן
ווערן באַהאַוונט אין דער העברעיִשער קולטור און אין דער העברעיִשער שפּראַך
אָבער ס'איז געווען זייער אינטערעסאַנט אַז אין יענער צײַט איז אַלץ געווען
אין העוורה אַשכּנזית מיר האָבן דאָך אַלץ אַשכּנזיה געלערנט און שטעלט זיך פֿאָר
אַז ער דוד נאָטיק האָט אַזוי געקעמפֿט פֿאַר דעם אַשכּנזיה ווײַל ס'איז געווען
אַנדערע וואָס האָבן געזאָגט ניין ספֿרדית וועט אַ מאָל זיגן און ישראל וועט זײַן
ספֿרדית מוז מען די קינדער צוגרייטן צו דער ספֿרדישער העוורה האָט ער אַזוי
געקעמפֿט און אַזוי ווי ער האָט געהאַט די דעה ווײַל ער האָט אָנגעפֿירט די שולעס
איז אַלץ געווען אַשכּנזית און נישט נאָר וואָס ס'איז געווען אַשכּנזית איך בין
דאָך געווען זײַן תּלמידה און זײַן חסידה האָב איך געהאַלטן אַז ער איז גערעכט
אַז כ'דאַרף זיגן טאַקע אַשכּנזית ווײַל וואָס עפּעס מיר דאַרפֿן זיך צופּאַסן צו אַ

מר(המשך) הוורה וואָס מען הערט ניט און מ'זעט דאָס נישט און ס'איז אַזוי
פרעמד צו אונדז און מיר דאַווענען דאָך אַשכנזית איז וואָס דאַרף מען אַנדערש
דאַווענען און אַנדערש רעדן אַזוי ווי מ'דאַווענט אַזוי רעדט מען אַזוי רעדט
מען צו גאָט און אַזוי רעדט מען צו לײַט פאַרשטייט צו גאָט און צו לײַט רעדט
מען די זעלבע שפּראַך פּונקט אַזוי ווי בײַ מיר למשל הײַנט איך קען דאָך
אַזוי פיל צוזאַמענרעדן מיט גאָט אין פאַרשײדענע שפּראַכן נאָר צו גאָט רעד
איך נאָר ייִדיש ווײַל אוי השלט אז דער גאָט מײַן גאָט קען נאָר ייִדיש
אַמבעסטן קען ער ייִדיש און אַנדערע שפּראַכן וואָלט דאָס געווען ~~ברימעס גאָט~~ בחינת יפלוג
איר פאַרשטייט (לאַכט) איך מוז רעדן צו גאָט ייִדיש ווײַלע דאָס איז די איינציקע
הייליקע שפּראַך וואָס פירט מיך צו געטלעכקייט דאָס איז דורך ייִדיש און
דאָס צווייטע געטלעכקייט איז דורך ניגון אַ ניגון איז אַ גרויסע זאַך און
איך קען אײַך זאָגן אַז אַזוי גרוס האָב איך געקליבן זייער אַ סך ניגונים
און איך קען אַ סך ניגונים און איך וועל אײַך אַ מאָל מאַכן נאָך עטלעכע ניגונים
אויפזינגען און יעצט וועל איך אײַך זאָגן איין ליד נאָך וואָס האָט מיך
זייער אינספּירירט איך לעבן און וואָס איך האָב געהאַט אַ גרויסע דערפאָלג
מאַכט צווישן די אַסימילירטע קרײַזן דאָס איז געווען אַ ליד וואָס איז געווען
פאַרבונדן מיט אַ מעשה וועגן דעם רבי שניאורסאָן אַז אַ ייִד איז געקומען אַ מאָל צו
דעם רבי שניאורסאָן און ער האָט זיך זייער באַקלאָגט אַז ער האָט אַ ווײַב און
זייער קראַנק או כ'גייט איז זייער שלעכט און דאָס ליד גייט אַזוי (זינגט)

(מיעסטעטשקאָדיניו) אַ פּינטעלע
(מאַגינאַווסקי גובערני) אַ פּינטעלע
דוכאַוונעמו ראַביניו שניאורסאָנו

איך שרײַב צו דיר מײַן טײַערער רביניו
אַז די געשעפטן זענען בײַ מיר אוי אוי אוי
און אַז די ווײַבעלע איז בײַ מיר איאײַאײַ
און דו ביסט דאָך דער הייליקער איי איי אַז"וו

מיעסטעטשקאָדיניו איי איי איי
מאַגינאַווסקי גובערניו איי איי איי
דוכאַוונעמו ראַביניו שניאורסאָנו

מר און דאָס האָט געאַרבעט דאָס האָט געלונגען ער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו אין רב שניאורסאָן האָט אים געשיקט זיין ברכה און דער יידן איז אַוועק פֿון אַלע זייטן דאַרף מען דאָך זיין דאַנקבאַר אַ ייד איז דאָך אַ דאַנקבאַרער מענטש ענטפֿערט ער דעם רבין אין אַ פֿינף יאָר אַרום שרייבט ער אים אַ צווייטן בריוו און דעם בריוו שרייבט ער אַזוי (זינגט)

מיאַסטעטשקאַ/לאַדו אַ פּינטעלע

מאַגילאָווסקי גובערני אַ פּינטעלע

דוכאָוונעמו ראַביניו שניאורסאָנו

איך שרייב צו דיר מיין טייערער רבינ׳יוני ניו אַז״וו

אַז ד געשעפֿטן זענען ביי מיר איי איי אַז״וו

און די ווייבעלע איז ביי מיר איי אי אַז״וו

און דו ביסט דאָך דער הייליקער איי איי אַז״וו

מאיעסטעטשקאַ לאַדיניו

מאַגילאָווסקע גובערני

דוכאָוונאָמו ראַבינו שניאורסאָנו

און אַלע זינגען (רעפֿריין) און איך זאָג אייך הערט היינטיקן ווינטער קומט דאָס רומענישע טעאַטער דאָס איז אַ מלוכה-טעאַטער פֿון רומעניען פֿאַרשטייט זיך מיר האָבן אַ שייכות ווייל מיר האָבן דאָרט געלעבט אַ זעקס יאָר און פֿון דאָרטן אַ סך אַרויסגעוואָרפֿן ווייסט דאָך איינדרוק אונד געוועזן אַ סך איבערלעבונגען פֿרייד און ליידן און אַלץ אין איינעם האָב עס געשאַפֿן אַ פּעריאָד פֿון אונדזער לעבן

אונד איך האָב זייער ליב [טשערנאָוויץ] און מיינע פֿריינד פֿון טשערנאָוויץ זענען מיר טייער פּונקט אַזוי ווי די ווילנער פֿריינד כ׳האָב פֿון זיי זייער גוטע און טייערע זכרונות איז בין איך אַוועקגעלאָפֿן צום טעאַטער און שטעלט זיך פֿאָר אַז אויף דער בינע יונגע קינדער וואָס האָבן זיך אויסגעאָרבעט יעצט אונטער אַזאַ רעזשים וואָס איז אַזוי ווייט פֿון מיין אָרט לעבן און פֿון מיין סביבה און פֿון מיין יוגנט און פֿון מיין בעקגראַונד איז די קינדער זענען געשטאַנען אויף דער בינע און געזונגען מיינע לידער פֿאַרשטייט זיך מיין מאָן איז געזעסן מיט מיר האָט ער געזאָגט נו פֿאַרשטייסט זיי פֿירן דאָס נישט אויס אַזוי ווי ביי אונדז האָט מען עס אויפֿגעפֿירט אָבער ס׳איז זייער שיין ס׳איז זייער שיין און ס׳איז זייער גוט ווייל זיי זינגען די זעלבע לידער און איר ווייסט אַז מ׳זינגט נאָך די זעלבע לידער האָט מען דאָך די גאָלדענע קייט פֿון די לידער הייבט זיך דאָך אָן ס׳דאַרף דאָך זיין אַן אָנהייב פֿון די לידער הייבט זיך דאָך אָן

מר(המשך) אונדזער לעבן או זייער אינטערעסאַנט אַז איך בין געקומען אַהער
און איך אין שערי שמים בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַן אָוונט האָט דער
שמואל לערמער איז דאָן געווען דער פּרינציפּל פֿון דער שולע האָט ער אָנגעפֿירט
מיט די קינדער מיט אַ כאָר און די קינדער ווייסט דאָך איין ליד איז געווען
אויך אַזוי אויף אַ ווי מ'זאָגט אויף ניטשט צו באַדאַרפֿן איז געווען אַ ייִדיש
ליד וואָס פֿאַראַ ייִדיש ליד האָט מען געזונגען אויפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿײַער
איר ווייסט דאָך איך בין געקומען איך בין נאָך געווען זייער יונג איך די
אָנהייב פֿון דרײַסיק דרײַסיקער יאָרן איז פֿאַר מיר איז פּריפּעטשעק אויפֿן פּריפּעטשעק
ברענט אַ פֿײַער איז געווען אַ זייער ווײַטער מהלך אויף צוריק פֿאַר מיר איז
דאָס געווען ווײַט ווײַלע איך האָב געהאַלטן אַז מײַנע וואָרצלען קומען פֿון
געבירטיג מײַנע וואָרצלען קומען פֿון די נײַע לידער ט'איז דאָך נײַע צײַטן
פֿון הײַנט און דער פּריפּעטשעק דאָס איז עפּעס געווען אַזוי ווײַט פֿון מיר
עפּעס אַזוי ווי ס'וואָלט געווען צוגעדעקט מיט אַ צודעק צו וואָס מ'טאָר זיך
נישט צורירן האָב איך געקלערט רבונו-של-עולם די קינדער זענען דאָך
נישט בערגאַנגגען צו אונדזער לידער וואָס מיר זענען שוין געגנוג אַלט אַז
אונדזערע לידער דאַרפֿן שוין אויך איבערגעביטן ווערן אויף נײַע לידער
איז קיין נײַע לידער האָבן זיי נישט אונדזערע לידער זינגען זיי נישט
נאָר זיי זענען געגאַנגען אַזש צו דעם גאָר גאָר צו די גאָר גאָר אַ מאָל אויף
מיר האָט דאָס געמאַכט זייער אַ שווערן אײַנדרוק ווײַל איך האָב בעמיינט אַז
דערבײַ וועט מען בלײַבן איר פֿאַרשטייט דאָס דאַרף נישט צו באַדאַרפֿן טאָמער
מיינט איר אַז מיר זענען אַוועק פֿון אונדזער ייִדישקייט ניין אָט האָט איר אָט האָט
איר איין אונדזער רעפּערטואַר פּריפּיטשיעק און דעמס אָל און מיט דעם ענדיקט
זיך מיט דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן און מיט דעם ענדיקט זיך און יעצט אַז
אַז מ'זינגט דאָרט אַ מאָל אַ ליד אויף נישט צו באַדאַרפֿן זינגט מען (זינגט) דער
ווינטער ניין

אָ איר קליינע ליכטעלעך איר דערציילט געשיכטעלעך אַז
אַז מיר האָבן דאָס געזונגען איר פֿאַרשטייט האָבן מיר דאָס איבערגעלעבט
מיר זענען געווען נאָענט צו די ליכטעלעך מיר זענען געווען נאָענט צו אַלץ
צו יעדן וואָרט צו יעדער בלוטיקייט און מוטיקייט אָבער זי זיי נעמען אַרויס
פֿון מוזעאום אַ ליד און מ'זינגט אַ מוזעאום-ליד דאָס איז אַלץ מוזעאומנע לידער
ס'איז נישט ליטער דברים-יוצאים-מן-הלב און פֿאַר דעם האָב איך זייער געליטן
און צוליב דעם קען איך אײַך זאָגן בין איך נאָך מער געבליבן אין מײַנע
ד' אמות און כדי איך זאָל נישט קריטיקירן כדי איך זאָל נישט ווײַטיקן און
כדי איך זאָל נישט בלוטיקן זיץ איך מיר אין שטוב און גיי נאָך מײַן אייגענעם
וועג וואָס איך קען פֿון דער היים אויפֿטאָן פֿאַר דעם ציל פֿאַר אײַנהאַלטן

(39) mother's lament on the archaic attitude to Yiddish song vs their contemporary spin → 17 her isolation in the present

מר 11

מר/(המשך) אונדזערע אוצרות טו איך עס אויף אלץ וואס איך קען טו איך
אין מיינע ד׳ אמות אבער ווי איך גיי ארויס און איך זע איר ווייסט
אז ס׳איז בלויז אויף נישט צו באדארפן איר ווייסט דאך אזוי ווי איך
שטוב איז דא א מאל א ספרי ביים טיש צו באדארפן אזוי איז דא אונדזער
פרעפעטיק אויף נישט צו באדארפן כ׳האב זייער ליב אויך פריילעכע ברענט
דאס פייערל און ס׳איז זיכער א פרעכטיקע ליד אבער ס׳דארף דאך זיין
א שטופע א מדרגה ביז מען דערגייט צו דעם פריפיטישק מ׳דארף דאך גיין
שטופנווייז און דער מיטן איז פארלארן פאר די קינדער איר פארשטייט
אלץ פארשוווּנדן אונדזער דור אונדזער דור וואס מיר האבן אזוי פיל דורכגעלעבט
און געשאפן און באמת געצאפלט זיך יעדן טאג האט מען געצאפלט זיך אין
א יידיש ליד און מ׳האט אזוי באוווּנדערט און מ׳האט אזוי ליב געהאט
ס׳איז ארויסגעגאנגען א בוך ס׳איז נישט געווען א קינד אין שולע וואס
זאל נישט איבערלעבן לייוויקס גולם וואס הייסט אז עמעצער האט נישט
איבערגעלעזן דעם גולם דעם גולם האט ער זיך דאך נישט געקענט באווייזן אין
דער יידישער געזעלשאפט ער איז דאך געווען אן עם-הארץ איז פארשטייט בין
איך א הכידס א טאכער געווען און איך מיינע בלוטן ברויזט מאקע חסידישע
בלוט און אפשר האט דאס מיר געגעבן דעם קוראזש און די אינספיראציע
און די מעגלעכקייט אלץ איינפיקסירן אין זיך און איינוואָרצלען אין זיך
און פאר דערפאר אפשר צוליב דעם איז דא מאקע אזא ליבשאפט צו דעם ווילע
אזוי איר ווייסט דאך קלאסיש בלויז טעאָרעטיש קען מען נישט דערגיין
זייער ווייט מ׳קען דערגיין בלויז א דיפלאם א דיפלאם קען מען דערגיין
מ׳קען דערגיין א קאריערע אבער דעם תמציה די הנאה האבן די פרייד האבן
פון דעם אטעמען מיט דעם אטעמען מיט דעם לופט מיט די לופט איר פארשטייט
פון יידישקייט פון יידישן שאפן און אלצדינג און מאקע וואס איז
מיינע איז מיר טייערער ווי אלץ כאטש איך זאג דאך איינך איך קען זייער
א סך פון אנדערע קולטורן זייער א סך געזאנגען און זייער א סך מוזיק
אבער ס׳איז נישט מיינס ס׳איז זייער פיין אבער ס׳איז נישט מיינס כ׳איז
בלויז דא למשל מילא וואס איז דא זאכן מיט וואס צו אנציקן זיך אפער דאס
איז אנדערש עס איז אנדערש ס׳איז אפשר בעסער ס׳איז אפשר שענער אבער
ס׳איז נישט מיינס קען איך דאס נישט אדאפטירן כ׳קען נאר אדאפטירן
דאס וואס איז מיינס איך גלייב נישט אז הב איז א שווינדל דאס איז פשוט א
נויטבאדערפטיקייט דאס וואס איז אין מיר וואס איך פיל אז איך בין
אנגעזעטיקט איך בין אנגעפולט מיט מיינע אייגענע איך דארף נישט האבן קיין
פרעמדס וויל איך בין פון מיט מיינע אייגענע דאס זענען מיינע אוצרות

מר(המשך) איך בין אָנגעפֿילט מיט דעם איך גלייב אַז איך קען נאָך איינזאַפּן
אַ סך מער ס׳איז ליידער דאָ זייער זעלטן פֿון וואַנען צו שעפּן אָבער איך
זאָג דאָך אייך לכשל אַזאַ ליד ווי העכער בעסער מיר האָבן געזונגען אַזאַ
ליד מיט אַזאַ מין פֿרייד (זינגט).

העכער בעסער די ראָד די ראָד מאַך גרעסער
גרויס האָט גאָט מיך געמאַכט גליק האָט ער מיר געבראַכט
הוליעט קינדער די גאַנצע נאַכט די מוזינקע אויסגעגעבן
די מוזינקע אויסגעגעבן

שטאַרקער פֿריילעך פֿון די מלכה איך דער מלך
אוי אוי איך אַליין האָב מיט מיינע אויגן געזען
גאָט האָט מיר מצליח געווען די מוזינקע אויסגעגעבן
די מזינקע אויסגעגעבן

דער טייער פֿעטער יאָשע ווי די גומע מומע סאָסע
אוי אוי איך אַליין האָב מיט מיינע אויגן געזען
גאָט האָט מיר מצליה געווען די מוזינקע אויסגעגעבן
די מוזינקע אויסגעגעבן

איר פֿאַרשטייט אַז איך וועל דאָס ליד הערן אין העברעיש איז דאָך קאַמאָפּלאַזש
אַ קאַמאָפּלאַזש פֿאַר מיר איר האָט נישט קיין לידער שאַפֿט זיך נייע לידער נעמט איר
צו אונדזערע לידער דאָס איז דאָך אויסגעבאַקן פֿון אונדזערע ווייץ
אונדזערע זוימען ס׳איז אַן עכטע יידיש ליד ביי קיינעם נישט געגנבֿעט
ביי קיינעם נישט צוגענומען דאָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם יידישן ליד
אין דעם יידישן האַרץ איז דאָס געבוירן געוואָרן אָדער אַזאַ ליד (זינגט)

שיין בין איך שיין און שיין איז אויך מיין נאָמען
רעט מען מיר שידוכים מיט אַלע רבנים
רבנישע טעכטער איז דאָך זייער גרויס
בין איך ביי מיין מאַמען אַן איינציקע רויז

אַ שיינע מיידעלע בין איך רויטע זעקאַלעך טראָג איך
געלט אין די טאַשן ווייַן אין די פֿלאַשן
מעד אין די גריבעלעך קינדער אין די וויגאַלעך
שרייען ווי די ציגאַלעך מע מעעמע

מר דאָס איז דאָך אַ פּרעכטיקע ליד נעמט אַזאַ ליד און איבערזעצט עס
איבער. זעצט עס איז דאָך אַ קאָמפּלאָזש ס'איז גאָרנישט נעמט למשל אַזאַ
ליד וואָס דאָס איז באמת ס'פּלעגט אויפּרייסן אויפּרייסן און אויפמינטערן
אַלע קאַלטע נשמות פּלעגט אויפּרייסן דאָס ליד איר ווייסט דאָך מיר פּלעגן
דאָך זיצן אַזוי אין אַ קרייז און מ'פּלעגט זינגען (זינגט)

צו געניסן פון דיין לייבן וואָלט אַ יעדער אַפּקיט
אַ יעדער אייוער ווייס אַזוי די קלעפּט דאָך קיינער נישט
דערפאַר זאָלט איר מיך עפּה פאָלגן הערן וואָס איך זאָג
איר זאָלט נישט וויינען און נישט קלאָגן און לעבן אַ גוטן טאָג

לאַ לאַ לאַ לאַז"וו

אוי הולע קבצן הולע אוי אוי הולע קבצן הולע!
אוי אוי לאָז איבער דיינע זאָרגן
אוי אוי גאָר אויף איבערמאָרגן

הולע הולע קבצן דלות ווער ס'האָט גאָבישט איך האָב אַלעס
ווי לאַנג לעבט מען?(פּעטשיטאַסיוו)

לאַ לאַ לאַז"וו
(רעפריין)

אָדער אַזאַ ליד (זינגט)

גיוויין אַ מאָל אַ צייטל
געטראָגן טמען אַ שייטל
און פאָלגן פלעגט מען טאַטע מאַמע
שטענדיק זיין צוזאַמען

אונטע היינט איז אַלץ פאַרקערט
צי האָט איר דאָס געמעקט (2)
אַ שלום-בית ווערן זאָל צושטערט

אַ מיידל געווייזן מיט לאַנגע צעפּ האָר
(בתולה)
אַ ברכה אַ פרומער אַ פרומער ביז גאָר
אַ מיידל אַ צניעה אַ מאַן שטענדיק טריי
דער מאַן איז געווען אַ ייאַיאַ-אַיי

געווען אַ מאָל אַ צייטל אַאַז"וו

(42) censors her anti-religious repertoire out of her deference to her בעל-תשובה children.

מר איז אַז מיר האָבן דאָס געזונגען האָבן מיר געמיינט אַז דאָס איז דער לעצטער דור וואָס באַוווּנדערט נאָך באַווייזט די פֿרומע איר פֿאַרשטייט אין דעם ליד האָבן מיר באַזונגען און באַווייזט די פֿרומע צייטן או מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט פֿאַרגעשטעלט אַז אונדזערע קינדער וועלן קומען צוריק צו די צייטן מיט ע קינדער קענען דאָס נישט זינגען ווײַלע דאָס איז (אַרטאָדאָקסירט) פֿאַר זיי ווײַלע זיי בענקען צוריק צו פֿרומקייט איך פֿאַרשטייט קען איך דאָס נישט זינגען ווײַל דאָס איז פֿאַר זיי אַפּיקורסות און פֿאַר מיר איז דאָס געווען דער אַנהאַלט ווײַלע כּל-זמן מיר האָבן נאָך אַרויפֿגעקוקט אויף די פֿרומע צייטן אויף די פֿרומע עלטערן און אויף די פֿרומע אויפֿפֿירונגען האָבן מיר געקענט נאָך שאַפֿן אונדזער אייגענע פֿרומקייט און דור, ס'איז די צנועה חדיקע לידער די עכט יידישע לידער פּאָרנאָגראַפֿישע ליי ער איז גאָרנישט געווען די אייראָטיקע פּאָרנאָגראַפֿיע ליד וואָס איך קען איז דאָס ליד וואָס כ'האָב אײַך געזונגען מיט אַ שיקסע צווישן די בוימער וואָס די גאַליציאַנער האָבן דאָס געזונגען דאָס איז שוין געווען דאָס גרעסטע ראָפֿינירטקייט וואָס מיר האָבן געקענט אַ מאָל זינגען פֿאַרשטייט און אַז איך פֿלעג דאָס זינגען פֿלעג איך טראַכטן אָדער מיר האָבן געהאַט אַז ליד אויך געווען אַ סמאָ פֿון בונדישע קרײַזן געמאַכט זייער אַ פֿײַנע ליד האָבן מיר געהאַלטן אַז דאָס איז אַפּיקורסישע דאָס איז שוין געווען דאָס העכסטע ראַפֿינירטקייט צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען איז געווען אַזאַ וווּנדערלעכע ליד (זינגט)

pornography

וואָס וועט זײַן אַז משיח וועט קומען
מיט וואָס וועט מען אָקעגנגייען דעם רבין דעם פֿרימען
פֿון ווײַנען און פֿון בראָנפֿן וועט גיין אַ רעגן
דאָס אַלץ וועט זײַן צוליב דעם רבינס וועגן

אײַ טשירי ביב באָם אַאַז"וו

קאָס

אויף די ביימער וועלן וואַקסן ציבאַלעך און בולקעס
אויף די צווײַגן וועלן וואַקסן ציביקעס און ליולקעס
די בלעטער וועלן זײַן פֿון טערקישן טיטון
און אַלע חסידימלאַך וועלן רויכערן דערפֿון

אײַ טשירי באָב אַאַז"וו

טעלעל לקאַונאָבר

האָמער-לאָגן: וואָס ס'עסן טאָג'עסען די ווילקאָ ליון 1993 משה-ליבן צוזאַמענגעפֿירט

מ( 1)

(43)

מר(זינגט המשך)

דער רבי וועט רייטן אף א פייערדיקן פערד
אראפ פון הימל אראפ אף דרערד
ארויס פון גיהנום ארייַן אין גן-עדן
דער רבי וועט טאנצן מיט צען שאק מיידן

איך טשירי באס אאז"וו

דאס איז געווען די העכסטע זינד און די גרעסטע ראפינירטקייט איר פארשטייט לצנות שקצישקייט וואס מיר האבן דעם רבין אוועקגעבראכט מיט צען שאק מיידן דעטס אל פארשטייט בײַ דעם זענען מיר שטיין געבליבן און היינט זינגען מען נעבעך דעם בריפּיטשיק און מ'איז זייער ווײַט אוועק נישטא קיין דרך-ארץ נישטא קיין פיעטעט ס'איז נישטא קיין התפעלות און ס'איז נישטא קיין נאסטאלגיע דאס איז דער אונטערשייד דאס איז מײַן פערזענלעכע איבערצייגונג פארשטייט לויט דעם ווי איך דערציילט אײַך ווי אין פלעג זינגען פאר א קרײַז פון חברים און טאמער פלעגט זײַן אין קינד וואס איך האב געקלערט אז אפשר איז ער א ביסעלע צוריקגעצויגענער אין זײַן פרומקייט מער אײַנגעהאלטענער ווי איך, האב איך מורא געהאט אפשר וועל איך אים באליידיקן מיט דעם ליד האב איך דאס ליד נישט געזונגען איר פארשטייט פלעגט מען זינגען נאר דאס ליד שוין אז מ'איז שוין געווען גאולהוודיק און אז מ'איז שוין געווען פרבי מ'איז געווען מיט די גאליציאנער חברים וואס פאר זיי איז געווען אלץ אײַנס וועלכע ליד ווײַלע זיי זענען שוין ווײַטער געגאנגען איז האט מען באווויזן אז ס'מאכט נישט אויס דער רבי וועט אראפגיין און ער וועט טאנצן מיט צען שאק מיידן אוין נישט קיין אומגליק אבי אין יידיש אבער ער וועט דאך טאנצן אין יידיש ער וועט דאך נישט טאנצן אין פויליש ער וועט דאך טאנצן אין יידיש או. דאס איז געווען דאס וויכטיקסטע אז מ'זאל טאנצן יידישע ניגונים אונטער יידישע קלאנגען אונטער א יידישן זמרל (לאכט) למשל בײַ מײַן ברודער איז געווען א געזעלשאפטלעכער טוער אונד ער האט אנגעפירט מיט טאז אין ווילנע נאכן טויט פון ד"ר שאבאד האט ער אנגעפירט מיטן טאז און בײַ אים אין שטוב איז שטענדיק געווען די יידישע יוגנט די יידישע אינטעליגענץ פלעגט זיך צוזאמענקלײַבן און מיר זענען געווען די יוגנט די באנדע וואס פלעגט קומען און מיר פלעגן אנפירן מיט יידיש געזאנג מיט יידישע רעציטאציעס פארווײַלן דעם עולם איז האב איך אײַך געזאגט

מר(המשך)  אַז מיט פּאַראַדיעס האָט מען אַחיסגעבראַכט טיפן גאַנצע טיפן
איז צווישן די געסט איז געווען זײַן גוטער פֿרײַנד ער איז געווען
דער גרעסטער יִדישיסט אין ווילנע יעקב גערשטיין מ'האָט אים גערופֿן
יאַנקעלע גערשטיין ס'איז געווען אַ לערער פֿון געזאַנג און ער פֿלעגט אָנפֿירן
געזאַנג אין רעאַל-גימנאַזיע און ער איז זייער באַקאַנט אין באַוווּסט פֿון זײַנע
סוצקעווער-לידער יע און אַ גוטער פֿרײַנד פֿון סוצקעווער און ער איז געווען
אַזאַ יִדישיסט אַזאַ פֿאַרברענטער אַז טאָמער פֿלעגט ער זען אַ יִדיש פֿרײַלין אַ
יִדישע מיידל רעדנדיק רוסיש אָדער פּויליש פֿלעגט ער פּשוט ברייז געווען
אויסצוזידלען נו איז איין מאָל איז ער צוגעקומען צו מיר און ער איז געווע.
דאָך אונזער אַ נאָענטער פֿרײַנד און איך האָב מיט מײַן שוועגערין שטענדיק גערעדט
רוסיש ווײַל זי איז געווען רוסיפֿיצירט אָבער אין צײַט וועלן זי האָט חתונה
געהאַט האָב איך אײַך געזאָגט מ'פֿלעג חתונה האָבן מיט ריכטיקע מענער פֿלעגן
זיי דערגענצן מײַן ברודער איז געווען זייער יִדיש געשטימט האָט ער דערגענצט
זײַן פֿרוי אויף אַזוי ווײַט אַז זי איז געגאַנגען אין קאָנסולאַטאָריום –

(סוף ז' 2)

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
1942 [illegible]
[illegible]
[illegible] 1993 [illegible]
[illegible]
[illegible]

(45) MFSMRXII



III

(מנחם סטאַניסלאַווסקי מיט מאַשע ראָסקעס באַנד 11x זײַט 1)

מר נו האָב איך אײַך געזאָגט וועגן מײַן ברודער הירש מאַן ער איז געווען
דער אָנפֿירער פֿון טאַז פֿון די קינדער-קאָלאָניע אין טאַז אונד בײַ אים אין
שטוב פֿלעגט זײַן די אָוונטן פֿאַר דער יוגנט פֿאַר דער סטודענטישער יוגנט
כ'פֿלעג אים ברענגען כ'פֿלעג אים שטענדיק ברענגען אין שטוב כ'פֿלעג אים
אַרײַנברענגען אַלע אַרטיסטן פֿון דער טרופּע נאָך דער פֿאָרשטעלונג פֿלעגן מיר
קומען צו אים און מיר פֿלעגן זיך דאָרטן פֿאַרווײַלן אָבער איר ווייסט דאָך
אַרטיסטן האָבן נישט ליב צו זינגען פּריוואַט זיי האָבן נאָר ליב צו זינגען
אויף דער בינע און מיר פֿלעגן מאַכן בינע אין לעבן איז פֿלעגן מיר זיי
אימיטירן און ס'איז געווען אַמאָל אַזוי אַ טראָקער קאָנצערט זיי האָבן געהאַט
אַזאַ ליד <דער טראָקער קאָנצערט> אונד האָבן מיר זיך איבערגעטאָן אַלע אין די
אַרטיסטישע קליידער און מיר האָבן זיי געוועט פֿאַרשטעלן ווי אַזוי מיר
זינגען דעם טראָקער קאָנצערט איך וועל אײַך באַווײַזן די בילדער טאַקע
פֿון דעם טראָקער קאָנצערט דאָס איז געווען דאָרטן בער האַראָוויץ זייער אַ
פּאָפּולער און גוטער דיכטער פֿון יענער צײַט אין ווילנע און נאָך איז
געווען שמואל דרייער דער רעדאַקטאָר פֿון טאָג" און ס'איז געווען פּנחס קאַהן
אַ אַדוואָקאַט וואָס ער איז געווען זייער אַ נוצלעכער מיטגליד פֿון דער
סטודענטישער געזעלשאַפֿט ער האָט אָנגעפֿירט מיט דעם סטודענטן-פֿאַריין און
ער איז געווען זייער אַ ווירדיקער מענטש און ער האָט אַ סך גוטס אַ סך
אויפֿגעטאָן פֿאַר דער ייִדישער יוגנט אין יענער צײַט איז געווען אַלץ אייגענע
מענטשן צווישן אייגענע מענטשן פֿילט מען זיך גוט איז האָט מען געמאַכט
פּאַראָדיעס איז דער געדערשטיין ער איז געווען דאָך אַ חבֿר פֿון מײַן ברודער
איז פּריוואַט איר ווייסט האָט מען זיך נישט ערלויבט צו אים רעדן ווי
צו גלײַכע ווייל ער איז געווען דער עלטערער ער איז געווען דער
לערער און דער פֿירער מדריך אָבער צווישן זיך אויף אַ פּאַרטי האָט מען
זיך געקענט דערלויבן איז האָט מען אים געמאַכט אַזאַ ליד אויף דעם ניגון
טאַקע פֿון דאָס ליד וואָס איך האָב אײַך איצט געזונגען טשירי באַם באַם
אַז דאָס ליד גייט אַזוי (זינגט)

= photo of them in costume

she brought the actors home to Gershon's where she/her friends performed in lieu of actors who tend to sing only when they're paid!

מר(זינגט)

ווער עס קען נישט יאנקאלע גערשטיין
פון זיין יידישיזם האבן מיר אויסצושטיין
יידיש רעט ער _בילו אין שלאף
און זידלט צוליב יידיש אלעמען אן א סוף

דער ווייוואָדע וויל ער זאל רעדן יידיש
קשאנז באנדורסקי זאל מאכן קידוש
קלארא סעגאלאָוויטש זאל נישט רעדן מיטן רייש
און הורוויץ זאל עסן זיינע מיטאָגן אן פלייש....

אי משירי בים באן אאז"וו

איר פארשטייט דער וואָיעוואָדע איז דער מייאר פון שטאט זאל מאכן קידוש
און קלארא סעגאלאָוויטש האט ער זייער געהאלטן פון איר די ארטיסטקע
אבער ביי איר האט געהייסן אז זי איז נישט קיין עכטע ארטיסטין ווייל
זי רעדט מיטן רש מיטן שבתדיקן לשון זי דארף רעדן פשוט איך ווייסט דאך
אזא טאג-טעגלעכע זי דארף האבן צ דיקציע זי דארף האבן צ עכטע יידישע
שפראך מ'זאל נישט פילן חלילה אז זי קומט פון אנדערע קרייזן פארשטייט
דאס איז געווען אויך א זייער גרויסער שטראף דאמאלס פונקט אזוי ווי מ'זאגט
היינט אז אימעצער רעדט נישט קיין אקספארד ענגליש א שטייגער אז ער
האט נישט גערעדט א ווילנער שפראך איר פארשטייט מיטן רש כ'איז געווען
א גוישער קלאנג האט דאס נישט געטויגט מ'האט זיך געדארפט לייטערן
מ'האט זיך געדארפט טובלען אין דער שפראך אזא באציונג איז דאס געווען
וועגן מיר האבן זיי געזונגען אזא ליד (זינגט)

עס צאפלט זיך אן אויפהער אונדזער מאשע
שטענדיק נאר א זונג און א שפרונג
פרעג איך א בארוישער אויף א קשיא
וואס זייט איר נישט אלע אזוי יונג אזוי יונג

(לאכט) פארשטייט אזוי פשוט און וועגן מיין ברודער אזוי שיין אויף רוסיש
ווי אזוי ער באגעגנט זיינע געסט מיט זיין גאסטפריינדשאפט ווי ער באגעגנט
זיינע געסט ווי אמיטל צו ווילן די געסט האט ער מאשען און א פאטאפאן

מר(המשך) און נאָך אַ מיידעלע וואָס האָט געשפּילט פּיאַנאָ זייער גוט אָבער דאַן עס קומט דער פעפריין (זינגט) רעסיטאַטיוו)

אָ געסט אַ געסט טײַערענקע ליבינקע געסט
עסט טרינקט און עסט
נאָר זעט און בלײַבט ניעט ביי מיר אַף קיין קעסט
געסט אָ געסט טרינקט און עסט און זייט געזונט
אָבער נאָר בלײַבט ניעט ביי מיר אויף די קעסט

איר פאַרשטייט ווײַל ס'איז געווען אַזוי גוט מ'האָט געקענט בלײַבן ביז פאַר טאָג האָט מען געמאַכט אַזוי אַלץ ספּאָנטאַן פאַרשטייט די לידער זענען געווען ספּאָנטאַן און למשל ס'איז געווען אַ דאָקטער ווי האָט ער געהייסן אוזשאַנסקי ד"ר געצאָוו איר ווייסט אויף יעדן איינעם האָט מען געמאַכט עפּעס שטעלט אָפּ אַ מינוט (איבעררײַס) למשל איינער מ'האָט געמאַכט אויף אים אַ פּאַראָדיע (איבעררײַס) נו איך וויל אײַך דערציילן וועגן אַבֿרהם גאָלאָמב ער איז געווען דער לערער פון לערער-סעמינאַר אונד איך בין געווען אַ מאָל צוגעצויגן געוואָרן צו אַ אויספלוג מי לערערס מײַנע לערערס ניעט די לערערס נאָר מײַנע לערערס וועלכע האָבן מיר געלערנט העברעיש און יידיש האָב איך געמאַכט אַן אויספלוג מיט זיי און איך אָוונט שפּעט ביי נאַכט זענען געגאַנגען איך זאָקרעט איך וואַלד און גאָלאָמב האָט אָנגעפירט דעם דאָזיקן אויספלוג און ער האָט אונדז אויסגעלערנט אַ ליד פאַרשטייט זיך האָט דאָס ליד פאַרקלונגען דעם גאַנצן וואַלד און איך האָב זיך דאָס ליד אויסגעלערנט (זינגט)

אויף די בערג ווו ווינטן ווייען
אין די בערג ווו ווינטן ווייען (2)
לויפט יאַנינקאַ קאָרן זייען (2)

עס ציען וועגן איבער וועגן (3)
קום יאַנאַינקאַ זעץ זיך לעבן (2) (נעט)

איך קען זיך נעבן דיר נישט זעצן (3)
ווײַל מענטשן זאָגן אַז דו ליבסט מיר (2)

זאָל מענטשן זאָגן וואָס זיי זאָגן (3)
לויף יאַנינקאַ כ'וועל דיר יאָגן (2)

קוק און כאַפּ איך דיך דאַן ביסטו מײַנער (3)
אַך יאַנינקאַ ביסט אַ פײַנער (2)

(48)

2 schools
1) Normalizing Yiddish (Gershtayn) Stotski
2) Judaizing " (Dreyer)
3) mother now recanting the sins of her youth



מר דאָס ליד איז זייער שיין אָבער דאָס איז גענומען פֿון אַן אוקראַיִניש
ליד און אַ סך לידער אין יענער צײַט האָבן די לערערס אָדער די וואָס
האָבן געשאַפֿן די לידער גענומען פֿון פּוילישע פֿון רוסישע און אוקראַיִנישע
לידער און דאָ האָבן זיי עס אַרײַנגעבראַכט אין דער כאָרגעזאַנג און
איך בין דאַמאָלס געווען שוין אַוועקגעפֿאָרן פֿון ווילנע געווען איך קראָסנע
אין דער פֿאַבריק און מײַן מאַן האָט אָנגעפֿירט דער קראָסנער פֿאַבריק
אונד דאָרטן האָב איך מיך נאָך אַלץ געווען די זעלבע מאַשע און איך
האָב נאָכגעגאַנגען אַלע קלאַנגען פֿון ווילנע און די צײַטונג דער ווילנער
טאָג און נאָכגעגאַנגען די רעצענזיעס און געזען וואָס עס טוט זיך בײַ אונדז
אין שטאָט און מײַן איין נאָך האָב איך געלעזן אַ רעצענזיע ווי שמואל דרייער
האָט אַרײַנגעראָסן אַ רעצענזיע אין אַ רעצענזיע האָט ער אַראָפּגעריסן
אַ כאָר אַ פּראָגראַם פֿון אַ כאָרגעזאַנג פֿון יעקבֿ גערשטיין און ער האָט
די גאַנצע צײַט געטאַדלט נאָר פֿאַר איין זאַך פֿאַר וואָס איז דאָ אַזוי פֿיל
פֿרעמדע מוזיק אַזוי פֿיל גוייִשע ניגונים פֿאַר וואָס באַמיט ער זיך נישט
אַרײַנצופֿירן אין ייִדישע כאָרגעזאַנגען ייִדישע ניגונים און ייִדישע געזאַנגען
אַ חוץ די ווערטער זאָלן זײַן אויך ייִדישע ניגונים און ער האָט אים
שרעקלעך אַראָפּגעריסן און ווײַלע גערשטיין איז געווען אונדזער זייער
אַ נאָענטער מענטש און מיר האָבן געהאַלטן פֿון אים און ער האָט אַ סך
אויסגעטאָן פֿאַר די ייִדישע קולטור האָבן מיר געהאַלטן אַז דאָס איז געווען
אַ ביסעלע צו שטאַרק און אַ ביסל × גאָר יעצט אַז איך בין עלטער געוואָרן
און איך גיי נאָך די אַלע אַמאָליקע חטאים אונדזערע ווייס איך אַז ס'איז
טאַקע אַז ס'איז אַ סך נענטער און ס'איז אַ סך בעסער און שענער צו ירשענען
אַ ייִדישן ניגון טאַקע איך האָב אײַך פֿריִער געזאָגט כ'וויל תשובֿה טאָן
איז טאַקע נישט גוט אַוועקנעמען פֿון די ייִדישע לידער איבערזעצן דאָס
אין העברעיִש נאָר בעסער אַז זיי נעמען צו ייִדישע לידער מיט ייִדישע ניגונים
איידער אַז איבערזעצן פֿון רוסיש און פֿון פּויליש און פֿון אוקראַיִנישע
איר ווייסט דאָך עס קלינגט דאָך פֿרעמד דאָס איז די מעשׂה מיט יאַנינקאַ
ס'איז בלויז ייִדישע ווערטער ס'האָט אַ גוייִשן טעם ס'האָט אַ ייִדישן למשל
אַ ייִדיש ליד פֿילט איר גלײַך דעם ייִדישן טעם פֿון אַ ייִדיש ליד פֿילט איר
אַ ייִדישן טעם (לאַכט) למשל נעמט אַזאַ ליד דאָס זינג איך אַלע מאָל מײַנע
קינדער ווײַל מ'האָט דאָך הײַנט נישט עסן קיין ברויט איר ווייסט דאָך

Dreyer takes up cause of indigenous musical traditions

sins of our youth

מר(המשך) ברויט איז סם ברויט טאָרן זיי נישט דערלאַנגען צום טיש
מיר איז ברויט דאָס איז דאָך אַ הייליקע זאַך מ'מאַכט דאָך אַ מוציא אויף
ברויט ברויט איז דאָך אַ הייליקע זאַך איז אַז איך זע די-קינדער ווי
אַזוי זיי גראָטעסטירן קעגן ברויט און קען זיי נישט מאַכן צו פיל פאָרוורפן
זיי זענען דאָך דערוואַקסענע מענטשן זינג איך איר ווייסט זאָג איך איך
האָב דאָך אַזאַ ליד (זינגט)

קייגן מאַמעס ברויט דעם פרישן ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגט אויף די טישן אויף די טישן
עסן קינדער פרישן ברויט ווערן זיי געזונט און רויט
עסן קינדער פרישן ברויט ווערן זיי געזונט און רויט געזונט און רויט

דאָס איז געווען אַזאַ ליד (איבערייס)

מיין ברודער האָט איבערזעצט הייסט עס אַרויסגעגעבן זייער א סך לידער
פון טאַגע פון די כאַרגעזאַנגען ס'איז געווען איך ווילנע איך מיין אַז
אין אונדזער פאָלקס-ביבליאָטעק מוזן זיך געפינען די דאָזיקע לידער
פון איר ווייסט דאָך אונטער אַ קייך ביימעלע זיצן זינגעלעך צוויי
און דערנאָך איז געווען עזרא געווען א וווּנדערבערע ליד (זינגט)

און מיין שבט יענע עזרים וואָס זיי שטאַרבן ווען זיי ליבן
אונדזער שבט יענע עזרים וואָס זיי שטאַרבן ווען זיי ליבן ...

מיין שוועסטער איז געווען אַ זינגערין אַ (פּרעבעליסטין) און גלייכצייטיק
איז זי געווען אַ יידישע פאָלקס-זינגערין און זי איז געווען די איינציקע פרוי
אויף 36 37 38סטן יאָר וועלכע איז ערלויבט געוואָרן אין קאָוונע צו זינגען
אויף ראַדיאָ יידישע לידער צוליב די פּראָטעקציע פון איר מאַן איר
מאַן איז געווען עמעס א סיים-דעפוטאַט אָדער עפּעס דאָרטן אין דער רעגירונג
אין דער ליטווישער רעגירונג איז אַלס אַ גרויסער פּערזענלעכקייט אין
רעגירונג האָט מען אים ערלויבט אַז מיין שוועסטער זאָל זינגען יידישע
לידער אין ראַדיאָ דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע ווי זאָל איך אייך דאָס
זאָגן דערגרייכונג דאַן האָט עס געהאַט אַזאַ באַדייטונג פאַר די יידישע
פאָלקסמאַסן הערן אין ליטווישן ראַדיאָ אַ יידישע ליד מערער געמאַכט
סענסאַציע ווי היינט אַז זיי פליען ארויף אויף דער לבנה איז אַז איך
בין געווען אין ווילנע האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַז אין אַ וואָך אַרום

SONG OF BREAD = authentically Jewish

[Heine]

תשובות פון ליד: געבעטן אויפן ראדיא

מר (המשך) ווען מיין שוועסטער זינגען אין ראדיא אין קאוונע און איך בין דאן געווען געקומען פון קראקע צו גאסט דאס איז אויפן וועג טשערנאוויץ ווינע און קראקע בין איך געווען א טשערנאוויץ אין קראקע און איך האב אנגעשטעלט דעם ראדיא פארשטייט זיך יענע ראדיאס זענען נישט געווען אזוי שטארק באוואפנט אז איך זאל הערן בולט אבער דא האב איך דערהערט דאס ליד און באמת ס'איז געווען דאן א גוואלדיקע איבערלעבונג און זי האט געזונגען דאס איינציקע מאל ווען איך האב איר געהערט אין ראדיא האט זי געזונגען דאן (זינגט)

איך בעדענק נאך דעם פרייטיק צו נאכטס

אוי סארא פארגעניגן

דער טאטע מיט די קינדער זאלבעאכט

פלעגן זינגען זמירות

פלעג די באבע מיין גוידערל א קאק טאן פון לעפעלע

פלעג טאן מיר די פינגערלעך א קנאק

פלעג די מאמע אין פענצטער א ווינק טאן -

אוי ווייי ווי געשמאק (2)

פלעגט די מאמע מיט די ווארעמע הענט / די הענט מיר לעפעלע / (אוי ווי ... געשמאק ...)

יעדי באם באם אאז"וו

סי שבת היינט אין חדר גייט מען ניש

אוי סארא פארגעניגן

דער טאטע גייט פון דאוונען שטייב ביי טריט

און מורמלט צו א ניגון

געשמאק

פלעג דער פעטער זיך אוועקזעצן פארהערן מיר גמרא

פלעגט טאן מיר א קניפאלע אין באק

ס'וואקסט פלעגט ער זאגן א תלמיד אן אן עין-הרע

אוי ווייי ווי געשמאק (2)

רעפריין

ס'איז געקימען שבת צו נאכט

פלעגן מיר זיך אין ווינקעלע פאררוקן

די באבעלע אין פענצטערן פארטראכט די מאמע אין פענצטערל פארטראכט

און די באבע פלעג ארויס צאינה-וראינה קוקן

(52)

Anna Warshawski

מפס 1אx

זיך אויסגעלאפט דעם לובאוויטשער ניגון פון איר

מר (זינגט המשך)

פלעג די באבע אונדז דערציילן א מעשה מיט דורי פריצימלאך

וואס בלאנדזשן אין דער פינצטער מיט א האק

פלעגן קינדער זיך באגיסן זאך מיט טרערעלעך ווי פערעלעך

אוי ווײ ווי געשמאק (2)

רעפריין

און דאס האב איך געהערט אין ראדיא זינגנדיק מיין שוועסטער זי האט
מיר געבראכט א רעקארד פון איר זינגנדיק צוזאמען מיט אן ארבעטער-כאר
זי פלעגט זינגען סאלא און דער ארבעטער-כאר האט מיט איר מיטגעזונגען
און אזעלכענע שיינע לידער דאס איז פארלארן געגאנגען די פלאטע ביי מיר
אין טשערנאוויץ ווארשאווסקי אנא ווארשאווסקי האט זי געהייסן יע
אנא ווארשאווסקי די קאוונער געדענקען איר זייער גוט זי פלעגט געבן א סך
קאנצערטן און די אנא ווארשאווסקי פלעגט זינגען מיט אן ארבעטער-כאר
ווײ? דערלעכע לידער איין לידל איז געווען און סטאק דער ניגון וואס
איך האב איך אויסגעזינגען דער לובאוויטשער ניגון וואס איז געזונגען פון *
מיין כאר דער צווייטער איז געווען מאך צו א מינוט זייער אן אינטערעסאנטע
זאך איבער דערציילן זי איז א מאל געפארן זי האט מיר דערציילט שוועסטער
זי איז א מאל געפארן מיט א יידישן זינגער לערמער געווען א גרויסער
זינגער א פאלקסזינגער פלעגט פארן פון שטאט צו שטאט און זינגען
לידער און שטעלט זיך פאר זאגט זי ער איז געזעסן אין באן און האט מיר
אויסגעלערנט א ליד או ער האט מיר דערציילט אז דאס ליד האט ער א
גאנצע נאכט פארשריבן א גאנצע נאכט יעצט איז ער געקומען פון אמעריקע
האט ער געבראכט א שפאגל-נייע ליד און ער וועט עס זינגען איבער
אלע שטעט און שטעטלעך ווי ער וועט פארן פארט וועט ער זינגען דאס ליד
און ער הייבט מיר אן צו זינגען דאס ליד און אי לאז אים לאז איס
זינגען דאס ליד ביז ס'איז געקומען צום רעפרענד און אז ס'איז געקומען
צום רעפרענט האב איך מיט אים מיטגעזונגען (זינגט)

און אז די פידלדיקע פידלען האבן פידלדיק געפידלט
(2)
האבן פידלדיק געפידלט האבן זיי

און דער לערנער איז געזעסן א גאנצע נאכט איך באן און האט פארשריבן
פונעם אמעריקאנער דאס ליד אז דער רבי אלימלך איז געווארן א ביסל פריילעך
איז געווארן א ביסל פריי ער אלימלך / האט ער אויסגעטאן דעם קיטל

Nadir's
ר' רבי
אלימלך

אננא פערס אין דעם באן מיט איינעם אן לאגער
זאת רבי אלימלך : 1917 ?

מר(זינגט המשך) און האט אנגעטאן זיין היטל, און געשיקט נאך די
פייקאלאך די צוויי / און אז די פייקלדיקע פייקלען האבן פייקלדיק
געפייקלט/ האבן פייקלדיק געפייקעלט זיי/(2)

און מיין שוועסטעראיז געווען אזוי באצויבערט פון דעם מאן אן ארטיסט
פון שוין א געמאכטער מיט א נאמען וואס איז געווען, שוין איר ווייס דאך
מיט א שטאדט פון שטאט צו שטאט און ער האט געהאט זיינע רעפערטואר
האט ער אויפגעכאפט א ליד אין באן און ער איז געזעסן א גאנצע נאכט
און פארשריבן מיט די נאמען פונעם אמעריקאנער וואס איז געווען ממשא/ם
אין 17סטן יאר און זי האט מיר דערציילט אין 18טן יאר זי איז געקומען
פון בערלין זי האט דאמאלס שטודירט מוזיק אין בערלין זי האט געענדיקט
קאנסערוואטאריע פון געזאנג און זי איז געווען א געשולטע זינגערין
מיין פרויינטער אנא ווארשאווסקי האט זי געהייסן און שטעלט איך פאר
די פלעגט זען אין ריגע און איבעראל געבן קאנצערטן האט זי זיך אזוי
איבערגענומען מיט דעם לערנערן וואס האט א גאנצע נאכט פארשריבן
אז דער רבי אלימלך דאס גרויסהאגוווינס האט ער געבאכט איר פארשטייט

וואס א ליד האט ביי אונדז באדייט אין אונדזער לעבן און זי האט עס
מיר דערציילט און איך האב איר דאן אויסגעזונגען מיין וויגליד וואס מיין חבר
סטאצקי האט מיר איבערגעבן איר ווייסט "דאן שלאף רויק מיין מיידעלע רויק
אן זארגן און צער פון קלערעניש וויסט/ האט זי געוואוסט דאס דינג ז(ד)ש
ליד האט זי געמוזט נעמען א ערלויבעניש ביי יעדן חבר צו ערלויבן צו זינגען
ווייל ס'איז געווען דאס ליד געווידמעט מיר האט ער ערלויבט דאס זינגען
און זי איז אוועקגעפארן אויך מיט דעם ראמאנס דאס איז נישט געווען קיין
ליד ס'איז/געווען א ראמאנס און איך זאג אייך אזוי האט מען געקליבן אזוי
ווי פערלען האט מען געקליבן די ייִדישע לידער און יעדעס ליד האט
מען זיך מחייה געווען מ'האט זיך געקוויקט מיט א ליד חוץ-מן-החייב
(איבעדייט)

יע מיין מיינער און איר איר אינספירירט מיר ווייסער איך האב געטראכט נאך
איינער אוועקגיין אז קיינער האט מיך נישט אזוי אויפגערעגט אויף אזא
מין השתפכות-הנפש מיט אייער פערזענלעכקייט מיט אייער ערנסטער באציונג
צו דער צו דער זאך ווייל איך האב איר ווייסט ס'קלערט שטענדיק ס'איז
שוין אלץ אויס אלץ איז שוין פארלארן אין מיין דער רינען קומט אזא
בחור מיט אזא התלהבות מיט אזא אינטערעסירונג מיט אזא באציונג (איבעררייד

Stotzky permitted Annushka to inc. his items in her repertoire
"though it was dedicated to mother"!

19 october Montreal
1940

מר (המסך) אַז ס'איז באמת א גרויסע ווענדונג פון מיין לעבן ווײַלע
19october
ווען איך בין געקומען אין קאַנאַדע ענדע פערציק האָבן מײַנע פרײַנד
איר פאַרזיכערט אַז יידיש גייט אונטער אַלץ איז שוין אונטערגעגאַנגען
פאַר די קינדער איז ניש אָ וואס צוצוגרייטן ווײַל זיי ווילן זייער אייגענע
וועג און אַלץ וואָס מיר קענען טאָן איז נאָר אויסלעבן אין אונדזערע
ד' אַמות פאַר זיך אַליין מ'זאָל האָבן הנאָה אַ ביסל פון אונדזער טאָג-טעגלעכן
לעבן אָבער איך האָב ניט אַזוי געטראַכט איך האָב נישט אַזוי געפילט און
איך האָב זייער געגלייבט אַז וואָס געווען איז געווען דאָס וועט זײַן
אַן אָ פאַרגאַנגענהייט איז נישט קיין קעגנוואַרט אָן אַ געגנוואַרט איז
נישטאָ קיין צוקונפט איז פאַר דערפאַר בין איך באַגאַנגען הײַנט אַזוי וויכטיק
און אַזוי טיף אײַנגעוואָרצלט מיר יע מיר וועלן אָנהייבן בײַ די קינדעריאָק
קינדעריאָרן זענען זייער וויכטיק פאַר מענטשן אויב זיי זענען דאָ זענען
זיי באמת די וויכטיגסטע קינדעריאָרן איז אַ וויכטיגסטע צו אונדזער.
זײַן אויף דער וועלט און איך האָב געהאַט די זכיה צו זײַן בײַ אַזוינע
עלטערן איך אַזאַ משפחה אַז מ'האָט עס פאַרשטאַנען אַז כאָטש ס'איז שטענדיק
געווען אַזאַ אומרו און קאַמף פאַרן לעבן איז די דערציִונג פון קינדער
געווען אויף דער ערשטן פונקט האָט מען געשטעלט די דערציִונג פון קינדער
און מיר איז געלונגען פשוט ווי דער קינדער-גאָרטן ווו איך האָב באַזוכט
אין פינף-יאָריקן עלטער איז געווען בײַ אונדז אויפן הויף און דאָס איז
געווען אַ גרויסע גליק פאַר מיר ווײַל דאָס האָט דעצידירט מײַנע ווײַטערדיק
יאָרן און דער קינדער-גאָרטן האָט געהייסן קאָכאַנאָווסקיס קינדער-גאָרטן
אַ רוסיש-יידישער קינדער-גאָרטן פריִער איז דאָס געווען רוסיש ווײַל
אַז די שפּראַך פאַר וועלכער מיר האָבן גערעדט מיט די קינדער פאַר די
לערערס איז געווען רוסיש און פאַרשטייט זיך אַז מ'פלעג קומען אין דער
פרי אין דער שולע אַז די ערשטע זאַך פלעג מען דאַרפן זינגען דאָס ליד
די תפילה פאַרן קיסר פאַרן צאַר באָזשע סאַראַכראַני (לאַכט) דאָס האָט איר
געהערט אין דעם פילם איז עס דאָ אין פילם פון זשיוואַגאָ ד"ר זשיוואַגאָ
(זינגט) איך האָב נישט פאַרגעדענקט די ווערטער ווײַל אַלס קינד האָב
איך אינטויִטיוו געפילט אַז דאָס איז נאָר אויף אָפּצופּטרען אַז דאָס איז
נאָר אַ איבערפלעכלעכע זאַך קאָמאָפלאַזש מיט וואָס מיר דאַרפן דעקן אונדזערע
אייגענעם הונגער און אונדזער אייגענע שטרעבונגען איז דאָס איז געווען
דער קאָמאָפלאַזש מיט דעם האָבן מיר באַגעגנט און פאַרמאַכט צוריק די פיאַנאָ

מר(המשך) מיטן X און מ'איז אַוועקגעגאַנגען דעם אייגענעם וועג און דעם אייגענער וועג איז געווען זייער אַ יידישער און אַ וועלטלעכער און זייער זייען אַן ערנסטער וועג מ'האָט זען גענומען צו אונדז פֿון פֿינף יאָר צו לערנען יידיש-יידער און העברעיש צו לעזן און קענען דאַווענען און קענען פֿאַרשטיין די ערשטע זאַך די עשׂרה-הדברות איז אַז מ'פֿלעג קומען אין קינדער-גאָרטן פֿלעגן מען אַוועקשטעלן אין אַ קרייז און דער לערער פֿלעג זאָגן דאָס איז אַלץ געווען קינדער פֿון באַלעבאַטישע היימען פֿון מכּלקלאַס וואָס די עלטערן האָבן פֿאַרשטאַנען ווו זיי צילן און וואָס זיי ווילן מאַך מיט זייערע קינדער און זיי האָבן באַוואוסטזיניק געשיקט די קינדער אין קינדער-גאָרטן ס'איז נישט געווען אַ קינדער-גאָרטן גלייך אַזוי מ'זאָל זיך קענען אויספֿיינען אַז דאָס איז אַ קינדער-גאָרטן אויך מיינע קינדער גייען אין קינדער-גאָרטן אויך דאָס איז אַ קינדער-גאָרטן וואָס די קינדער זאָלן אַרויסקומען פֿון דאָרטן דאָס וואָס די עלטערן האָבן געשטרעבט צו זען אין די קינדער און וואָס האָבן זיי געוועלט? קודם-כל צו זען דערצויגענע קינדער און דער קאָכאַנאָווסקי האָט געוווסט ווי צו האַלטן ווי אויפֿצוהאַלטן דעם דור וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע הענט האָט ער אויסגעלאָזן מענטשן קודם-כל האָט ער געפֿורעמט מענטשן פֿון אונדז אונד די עשׂרה-הדיברוה דאָס איז געווען די ערשטע זאַך וואָס מיר פֿלעגן אַרייַנגעבן פֿלעגט מען אונדז אָנהייבן זאָגן כּבֿד אָב ואם דאָס איז געווען די ערשטע זאַך דרך-ארץ פֿאַר עלטערן דרך-ארץ פֿאַר עלטערע מענטשן אָפּגעבן כּבֿוד עלטערע מענטשן איך געדענק אַז מ'פֿלעג מיר אַ מאָל איך בין געווען פּשוט פֿאַרגאַפֿט ווי דער קאָכאַנאָווסקי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן קרייַז און געזאָגט איר פֿאַרשטייט קינדער אַז איר וועט זען אַ ייַער קוימען-קערער וואָס קומט אויפֿקערן די דעכער און איר וועט אים זען און ער זאָל אַן עלטערער מאַן זאָלט איר אים די ערשטע טראָגן אים דעם גוט-מאָרגן אַנטקעגן ס'מאַכט נישט אויס ווער דאָס איז פֿון אַ לערער ביז אַ קוימען-קערער דעם גוט-מאָרגן מוזט איר טראָגן יעדן עלטערן מענטשן און אַז איר גייט מיט אייַערע ביכער אין שולע און איר זעט אַז אַן עלטערער מענטש טראָגט עפּעס אַ שווערן פּאַק וואָרפֿט אַוועק אייַערע ביכער און העלפֿט דעם עלטערן מענטשן דעם פּאַק צו טראָגן ווי ער געהערט פֿאַרשטייט צו פֿינף יאָר אַז מ'האָט געהערט אַזעלכע דיבורים יעדן טאָג און מ'שטעלט אונדז אַוועק אין אַ קרייַז מ'לייגט צוזאַמען די הענטלעך און מייַן שוועסטער וואָס איז געווען אַ (פּריבּיליסנע) דאָרטן זי האָט געהייסן

מר(המשך) א אַ ליבאָוונאַ ער האָט איז זיידע ליב געהאַט פלעגט זי זיך
אַוועקזעצן ביים פיאַנאָ און זי פלעגט שפּילן פאַר אונדז און מיר פלעגן
אַלע זינגען אויסגעשטרעקט אויסגעלייטערט ווייל מיר זענען געווען
גרייט צו דער תּפילה יעדער טאָג זענען מיר געווען גרייט צו דער תּפילה
און די תּפילה איז אַזוי געגאַנגען פריער איז געווען <מודה אַני לפניך>
איז נאָך דעם ווי דער לערער פלעגט אונדז אָפּזאָגן דעם ריטואַל וואָס
מיר דאַרפן טאָן ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך אויפפירן פלעגן מיר אָנהייבן
דאַוונען איז דער דאַוונען געווען פון מודה אַני לפניך באַשטאַנען
ס'איז געווען אַזוי (זינגט) און אָפּזינגנדיק דאָס ליד פאַרשטייט האָבן
זיך שוין אַלע פונאַנדערגעשפּרייט אין די קלאַסן ס'איז געווען עטלעכע
קלאַסן פאַר 4-יאָריקע 5-יאָריקע 6-יאָריקע קינדער און יעדער קלאַס האָט
אַוואַנסירט שטענדיק מיט זיין לערנען און מיט זיין קענטשאַפטן די עלטערע
קינדער פון די 6-יאָריקע האָבן שוין געקענט גוט לעזן העברעיש בעכעלעך
און די קלענערע האָבן געלערנט די אותיות עס איז געווען אַ ספּעציעלע לערערקע
וואָס פלעגט אַריינקומען די קינדער אין אַ ספּעציעלן צימער און קנעלן
יעדן טאָג 20 ביז 25 מינוט בלויז דעם א-ב בלויז דעם א-ב אַז מ'האָט געקענט
גוט דעם א-ב מ'האָט זיך שוין אָריענטירט פון אַלע זייטן דאַן האָט מען
אין ערשט אַריינגענומען דאָס קינד אין קלאַס און איז אָנגעגאַנגען מיטן
קלאַס לערנען עברי און דאַן מיר האָבן געקענט דאַוונען מיר האָבן פאַרשטאַנען
וואָס מיר דאַוונען איך האָבן פאַרשטאַנען צו וועמען מיר דאַוונען
ווייל מ'האָט אין אונדז באמת ערוועקט אַ געוואַלדיקע ליבשאַפט און צוטשאַפט
צו די רעליגיע און צו אונדזער יידישקייט אין גאַנצן נישט פרום
שבה נישט געלערנט אָבער זייער נאַציאָנאַל געשטימט זייער נאַציאָנאַל

מס קאָכאַנאָווסקי איז געווען אַ משכּיל

מר ער איז געווען אַ משכּיל יע אַ משכּיל קורץ געשאָרן די באָרד און עלעגאַנט
אָנגעטאָן און איך וויל אייך דערציילן נאָך אַ שטיפערישע זאַך אַז ער האָט
באַרנישט געהאַט דערגעגן אַז די קינדער פלעגן אַריינקומען אַזוי ווי מיר זענען
געווען קינדער וואָס ער איז געווען אַזוי ווי אַ זיידעניו אונדזערער
און מיר האָבן קיין זיידעס נישט געהאַט איך ספּעציעל האָב נישט געזען
קיין זיידע פאַר מיר איז ער געווען אַ זיידע פלעג איך אים קושן די האַנט
א.ס. קינדער אפשר אַלע קינדער האָבן אים געקושט די האַנט מיט דרך-ארץ
אויס אויסנאַם אַז ער איז דער לערער און דער מדריך אונדזערער און דערנאָך

# אינדיווידועלע איספער אין קינדערגארטן

מר(המשן) זענען מיר אריבערגעגאנגען אין די הענט פון די פרעבעליסטינס
ד"ה פון די קינדער-גערטנערס דאס זענען געווען אינטעליגענטע
קולטורעלע פרויען מיט העכערער בילדונג שוין דאן און זיי האבן אלע
Pestalozzi Froebelhaus
געהאט (וויעסטאנאדי) פרעבעלהאוז איר ווייסט דאך זיי האבן געענדיקט
די ספעציעלע פרעבעליסטן-קורסן און זיי האבן געוווסט ווי אזוי צו גייען
צו יעדן קינד סעפעראט או! יעדן קינד איז אינדיווידועל באהאנדלט געווארן
אבער זי האט דאס נישט געפילט אפילו אז א קינד האט געהאט פראבלעמען
האט זי נישט געפילט אז זי האט פראבלעמען ווייל מ'איז דורכגעגאנגען
דורכן גאנצן קלאס צו איר אומיטלבאר אזוי צווישן זיך נישט אפגעשטעלט קיינעם
האט נישט געוווסט פון אונדז ווער פון אונדז איז דער פראבלעם אבער
יעדער האט באקומען א פארענטפערונג פאר זיינע פראבלעמען פערזענלעך
באקומען א פארענטפערונג ד"ה אז אימיצן האט עפעס געפעלט האט ער
דארפן באקומען ס'איז אלץ אריינגעגעבן געווארן אין איין תורה אין איין
טאפ איז אריינגעגעבן געווארן די גאנצע תורה נור דער איינער האט
זיך גענומען דאס וואס איז אים געפעלט איינעם האט געפעלט למשל
סעקיוריטי איינעם האט געפעלט זיכערקייט און זיך האט ער דאס דארפן
באקומען ווייל די לערערקע האט אין דעם קינד געזען אמיינסטן אכט
און געגעבן מער אויפמערקזאמקייט און מער צארטקייט און מער ליבשאפט
צו אן אנדער קינד האט געפעלט פעיקייטן האט מען געזען פון דער זייט
אז ער זאל האבן מער איר ווייסט דאך אויפמערקזאמקייט מ'זאל אים
אונטערשטיצן מיט לערנען מ'זאל אים אונטערשטיצן מיט עה איך האב דאך אויך
דערציילט די לערערקע פלעגט זיצן אין א באזונדערן צימער און אריינקנעל'ן
דער פעיקער קינד האט נישט געדארפט האבן מער ווי צען מינוט ווייל דער
וואס האט געדארפט האבן 25 מינוט אומיטלבאר האט מען אים אריינגעשטופט
נאך 10–15 מינוט –

(סוף ז' 1)

(אָנהייב ז' 2)

מר(המשן) דערנאָך פֿלעגן מיר אַרײַנגײן אין אַ גרויסן זאַל באמת אַזוי גרויס ניט פֿאַרקערט שײן רײן אויסגעפּאַרקעטירט) די פּאָדלאָגעס אַלץ האָט אײַנגעשמירט אַזוי ווי אַ באַלזאַל אַזוי איז דאָס געווען דער זאַל פֿון דער קינדערגאָרטן אונדז האָט אינטערעסירט אַפילו דער חדר ווײַל ער איז געווען אַ צימער אין וועלכן מיר האָבן זיך געקענט אויסלעבן פֿול מיט צאַצקעס אַרום מיט קלײנע שפּילכעלעך מיט קלײנע מעבעלע און מ'האָט געלערנט מיט אונדז פֿאַרשײדענע מעשהלעך דערנאָך האָט מען דעקלאַמאַציעס דערנאָך איז געקומען דער געזאַנג געזאַנג האָט פֿאַרנומען זײער אַ גרויסן פּלאַץ אין אונדזער פּראָגראַם און צווישן די אַלע לידער זײַנען די לידער וואָס זײַנען געבליבן אין מײַן זכרון וועל איך אײַך (אויסזינגען) צו מײַן 5-יאָריקן עלטער איז אײנע פֿון די לידער וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט איז אויף רוסיש (זינגט רוסיש) דערנאָך האָב איך פֿאַרגעדענקט אַ ליד וואָס איך האָב אויך זײער ליב געהאַט (רוסיש) דאָס איז געווען צוויי רוסישע לידער דערנאָך האָט זיך געדרייט יעדעס מאָל צו קומען צו חנוכה-קאָנצערט צו פּורים-קאָנצערט דאָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע געדרייט 2-3 חדשים צו צושטעלן קאָנצערטן און איך געדענק אַ וווּנדערבאַרע ליד ווי אַלע קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע מ'האָט געמאַכט אַ גרויס, טויער די קינדער זענען געגאַנגען מיט פֿאָנעס און געזונגען (העברעיש) מיר זײַנען אָנגעקומען און מיר זײַנען אָנגעקומען דאָרטן אויף אַן אָרט און דאָרטן איז ווײַל ער געווען מסתמא נײַע אימפּראָוויזאַציעס און נײַע שײנע דעקאָראַציעס און מ'איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען דערנאָך פֿלעגט מען זינגען לידער ייִדישע לידער איז די ייִדישע לידער געדענק איך זײער אַ שײן ליד דאָס איז די ערשטע ליד וואָס איך האָב אין קינדער-גאָרטן פֿאַרגעדענקט איז געווען (זינגט)

אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער (3)
זײַן בגד אויף

אָט אַזוי קלאַפּט דער שוסטער (3)
מיט דײַן האַמערל דעם שוך

אַז"ו דערנאָך איז מען שוין אַריבערגעגאַנגען צו ערנסטע לידער

Russian song from K-G

(58)

## [illegible] יום-טובים [illegible] קינדער-גאָרטן

מר(המשך) איז איינגעפֿאַלן די פֿאַרשטייט זיך ז יער ערנסטע לידער געווען(זינגט אליהו) דערנאָך איז געקומען ווינטער האָט מען אָנגעהויבן זינגען ווינטערלידער איינע פֿון די רוסישע לידער איז געווען אַזוי (זינגט רוסיש) שוין געקומען ווינטער דערנאָך איז געקומען חנוכּה האָט מען דאָך געזונגען (זינגט)

אַ חנוכּה אַ חנוכּה אַ יום-טובֿ אַ שיינער
אַ לוסטיקער אַ פֿריילעכער נישטאָ נאָך אַ זיינער
אַלע נאַכט אין דריידלעך שפּיל אָן אַ שיעור
זודיקע הייסע לאַטקעס עסן מיר

בעשווינדער צינט קינדער די דינינקע ליכטעלעך אָן
זאָגט על-הניסים לויבט גאָט פֿאַר די נסים
(2)
און קומט אַלע טאַנצן אין קאָן

דערנאָך איז געקומען פּסח פּורים געדענק איך נישט נאָך די לידער פֿון יהודיה געזונגען ליל-שימורים (איבעררייס) איך פֿאַרדערמאָן זיך יעצט פֿאַר וואָס איך האָב נישט פֿאַרגעקענקט פֿון קינדערגאָרטן די פּורים-לידער וויַיל פֿון חנוכּה אָנגעהויבן וואָס פֿלעג קונען פֿאַרשטעלן או איר ווייסט דאָך מ׳פֿלעג זיך איבעטאָן אין ווייסע קליידעלעך און ווייסע וואַלעטן און מ׳איז געקומען ס׳איז דאָך אַ גרויסער יום-טובֿ חנוכּה איז געווען ביי אונדז אַזוי ווי דער גרעסטער יום-טובֿ נאַציאָנאַלער יום-טובֿ מיר האָבן דאָס אַזוי ליב געהאַט און אַזוי געהאַלטן פֿון דעם באמת מיר האָבן גענומען אַ אַנטייל יעדע קינד האָט גענומען אָן אַ טייל אין חנוכּה איז נאָך חנוכּה פֿלעג איך ווערן קראַנק פֿון חנוכּה ביז פּורים פֿלעג איך אָפּליגן אין בעט מיט אַ בראָנכיט מיט אַנדערע פֿאַרקילונגען דערפֿאַר האָב איך פֿאַרשפּעטיקט אַלע פּורים-לידער אין קינדער-גאָרטן געדענק איך נישט קיין סך-הכל איז דאָס געווען צוויי יאָר צו 5 יאָר און צו 6 יאָר האָב איך גראַדוירט נו די פּורים-לידער האָב איך שוין נאָכגעיאָגט אין יהודיה וועל איך שפּעטער דאָס זינגען יעצט איז אָבער זייער אַן ערנסטער מאָמענט אין קינדער-גאָרטן האָט מען איין מאָל מיין שוועסטער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דעם פּיאַנאָ און מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן צו לערנען <אלי אלי למה עזבתני> כ׳האָב דערהערט דאָס ליד איך האָב נאָך ייִדיש נישט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען און כ׳האָב דאָס אָבער געפֿילט כ׳האָב דערפֿילט דאָס ליד כ׳האָב געפֿילט די אַקטועלקייט פֿון ליד להאָב געפֿילט די אָנגעהעריקייט צו דעם דאָזיקן ליד כ׳האָב זיך

מר(המשך) זייער איבערגענומען און אַזוי ווי כ'האָב זיך איבערגענומען האָב איך דאָס מסתמא גוט געזונגען און באַשלאָסן אַז איך און נאָך אַ חברטע פּיראַטשקע האָט זי געהייסן האָט געהאַט אַ גוטן סאָפּראַנאָ אַז מיר זאָלן דאָס זינגען טאָלאָ פֿאַר וואָס דערצייל איך אייַך איך וועל אייַך באַלד דערציילן דעם סוף פֿון דער מעשה איז די פּיראַטשקע פֿלעגט זיך אָוועקשטעלן מיט מיר אויבן אָן און מיר האָבן געזונגען סאָלאָ (זינגט אלי אלי)

אלי אלי למה עזבתני (2)
איך פֿייער איך איך בראַנט
האָט מען אונדז געברענט
איבעראַל האָט מען אונדז געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט
(ברומט)
פֿאַר אונדזער הייליקער תורה
צוליב אונדזער געבאָט

אָ אלי אלי לבה עזבתני
טאָג און נאַכט
נאָר איך טראַכט
און איך בעט
היט דביק תורה
(ברומט)
אָ רעטע מיר אָ רעטע מיר
פֿון געפֿאַר
פֿאַר אונדזער אָבות אָבות אָבותינו
וויַיל העלפֿן קענסטו נאָר גאָט אַליין (2)
שמע ישראל אַדוני אלהנו אַדוני אחד

איך האָב פֿאַרגעסן איך מיטן די ווערטער אָבער דאָס ליד איז מיר נאָכ-געגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן און שטעלט זיך פֿאָר אַז פֿאַר אַ יאָרן האָבן איך
(1) זיך געטראָפֿן מיט דער דאָזיקער פּיראָטשקע דאָ אין מאָנטרעאָל און מיר זענען אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג אונדזער ביוועך לייק און מיר זענעןביידע געזעסן און מיר האָבן זיך דערקענט דורך אלי אלי למה עזבתני איך האָב איר דערמאָנט דו געדענקסט פּיראָטשקאַ מיר זענען געשטאַנען זאַלבעצווייט און געזונגען סאָלאָ אליג/ אלי זאָגט זי יאָ

מר(המחן) איך געדענק איז לאמיר דאס נאך א מאל אויפזינגען און מיר
האבן אויסגעזונגען דאס ליד אויף ביווער לייק און דאס לעצטע גרוס פון
(2) מיין שוועסטער די אנא לובאוונא די זינגערין די פאלקסזינגערין און די
פרעבעליסטין און די דערציערין מיינע האב איך געהערט אז איך לעטלאנד
ווען זי האט אנגעפירט דארטן מיט די יידישע גרופע ווייטט דאך מ׳האט
זיי פארשיקט פון קאוונע האט זי זיך אוועקגעשטעלט אויף א בארג אזוי
האט מען מיר איבערגעגעבן וואס זיינען לעבן געבליבן א פאר מענטשן
אז זי האט זיך אנידערגעשטעלט אויף א בארג און די עדה יידן זענען
געשטאנען און געהערט צו איר לעצטן געזאנג און דאס איז געווען אויך איר
לעצטער געזאנג אלי אלי למה עזבתני מיט די ווערטער איז זי אוועק
צום טויט אזוי אז אלי אלי למה עזבתני איז ביי איר געגליכן צו
קריאת-שמע און געגליכן צו אלע היליקע תהילות וואס מיר פארמאגן
אונד דערנאך איז געווען פסח פסח האב איך נאך געפייערט כ׳בין שוין
געווען געזונט בין איך געקומען צוריק און מיר ווידער געפייערט
פסח געדענק איך נאר איין רוסיש ליד וואס אויף א יידישע טעמע
וואס וועט אפשר אייך זיין אינטערעסאנט מנחה צו הערן איז דאס ליד
איז געווען וועגן פסח (זינגט רוסיש קאגדא עווריעוו)
פארשטייט דאבט זיך אזא קליינינקיט אזא קליינינקיט יעווריסקאיא ווייערא
כאראשאיא מ׳האט עס איך מיר אריינגעזאגט אריינגעקנאטן אריינגעבלאזן
מיט שופרות מיט ופרות פון געזאנג מיט שורות פון ניגונים האט
מען מיר אריין געבלאזן דעם רוח אלקים דעסס אל איר פארשטייט און אז
מ׳איז געקומען אהער פון אלע די וואס געהערן צו די גרעסטע יידישע
רייען צו די קרייזן צו די פאראנטווארטלעכע רייען האבן מיר נישט
נאר אנטמוטיקט נאר די פליגלען אראפגעהאקט געזאגט צו וואס דאס אלץ
(רוסיש) עס איז דאך נישט נייטיק אלץ גייט דאך סיי ווי אונטער דו זעסט
נישט די קינדער זיינען אוועק די גאס איז דאך ענגליש קיינער וועט זיך
שוין מער נישט פארנעמען מיט דעם איז וואס איז דאך א שאדן די צייט
נו האב איך באשלאסן זיך אריבערקלייבן פון די בערג פון די וועסטמאנט
בערג האב איך זיך אריבערגעקליבן צו די אוטרעמאנט איר פארשטייט און
איך בין אריבערגעגאנגען איך אוטרימאנט ווייל דאס איז געווען
נענטער צו די שולעס צו די יידישע שולעס כדי די קינדער ראטעווען
כדי די קינדער געבן א יידישע בילדונג וואס וועט זיין האב איך נישט
געוווסט נאר איך האב געפילט אז איך דארף טאן דאס בעסטע פארשטייט

מר(המשך) און איך בין אַריבערגעגאַנגען פון כלל-ישׂראל צו פּרט און ד,ס איז געווען מיַין פּרט און דאָס איז געווען מיַין גליק וויַילע די קינדער האָבן מסתמא געפֿילט די עכטקייט זיי האָבן געפֿילט די אויפֿריכטיקייט פֿון מיַינע כוונות און זיי האָבן געוווּסט אַז אַלץ וואָס איך טו איז נישט כדי צו מאַכן דעם אָנשטעל אָדער כדי צו זיַין אָריגינעל וויַילע בו זיַין איין מאָהיקאַנער בליַיבן און צו זיַין אַ (רוסיש) אַזוי זאָגט מען אויף רוסיש(אַדין פּאָליאָ ניעוואָיעס) אָבער איך האָב נישט געפֿילט אַז איך בין אַליין, זעט איר דאָך אַט זייט איר מיט מיַינע קינדער זעלבן מיט מיר אַזוי פֿיל זיַינען מיט מיר מס איר זענט מצליח געווען

מר נו איך גלייב אַז דבֿרים-היוצאים-מן-הלבֿ נכנסים מן הלבֿ דאָס גלייב איך זייער שטאַרק אַז אַ מענטש גייט אַרויס מיט מיַיער איבערציַיגונג און מיט גרויסער ליבשאַפֿט צו דעם וואָס ער טוט מוז דאָס מקוייב ווערן אָבער נישט אַלע און די קינדער כאַפּן אויף די עכטקייט איך פֿאַרשטייט איך האַלט אַז קינדער קענען נישט אָנאַרן פֿאַר דערפֿאַר וויַיל איך מיַין קינדער-גאָרטן איז געווען אַזוי פֿיל עכטער גייסט ס'איז געווען אַזוי פֿיל פֿאַרשטענדעניש צום קינד ס'איז געווען אַזוי פֿיל ליבע צום קינד די מענטשן האָבן געגלייבט דאָך זייער זייער אָרעם און זייער באַשיידן אָבער מ'האָט אַלץ געטאָן פֿאַרן קינד שטעלט זיך פֿאָר אַז די פֿרוי קאָצענעלענבאָגן די מאַמע פֿון די דאָזיקע צוויי וווּנדערלעכע פֿרעבעליסינס וואָס איר זעט דאָ אויפֿן בילד איז זיי זענען געווען אַלע גראַדויִרט און מיט גאָלדענע מעדאַלן רוסישע גימנאַזיעס געענדיקט איז די מאַמע געשטאַנען איין קיך און געפּרעגלט פֿאַר אונדז קאָטלעטן דאָס איז ביַי אונדז געהייסן דאָס האַמבורגער דאַמאָלט איז געווען געפּרעגלטע קאָטלעטן האָבן געהאַט אַ בעסערן טעם מיט געפּרעגלטע קאָטלעטן פֿאַר די קינדער וואָס האָבן געוווינט וויַיט אָדער האָבן נישט געהאַט קיין אַפּעטיט און איך שטוב נישט געקענט עסן אָדער ס'האָט זיי נישט געשמעקט די שטיקעלע טרוקענע סענדוויטש וואָס מ'פֿלעגט מיטנעמען אַ פּוטערבראָט איז דאָס פֿלעגן זיי נישט שמעקן האָבן זיי געהאַט די פֿריוואַלגיע פֿאַר אַ נאָר גראָשן באמת פֿאַר גראָשנס אויסצועסן דאָרטן א מאָג און 12 אַ זייגער פֿלעגט מען אונדז אַוועקזעצן ביַים טיש און מיר פֿלעגן עסן די קאָטלעטן מיט די ביסל קאַרטאָפֿל געפּרעגלטע

מר,המשך) דאָס ה׳ט דאַך געהאַט אַ ט׳ן פון גן-עדן וויילע ד׳ס איז דאָך געווען אין קאָב_נאָוווסקיס קינדער-גאָרטן און דאָס איז געווען לא+כל+אָדם+זוכה איר פאַרשטייר ניש: אַלע קינדער האָבן דאָס געקענט האָבן מיר געפילט דעם טעם און גלייכצייטיק פאַרשטייט זיך איידער מיר האָבן געגעסן האָט מען פאַרשטייט זיך געמוזט מאַכן בורא אָן המוציא איז מען צום טיש נישט געגאַנגען מ׳דאָט געמוזט מאַכן אַ מוציא לחם מן הארץ און דאָס איז אַלץ נישט אַזוי פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט ווי פון דער דאַנקבאַרקייט פון קינדוויַיז אויף האָט מען אונדז געלערנט דאַנקבאַר צו זיין פאַר יעדער זאַך דאַנקבאַר זיין די עלטערן וואָס זענען אויפמערקזאַם צו אונדז וואָס זיי גיבן אונדז אַלץ וואָס זיי האָבן און וואָס זיי האָבן ניט און זיי ווייסן אונדז/זייער לעבן און זייערע גאַנצע געדאַנקען זייער גאַנצע געווען דאָך פאַר אונדז ווי אַזוי די קינדער ברענגען מאַכן מער מענטשן ס׳איז דאָך נישט געגאַנגען אין דעם אז קינדער זאָלן אומבאַדינגט אויסוואַקסן אויסוואַקסן דאָקטוירים אָדער אינזשינערן אָדער אַדוואָקאַטן זיי האָבן געמוזט אויסוואַקסן מענטשן מענטשן צו טיש זאָלן וויסן ווו. איינס און וווּ סאָויס זיי זאָלן זיך קענען האַלטן אין אַ געזעלשאַפט און זיך קענען אויפפירן גוט זיי זאָלן האָבן מאַניערן זאָלן קענען אָפגעבן כבוד די עלטערן דרך-ארץ צו מענטשן איז דאָס איז געווען דער פעריאָד פון קינדער-גאָרטן וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי טרויעריק WWI מיט אַ מלחמה און זיי זענען אויסגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד אונד אך ביך אָפגעשניטן געוואָרן פון אַ משפחה וואָס ערשטנס זענען זיי געווען אונזערע שכנים געוווינט אויפן הויף און איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע מיט זיי צו טרעפן אויסער דעם קינדער-גאָרטן אויך מיט די קינדער זיך שפילן זיי האָבן געהאַט אַ קינד אין מיין עלטער זענען זיי אַוועקגעפאָרן און מיר זענען אַזוי געבליבן דערווייַלע די שולעס איז אַ וועקגעפאָרן עוואַקווירט די גימנאַזיעס און מיין גימנאַזיע האָט זיך עוואַקווירט הייסט עס נאָכן 14טן יאָר האָט מיין גימנאַזיע אויך עוואַקווירט ס׳איז געווען א גימנאַזי׳ע זי איז געווען אַ זייער א באַרימטע פירערין פון אַ גרויסע פּריוואַטע שול אַ גימנאַזיע אין ווילנע סאָפיאַ מאַרטינאָוו גורעוויטש איר גימנאַזיע האָבן הונדערטער ייִדישע קינדער געענדיקט און אַלע האָבן זיי פאַרנומען דערנאָך גרויסע פּאָזיציעס אין אונדזער לעבן אונד די שול איז געווען אַ רוסישע ווייַטער אָבער דער גייַסט

מר(המשך) דאָרטן געהערשט שטאַנדיק אַ יידישער גייסט אונד אינטערעסאַנט
אַז די לעצטע פאר יאָר פון מיין גראַדוירן דאָס איז שוין נאָך דער מלחמה
איז די גימנאַזיע אונדזערע נאָך אַלץ געווען אַ רוסישע אויף דער רוסישער
לערנשפּראַך אָבער יידיש איז אַריין אַלס לערנשפּראַך און העברעיש און
מ'האָט געלערנט יידיש און העברעיש אין דער רוסישער גימנאַזיע
אָבער דאָס איז שוין געווען נאָך דעם ווי זיי איז צוריקגעקומען פון
רוסלאַנד דאָס איז שוין געווען אין 19טן 20סטן 21סטן 22סטן יאָר דאָס
איז שוין געווען פוילן אָבער מיר האָבן געלערנט יידיש און מיין יידיש-
לערער אין דער גימנאַזיע איז געווען רייזען זלמן רייזען און דאָס
איז געווען דער ברודער פון אברהם רייזען ער האָט געהאַט צו מיר אַ
ספּעציעלע באַציאונג ווייל ער האָט געוואוסט אַז איך גיי אין אַ העברעישער
שולע און איך בין זייער אינטערעסירט אין העברעיש און זייער אינטערעסירט
אין דער העברעישער שפּראַך ווי איך האָב איין געצייכנט ווייגן די
פריערדיקע מיינע עפּיזאָדן אין יהודיה האָב איך גענומען זייער אַ גרויסן
אַנטייל ווייל ערשטנס בין איך געווען זייער בטחונ(?) געשטימט און
איך האָב ליב געהאַט זייער די שולע איך האָב ליב געהאַט לערנען תנך חומש
און די העברעישע שפּראַך איך האָב זייער ליב געהאַט די דאָזיקע לערער כאָטשע
עס האָט פאַרנומען אַ האַלבן טאָג פון אונדזערע לערנען ביז צוויי אַ זייגער
זענען מיר געווען פאַרנומען אין גימנאַזיע געקומען אַ היים אָפּגעגעסן
שנעל און געלאָפן אין יהודיה זענען מיר געווען ביז 4 האַלב 5
דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן מוזיק האָט מען געדאַרפט שפּילן פּיאַנאָ דער-
נאָך האָט מען געדאַרפט לערנען פראַנצייזיש מ'זאָל זיין צו גאַנץ און צו
לייטן און אַך מיין אַז טאַקע דורך דעם ווייל כ'האָב געקאַנט פון אַנדערע
שפּראַכן פיל איך ערשט ווי מיינער און ווי איינציק און ווי רייך עס
איז מיין אייגענע שפּראַך טאַקע צוליב דעם ווייל נ'האָט מיר נישט געזאַלעוועט
קיין שפּראַכן מ'האָט מיר געגעבן פראַנצייזיש ווייל איך וויל אַ פראַנצויזקע
אויפן פּאַרפּוס געלערנט עכט ווייסט אַלגוטע דיקציע און זייער גוטע שפּיס-
שפּראַך און אַלץ האָב איך געהאַט און מוזיק האָב איך געשפּילט ביי אַ זייער
גוטע קלאַוויר-שפּילערין נאָך דעם ווי מיינע שוועסטער האָבן חתונה געהאַט
פריער זיינען זיי געווען די ערשטע לערערקעס מיינע פון מוזיק זיי האָבן
מיר אַריינגעפירט אין דעם דערנאָך האָב איך געשפּילט שוין ביי אַנדערע לערערס
איז פון אַלע וועגן האָבן געפירט קיין רוים כ'האָב זיך פאַרליבט אין יידיש

daily schedule

מר (המשך) דורך אפשר זלמן רייזען ווייל איך האָב פֿון אים געפֿילט
אַ פֿאָטער. פֿון ייִדיש ער איז געווען מיין ערשטער לערער און ער איז
געווען אַזוי פֿאַראינטערעסירט אַז איך זאָל קענען ייִדיש און אַז איך זאָל
דעקלאַמירן אַברהם רייזענס לידער און איין מאָל אויף חנוכה בין איך געווען
דאַן אַ קליינע מיידעלע איר ווייסט דאָך אַלט 12-13 יאָהאיז מען נאָך
אַלץ אַ קינד האָט ער מיר געגעבן אַ ליד דעקלאַמירן אויף חנוכה געדענק
איך בלויז איין פֿערז וועל איך אייך זאָגן דאָס איז געווען צו געזונגט
איז געווען אַזוי דאָס איז געווען חנוכה-ליכט ער האָט דאָס געהייסן
דאַכט זיך (זאגט)

אַלטער טרויער ווער פֿאַרשווונדן
לאָז כאַטש פֿריילעך זיין איין נאַכט
אַלע ליכטלעך אָנגעצונדן

ווייטער געדענק איך נישט אַז"ו פֿאַרשטייט פֿון דעם האָט זיך אָנגעהויבן
אַלטער טרויער ווער פֿאַרשווונדן/ לאָז כאַטש פֿריילעך זיין איין נאַכט/
און ער פֿלעג קוקן אין מויל אַריין ווי אַזוי איך זאָג דאָס אַרויס
און ווי אַזוי איך דעקלאַמיר דאָס און ער האָט געהאַט אַזאַ הנאה אַז ער האָט
פֿאַרשאַפֿן הנאה האָב איך דאָס שטענדיק געמאַכט בעסער ווי איך האָב געקענט
און דאָס בעסטע אָבער איך האָב דאָס ליד פֿאַרגעסן כ'געדענק נאָר די פּאָר
פֿראַזן ווייל ער האָט מען געזונגען חנוכה-לידער איז איין די חנוכה-לידער
פֿלעג איך שטענדיק זינגען סאָלאָ-זאַפּיעוואַלאָ האָט עס געהייסן אויף רוסיש
איז פֿלעג איך זינגען סאָלאָ צו דער ליד צו חנוכה איז איין ליד געווען(זינגט

דער ווינטער הערשט אין דרויסט ערשט
און שניי פֿאַלט אָן אַ שיעור
נאָר דאָ אין היים איז פֿריילעך ריין
אָן קעלט פֿאַרגעסן מיר

צינט קינדערלאַך די ליכטעלאַך פֿאַרגעסט זיי נישט קיין מאָל
געדענק געדענק פֿון יענער צייט די העלדן פֿון אַ מאָל

דאָס האָב איך אייך שוין אויפֿגעזונגען כ'האָב אַ מיך נאָר געוואָלט זאָגן
אַז דאָס איז געווען איינער פֿון די דאָזיקע לידער און איין מאָל בין
איך געשטאַנען ביי אַ כּירגעזאַנג פֿון גערשטיינען פֿון יעקב גערשטיין

מר (המשך) און זיי האבן געזונגען א ליד פון אברהם רייזען צום ברודער האט דאס געדייטן צום ברודער א וואונדערלעך ליד און דאס ליד האט ער מיר געשאנקען לעבן מיר זלמן רייזען דו ווייסט זאגט ער דאס ליד איז נישט קיין ליד דאס איז א בריוו צו מיר וואס מיין ברודער אברהם האט מיר געשיקט אין ציים פון דער דיגטשער אקופאציע האט ער מיר געשיקט א בריוו און בערנשטיין דער חזן בערנשטיין איז האט געמאכט די מעלאדיע צו דעם און דאס ליד וואס דו הערסט דא אויף דער בינע דאס איז דאס ליד פון אברהם רייזען א בריוו צו מיר און דאס ליד איז אזוי געזונגען געווארן (זינגט)

דער הימל פארצארנט
די ווינטן זיי בלאזן
ווו ביסטו מיין ברודער
פארקווארפן פארלאזן

ווו ביסטו מיין ברודער
אין וואס פארא שטעטל
צי האסטו א דירה
צי האסטו א בעטל

דאס ליד איז געווען אזוי הערלעך אין דער מאמענט ווי ער איז געשטאנען לעבן מיר מיט אזא שטאלץ און מיט אזא מין באגעראונג סיי פאר זיין ברודער און סיי פאר דאס ליד האט זיך ביי מיר איינגעבאקן דאס אין הארצן און איך האב פארגעדענקט אפילו די ווערטער פון דאס ליד און מיין ברודער הירש מאץ ווען ער האט א סך לידער ארויסגעגעבן און איך מיין אז אפשר האט דער ייווא די דאזיקע לידער ארויסגעגעבן מיט ספעציעלע אויסגאבעס איז אפשר ביי גערשטיינס כאר איז דא אפשר דאס ליד צו מיין ברודער פון אברהם רייזען כ'איז איבערגעוויינטלעך געווען אויסגעפירט מיט צוויי שטימען איר ווייסט דאך אלטא און סאפראנא און איינער האט געזאגט איין פראז און דער צווייטער האט געענטפערט איך זאג אייך כ'האט געזען דאס קאנטאקט צווישן ניו-יארק און די פארוואקענע דאן אקופאציע-שטאט ווילנע וואס דער ברודער האט גאר נישט געוווסט וואס ס'טוט זיך מיט זלמן רייזען און דאס ליד האט צוזאמענגעבראכט זיי ווידער צוזאמען און איך בין זיכער אז אברהם רייזען האט געהערט דאס ליד

Gitsha published many songs

מר(המשך) ווײַלע דאָס ליד איז געווען דאַן זייער פּאָפּולער און מ'האָט עס איבעראַל געזונגען און ווײַטער האָב איך אײַך דערציילט טאַקע וועגן דעם חזן רובינשטיין בערנשטיין איז דער חזן בערנשטיין געווען זייער אַ פֿײַנער און פֿעיִקער מוזיקער און ער האָט געשאַפֿן אַ סך ניגונים איז אַ חוץ דעם ניגון וואָס ער האָט געשאַפֿן צו דעם ליד פֿון אַבֿרהם רייזען האָט ער אויך געמאַכט קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ און ווײַלע איך האָב אים זייער פֿאַרעאַט ער איז געווען אויך אין יהודיה מײַן לערער דער דיריגענט פֿון כאָר איז איך האָב פֿאַרגעדענקט זײַן ליד קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ דאָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין אונדזער לעבן און איך מיין אַז איר האָט געהערט דאָס ליד (זינגט)

קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ
קלאַפּ שטאַרקער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק
ביז מאָרגן מוז פֿאַרטיק שוין זײַן (2)
דער גבֿירימטעס מאַכטערלס שיך

קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ
קלאַפּ שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק
דער זייגער ער קלאַפּט שוין ביי צוועלף
פֿון הונגער און נויט גיי איך אויס
קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ

דאָס איז געווען אויסגעצייכנטע ליד און מײַן שוועסטער האָט דאָס געזונגען מײַן עלטערע-כאָר אין קאָוונע איז אויף אַ פּלאַץ וואָס איך האָב געהערט פֿון מײַן שוועסטער פֿון קאָוונע איז געווען אויך דאָס העמערל ווײַל ס'איז געווען זייער אַ פּאָפּולער און זייער אַ באַליבט ליד און ער האָט זייער אַ סך לידער געגעבן די מעגלעכקייט צו עקסיסטירן ווײַל איר ווייסט ווערטער אַליין זײַנען וויכטיק אָבער אָן אַ גראַמע אָן אַ ניגון איז האָט דאָס נישט קיין באַדײַט איז פֿלעגט ער צוגעבן אַזעלכענע שיינע און ווירדיקע ניגונים איז וואָס געגאַנגען פֿון מויל צו מויל פֿון קינד צו קינד אַלע האָבן דאָס געזונגען קינד און קייט האָט געזונגען קלאַפּ העמערל קלאַפּ איר ווייסט מ'האָט זיך מחיה געווען אַ ליד איר ווייסט דאָך ווי איך האָב אײַך געזונגען אַ ליד איז געווען מײַן לעבן און מײַנע חבֿרים האָבן דאָס אויפֿגעכאַפּט און אַז איך האָב חתונה געהאַט איז דאָס געווען דער דרשה-געשאַנק וואָס מ'האָט מיר

lost object

[illegible]

אין חתונה-ליד

מר(המשך) געגעבן אויף מיין לעבנסוועג איז געווען מיין דאס ליד וו,-
זיי האבן געשאפן פאר מיר מאכט צו א מינוט (איבעררייס) א ליד/וואס איז געמאכט
געווארן אויף א ניגון פון א פאלקסליד און דאס ליד הייסט ⟨מאשלייב⟩
מאשע און לייבל איז מאשלייב הייסט דאס אונטערן קעפל פון מאשלייב איז
דאס איז געווען די דרשה-געשאנק פון מיינע חברים און געשריבן האט Dr. Alk
דאס מיינסטנס דער [אלק] זייער א פעיקער א באגאבטער סטודענט אין ווילנע
ער איז געווען דערנאך געווארן א דאקטער און ער איז אויך אין ישראל
און איך מיין אז ער איז נאך יעצט א באוווסטער און זייער באליבטער
דאקטער אין ישראל א פעיקער זשורנאליסט און זייער א פעיקער מענטש
איז ער האט [illegible] אמיינסטנס צוזאמענגעשטעלט דאס דאזיקע ליד (זינגט)

קינדער ס'איז ביטער ווי צו אונדז אלע
ס'וויל אונדז פארלאזן מאשע די כלה
איי איי איי אאז"וו

לאמיר זשע זינגען לאמיר זיין פרייליך
מאשע די מלכה וויל שוין צום מלך
איי אאז"וו

לייבעלע וועצעך פאטשן און ביכל
מאשע וועט קאכן א ליד אין א ייאיכל
איי אאז"וו

Bilke

דאס האבן געזונגען צענדליקער מענטשן פון דער ליבע (ביליקע)

ביי טאג און ביי נאכט זי זינגט אין א לידל
לייבעלען הייסט זי שפילן אויף א פידל
איי אאז"וו

א ליד איז איר לעבן מאשקע הייסט יין
זאל זי זיך זינגען אונדז א לחיים
איי אאז"וו

א ליד איז איר לעבן תוכן-החיים
טא לאמיר זשע זינגען מאכן א לחיים
איי אאז"וו

אוי לאמיר זשע זינגען לאמיר זיין פריילעך
מאשע די מלכה פארט צו דעם מלך
איי אאז"וו

מר(המשך) דאָס איז געווען אַ צייט פֿון גרויסע פֿריינדשאַפֿטן מ׳האָט מיר פֿאַרגונען אַפֿילו דעם אויפֿקאָרן כאָטש איך האָב זיי אַזוי געפֿעלט און כאָטש זיי האָבן געפֿילט ס׳וועט בלייבן אַ פּוסטער אָרט אין די קרייזן ווײַלע נישט נאָר איך האָב אַרײַנגעטראָגן אַ סך לעבן נאָך אַ סך ליבשאַפֿט צו זיי אַלעמען און איך האָב זיי פֿאַראייניקט איך האָב זיי פֿאַרבונדן אַלע אין אַ בונד און זיי האָבן געפֿילט מײַן אַוועקפֿאָרן זיי האָבן געפֿילט אַז איך פֿאַרלאָז זיי אָבער דאָס פֿאַרגינערישקייט איז געווען אַזוי גרויס זיי האָבן געוווּסט אַז דאָס איז מײַן גליק און דאָס פֿרוואַרט מיר מײַן צוקונפֿט און זיי האָבן אַזוי פֿאַרטרויען געהאַט צו מײַן צווייטער העלפֿט צו מײַן חבֿר לײַבל אַז זיי האָבן מיר געשיקט מיט אַ ליד צו אים און אַזוי האָט איר דאָס ליד באַגלייט מײַן גאַנצע לעבן אַפֿילו אין לעבנסצײַטן שווערלעכע אין די שווערסטע מאָמענטן וואָס איך האָב באמת געהאַט גרויסע נסיונות גרויסע קלעפּ איך לעבן האָט מיר געראַטעוועט דאָס ליד און צום צייכן ווײַל איך איצט זאָגן אַז מיר זענען געקומען אין טשערנאָוויץ פֿון ווילנע איז זעקס וואָכן נאָך אונדזער קומען בײַ אונדז אַ קינד געשטאָרבן זייער קורץ אין פֿינף טעג פֿאַרברענט געוואָרן ס׳איז דען נישט געווען קיין אַנטי-ביאָטיק ס׳איז ניט געווען קיין הילף געהאַט אַ גריפּע אַ לונגען-אָנצינדונג אין פֿינף טעג האָבן מיר פֿאַרלאָרן אַ צוויי-יאָריקע קינד איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ אין די אָנהייב פֿון צוואַנציקער יאָרן —

(סוף ד׳ 2)

Odele's death 6 weeks after they arrive in Czernowitz
"burned up" in 5 days

(מנחם סטאַניסלאַווסקי מאַטע ראָסקעס 17 יולי 1973 זײַט 1)

מר יע מײַן יבערדער דאָ האָב איך זיך געשטעלט די פֿראַגע קען איך ווײַטער לעבן קען איך ווײַטער אָנהייבן פֿון דאָס נײַ אונד דער ענטפֿער איז געקומען פֿון אינעווייניק <u>איבער דו ווייסט קענען נאָך זינגען ווײַסטו קענען ווײַטער לעבן</u> און דורך זיך אַליין דעצידירן ביסטו פֿעיק נאָך זינגען און איך בין אַוועק דרײַ חדשים נאָכן טויט פֿון מײַן קינד בין איך אַוועק בפֿרהסיא איך האָב קיין מאָל נישט אויפֿגעטראָטן איך האָב קיין מאָל נישט געזונגען פֿאַר אַן עולם כ'האָב נאָר געזונגען אין אייגענע קרײַזן בײַ אַ ביבע בײַ אַ חתונה בײַ אַ צוזאַמענקונפֿט בײַ אַ שמחה אָבער אויפֿטרעטן איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט דעם דאָזיקן דראַנג די דאָזיקע אַמביציע און כ'האָב געוו[...]ם זײַן בעסער צווישן עולם אַ לץ איז האָב איך באַשלאָסן אַז דאָס מאָל וועל איך גיין אויפֿטרעטן און די פּריוועלעגיע איז געווען צוגעגרייט פֿאַר מיר ווײַל מיר האָבן געהערט איך האָב אײַך שוין דערציילט ס'איז געווען מסדה אַ לאָזשע אין טשערנאָוויץ פֿון אונדזערע פֿרײַנד און זײַנען געווען אויך אונדזערע דאָקטוירים און אונדזערע פּערזענלעכע פֿרײַנד וואָס פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז מיר פֿלעגן מאַכן אַ (ביסל) זינגען צוזאַמען און אויפֿטרעטן האָבן מיר באַשלאָסן אַז מיר וועלן אויך פֿון צײַט צו צײַט מאַכן אָוונטן אַזעלכע איר ווייסט דאָך פֿאַר זיך אַליין דער קלוב האָט באַשטאַנען <u>פֿון 100 אָדער 120 מיטגלידער</u> איז פֿאַר אונדז אַליין דאָס איז אַזוי ווי צווישן חברים פּונקט אַזוי ווי אַ קאָנטינויִרונג פֿון ווילנע קיין טשערנאָוויץ און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו זיי מיר פֿלעגן אויפֿטרעטן מאַכן אויף דער בינע און פֿלעגן קומען אַן עולם פֿון אַ פּאָר הונדערט מענטשן און איך פֿלעג אויפֿטרעטן און דאָס האָט מיר געגעבן דעם קוראַזש און דאָס ליד אַז איך האָב געזונגען האָט מיר געשטאַרקט האָט אַרײַנגעגעבן אין מיר אַ נײַעם גײַסט אַ נײַעם כּוח אַ נײַעם ווילן צום לעבן אונד אַמיינסטנס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף <u>געבירטיגן</u> ווײַל אין יענע צײַטן איז ער מיר געווען אַמיינסטנס צום האַרצן און אַז איך פֿלעג זינגען געבירטיגס אַ ליד פֿלעג איך פֿילן אַז איך קען אין דעם געפֿינען דעם אויסדרוק פֿון מײַן שטימונג פֿון מײַן אייגענעם זײַן און אַזוי ווי דאָס ליד וואָלט געווען פּשוט פֿאַר מיר אַליין געשריבן איז דאָס לעצטע אין 39סטן יאָר פֿאַר אונדזער פֿאַרלאָזן טשערנאָוויץ

genesis of her public career

3 mos. after Odele's death

Masada picked up where Vilna left off

Gebirtig

מר(המשך) דאָס איז שוין געווען שטורעם אין דראַנג פּעריאָדע איז ווײַטער דאָך וועל אַלע האָבן שוין געצעטערט און מ'האָט שוין געוווּסט אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט מען מוזן נעמען דעם וואַנדער-שטעקן אין די האַנט און ווײַטער גיין דעם וועג איז דאַן האָט מיר געבירטיג אין ענדע 39 אַרײַנגעשיקט זײַן אַ ליד הערשעלע אונד איך וועל אײַך נישט איבערחזרען דערציילן ס'מאַכט יאָ אויך ווײַל ס'איז אַ שאָד די צײַט איך האָב אײַך דערציילט די מעשה ווי אַזוי ער האָט מיר אַרײַנגעשיקט אַ בריף און איך דעם בוך איז געווען הערשעלע ס'איז געווען נאָך עטלעכע לידער וואָס איך האָב נישט געקענט פֿאַרגעדענקען אָדער זיי אויסלערנען נישט באַוויזן אָבער הערשעלע האָב איך גלײַך אַרײַנגעזאַפּט אין זיך און איך האָב דאָס נאָך געזונגען אויף דעם לעצטן אָוונט אין אונדזער מסדה און דאָס ליד איז געבליבן ווידער אַ מאָל שטעקן טיף אין מײַן האַרצן (זינגט)

הערשעלע ער לעבט אין מײַן זכרון
און כאָטש ער איז אַוועק פֿון מיר שוין לאַנג
זיי איך אים נאָך אין זײַנע קינדעריאָרן
קלינגט נאָך זײַן קול מיר ווי אַ זיס געזאַנג (2)

הערשאַלע געדענקסטו נאָך
מיר זײַנען בײדע קינדערלעך געווען
הערשעלע צי בענקסטו נאָך
צי האָסטו ווען אין חלום מיך געזען

הערשעלע געדענקסטו נאָך
דאָס אַלטע הײַזל די קליינע שטיבלעך צוויי
גוט איז מיר געווען אַ מאָל מיט דיר (2)
ווען בײדע האָבן מיר געוווינט אין זיי
גוט איז מיר געווען אַ מאָל מיט דיר
הײַנט ביסטו ווײַט פֿון מיר
אַלץ לויפֿט פֿאַרבײַ

הערשעלע מיר שפּילן זיך צוזאַמען
אַט זײַנען מיר נאָך יונגע קינדער צוויי
און ס'קוועלט די מאַמע שמייכלט צו זײַן מאַמען (2)
ס'וועט אַ שיין פּאָרל זײַן אַ מאָל פֿון זיי

רעפריין

מר(זינגט המשך)

הערשעלע שוין שפּעטער אַ סך יאָרן
איז ווײַט אַוועק באַשערט מיר נישט געווען
מײַן מאַמעס וווּנטש מקוים נישט געוואָרן
אַוועק און מער און קיין מאָל נישט געזען

הערשעלע געדענקסטו נאָך
די לעצטע נאַכט דעם לעצטן בלײַב געזונט
הערשעלע זײַט יענע נאַכט
געבליבן איז אין האַרצן מיר אַ וווּנד
הערשאַלע געדענקסטו נאָך
דו האָסט געשווירן ווּעסט אייביק זײַן געטרײַ
גוט איז מיר געווײן אַ מאָל מיט דיר
פֿלעגסט זינגען לידלעך מיר
כ׳געדענק נאָך זיי
גוט איז מיר געווען אַ מאָל מיט דיר
און יעצט דאָס האַרץ זאָגט מיר
איז אַלץ פֿאַרבײַ

געזונגען דורך מיר אין טשערנאָוויץ מסדה 1939 און דורך דעם ליד איז ווידער בין איך אינספּירירט געוואָרן צו די ווײַטערדיקע וואַנדערונגען ווײַלע הערשעלע איז געבליבן דאָס ליד איז געבליבן און מ׳דאַרף אָנהייבן פֿון דאָס נײַ אונד איך האָב גענומען ווי פֿלעגט מען בײַ אונדז זינגען(זינגט

מיט דעם וואַנדער-שטעקן אין דער האַנט
אָן אַ היים און אַ לאַנד
אָן אַ מאָרגן אָן אַ הײַנט
אָן אַ גואל אָן אַ פֿרײַנט
נײַט געדולדעט נאָר געיאָגט
שטענדיק גיי גיי גיי

מר דאָס איז אַן אויסערגעוויינטלעך ליד איך וועל עס עפּעס זיכער
ערגעץ געפֿונען אָבער דאָס איז געווען דער וואונדער-שפּעקן אין דער האַנט
דאַן איז נישט געווען פֿאַר אונדז קיין פֿראַגע ישׂראל מיר האָבן נישט
געקענט אויסוואַנדערן קיין ישׂראל צוליב אַ סך סיבות איז זייענדיק
מיר געגאַנגען אין דער פֿרעמד און פֿאַרשטייט זיך קאַנאַדע האָט אונדז
זייער גוט אויפֿגענומען באמת מ'האָט אונדז געגעבן אַלע פּריווילעגיעס
מיר האָבן געקענט זיך אויספּאַקן אונדזער אוצר אונדזער באַגאַזש אַ מאָל
און פֿונאַנדערלייגן זייענדיק בײַ זיך און זיך נעמען צוריק אויפֿבויען
דאָס לעבן אַזוי ווי מיר ווילן קיינער איך ערגעץ האָב אונדז נישט
געגעבן אַזוי פֿיל מעגלעכקייטן צו אויסלעבן זיך ייִדיש און צו
אײַנאָרדנען זיך אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט פֿאַר אונדזער אָרט און
אונדזער שטייגער ווי מיר האָבן דאָס געקענט אין קאַנאַדע און איך
זאָג אײַך יעדעס מאָל ווען איך דאַנק גאָט פֿאַר אַלץ דאַנק איך גאָט
בלעט קאַנאַדע איך בין זייער אַ גרויסער פּאַטריאָטקע און אָנהענגערין
פֿון קאַנאַדע איך האַלט אַז יעדער איינער וואָס האָט איבערגעטראָטן די
שוועל פֿון קאַנאַדע האָט געקענט דאָ בויען אַ היים אַ ייִדישע אַ וואַרעמע
אַ פֿרייע און געבן די קינדער די בעסטע ייִדישע דערציִונג וואָס איז
נאָר דאָ ווײַל ס'איז געווען אַזוי פֿיל מעגלעכקייט געקענט אויסקלײַבן
פֿון די בײַ שפּראַכן האָט מען געקענט איינער דערנענטערן צו זיך אויף אַזאַ
אופֿן ווי מ'האָט געוואָלט הײַנט מען אָפּגעשטופּט דאָס נאָענטסטע און דערווײַטערט
דאָס וויכטיקסטע און איך מיין אַז אָן אַ עבֿר איז נישטאָ קיין הווה און motto
אָן אַ הווה איז נישטאָ קיין עתיד און די וואָס האָבן דאָס נישט באַוויזן
זעניק געבליבן אָן אַ ליד און איך בין מיט מײַנע אַלע שבֿעה מדורי
גיהנום וואָס איך בין דורכגעגאַנגען מיט מײַן מאַן און קינדער בין
איך דערגאַנגען צו דעם קוואַל און דער קוואַל איז אָן אַ שיעור ער
שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס און איך וועל אײַך זאָגן דעם סוד
אַז קיין נײַע לידער האָב איך נישט זיי דערגייען נישט צו מיר ווײַל
איך האָב נאָך אַזאַ קוואַל פֿון מײַנע אייגענע לידער אַז נישט וואָס איך
וויל זײַן אין די ד' אַמות נאָר איך געפֿון אין זיי אַזוי פֿיל טיפֿקייט
און אַזוי פֿיל עכטקייט און אַזוי פֿיל נאָך נישט דערזונגענע לידער
וואָס איך קען זיי נאָך איך האָב זיי נאָך נישט אויסגעזונגען ווײַל
ס'איז נאָך נישט די צײַט געקומען איך בין נאָך נישט געווען רײַף צו
געוויסע לידער ס'איז דאָ לידער צו וועלכע איך בין דאָך ערשט יעצט געקומען

73



מר(המשך) כ'האב זיי געזונגען ווייל דאן איז געווען למשל ערשטנס איר ווייסט לידער וואס מאכט צו וועל איך איין אזוי אימפראוויזירט קען איך איין נשט זאגן למשל די לידער איר פארשטייט וואס האבן צו מיר קיין דירעקטע שייכות נישט געהאט נאר זיי האבן געהאט א שייכות צו יענע יארן צו יענע ציבען איר פארשטייט ווי איך האב זיך אויסגעלעבט ה.ט כ ן דאן געזונגען יענע לידער אבער איך בין דאך נישט דערוואקסן צו יענער ציבט איך בין נאך נישט דערוואקסן צו די יארן צו די ריפקייט איך זאל זיי באנעמען איך זאל למשל די ניגונים די חסידישע ניגונים כ'האב געזונגען א חסידישן ניגון איז האט א טערער אויסגעבונען אז איך מיין בלוט פליסט חסידישע בלוט ווייל נישט קיין חסידישע טאכטער קען אזוי נישט זינגען מיט אזוי פיל התלהבות א ניגון האב איך געמאכט פון דעם פארשטייט זיך א חכמה און כ'האב געקלערט אז א כ'האב גארנישט געוווסט אז ס'איז מיר אזוי גוט אז איך בין א חסידס א טאכטער כ'האב געמיינט אז איך פון א

אסימילירטער הויז און איך בין נישט אסימילירט איז א רוסיפיצירטע הויז וואס מ'האט מיר געלערנט אזוי פיל רוסיש און אזוי פיל רוסישע קולטור געוואלט אז איך זאל זיך שמעלצן צוזאמען מיט אלעמען איר ווייסט דאך ווערן איינס מיט אלעמען און א סך טאקע מיינע חברטעס און חברים זענען זייער נאענט נישט געקומען צו דעם צו וואס איך האב זיך צוגעטוליעט זיי זיינען אוועק פון דעם און קיין מאל נישט צוריקגעקומען אונד מיר האט געצויגן אפשר די אינעווייניקסטע די אינערלעכע איבערציגונג אז די בלוט קאכט זימן זיי ווילן דווקא פרבי זיבן מוז מען איבערשמידן שווערד אויף אקער-אייזן האב איך דאס באמת דורכן ליד איבערשמידן האב איך זיך אליין איבערשמידט נו איז שטלט זיך פאר אז די אלע ניגונים וואס מיר פלעגן זינגען איך פריוואטע היימען האבן געהאט א פריוואטן כאראקטער אבער דורכן פריוואטן כאראקטער איז קענט איר זען די סביבה אין וועלכע מיר האבן זיך געפונען און די מענטשן מיט וועלכע מיר האבן פארקערט (איבערדייס) איך וויל איין דערציילן וועגן אונדזער ארט פארברענגען מיר פלעגן זיך צוזאמענקלייבן (2) ביי מיין ברודער איך שטוב אליין מיט סטודענטן און אלע ארטיסטן אז זיי פלעגן קומען אין ווילנע איז נאך זייערע פארשטעלונגען פלעגן זיי קומען צו מיין ברודער און שטענדיק קאנפינוירן דאס ליד פון דער בינע אין לעבן

we forged ourselves anew ← [illegible]

מר(המשך) אַרײַן און מ׳האָט קײן מאָל נישט געוווּסט צי מיר קאָפּירן די בינע צי די בינע קאָפּירט אונדז ווײַל מיר האָבן שטענדיק געהאַט אַ קאָנטאַקט צווישן בינע און לעבן און פֿאַרשטײט זיך איך לעבן דאַרף מען קענען שפּילן נו אַז מ׳שפּילט דורך געזאַנג איז נאָך דאָך געלײַטערט ביז אַז מיר פֿלעגן צוזאַמענקומען, פֿלעגט מען אימפּראָוויזירן וועגן ייִדן אײנעם וואָס איז דאָרטן געווען פֿלעגט מען געפֿינען אַ ליד אַ צוגעפּאַסטע צו זײַן כאַראַקטער צו זײַן אַרט לעבן און צו זײַנע אויפֿטוען איז געווען למשל דזשיעקע וויטשניקער אַדוואָקאַט רובניצקי ער האָט געענדיקט אין ווילנע אַדוואָקאַטור און אַ ביסעלע שפּעטער צוליב די צוליב די מלחמה איז ער אויך געווען דער עלטערער איך דעם עלטערן דור מיר האָבן אים געהאַט גרויס דרך-ארץ פֿאַר אים איז אײנער ערנסטער וואָס מ׳האָט וועגן אים געזונגען פֿאַרשטײט זיך ער איז געווען אַ פֿאַרברענטער ציוניסט און דעם דאָס ליד האָבן מיר געמאַכט איך בין געווען די צושטעלערין פֿון ניגונים ספּעציעל ניגונים און אײנהאַלט און וואָס קײן גראַמען פֿלעג איך דאָס איבערלאָזן פֿאַר אַנדערע פּאָעטן פֿאַר מיר גראַמען האָב איך נישט געקענט מאַכן נאָר איך האָב געגעבן דעם אינהאַלט די אינספּיראַציע אונד דעם ניגון איז דער ניגון פֿאַרשטײט זיך געווען „התקווה" ווײַל ער איז געווען אַ ציוניסט איז געווען אַזוי דאָס ליד וועגן רובניצקי די ווילנער האָבן אַלע געקענט רובניצקי ווײַל ער איז געווען דער פּרעזידענט פֿון אונדזער סטודענטן-פֿאַרײן און זײער אַ חשובֿער און זײער — אַן אינפֿלוסרײַכער מענטש און זײער אַ גוטער חבֿר צווישן די סטודענטן האָט מען וועגן אים אַזוי געזונגען (זינגט [illegible]

כל-זמן איך וועל פֿאַרנעמען בײַ די סטודענטן דעם אײבן אָן
ווען דאָרטן תמיד פֿלאַטערן די ווײַס-בלויע פֿאָן
הדד הדד כ׳בין אַ בראַווער יאַט
כ׳האָב שקלים איך מײן לעבן געקויפֿט אַ דרײַצן
וואָס פֿאַרא ווערט וואָלט ציון דען געהאַט
ווען איך און ד"ר הערצל וואָלטן נישט געווען

(לאַכט) דאָס איז פֿײַן פֿאַרשטײט און באַווײַזט זײַן די שקלים די גרויסע זאַך דאָן האָבן קײנער נישט געקויפֿט קײן שקלים איז אַז ער האָט געקויפֿט דאָן דרײַצן שקלים איז ער געווען זײער אַ גרויסער פּאַטריאָט

מר(המשך)  און יעצט איז געווען פּנחס קאַהן אויך דעם ניגון האָבן מיר געזונגען פֿון "זאָג זשע מיר שפּיל מיר זאָגרע ניע זאַ קאָטשענקאַ" דאָס איז געווען אַזאַ ליד זאָגרע ניע זאַ קאָטשענקאָ אויף אים איז געווען פּנחס קאַהן איז געווען זייער אַ קאָלירפֿולע פֿיגור אין ווילנע ער איז אַליין געווען פֿון לאָדזש און ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין "מאָמענט" גלייב איך /אַ שרייבער אַ זשורנאַליסט און אויך אַדוואָקאַט און ער האָט פֿאַקע געענדיקט אין ווילנע און ער האָט אָנגעפֿירט געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט אין ווילנע און מ'האָט זיך מיט אים זייער גערעכנט און מ'האָט אים זייער ליב געהאַט און געהערט האָב איך אַז דער סוף איז געווען אַז ער איז אַוועק איינער/פֿון די קדושים איינער וואָס זענען אַוועק צו דעם טויט צוליב דעם ווײַלע זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגעבן די משכּנים ער איז געווען אַ משכּן אַ לעבעדיקער משכּן ער איז אַוועק צו טויט צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן צום טויט די ייִדן פֿון געטאָ איז ער אומגעקומען אויף קידוש-השם און דער פּנחס קאַהן איז געווען אויך זייער פּאָפּולער (זינגט)

כ'בין אַ בחור פֿײַן און שיין
אין פֿאַריין אויבן אָן
מען רופֿט מיך פּנחס קאָהן
שרייב מעמואַרן גאָר אַ פֿולע
פֿון קאַראַימער האָנאַלולו
שויך "נאַש פּשעגלאָנט" און "מאָמענט"
בין איך אַ קאָרעספּאָנדענט

דאָס דער ניגון געדענק איך נישט זייער גוט און דערנאָך איז דאָ אַזעלכענע מענטשן וואָס איז וויכטיק אַזוי צו אײַך פֿאַרשרײַבן זייער שיין איז וועגן פֿרויען-פֿאַריין ס'איז געווען דאָרטן פֿרויען-פֿאַריין בײַ אונדז און אַ סך פֿרויען פֿלעגן קומען צו אונדז אויף די דאָזיקע אָוונטן אונדזערע איז פֿאַר זיי האָבן מיר געמאַכט אַ ליד (זינגט)

Women's League

איך וועל אײַך דאָ פֿאַרטרויען
אַ סוד פֿון יענע פֿרויען
וואָס האָבן זיך פֿאַראייניקט
אין פֿאַריינען זייער פֿיל

מאַך צו אַ מינוט איך האָב פֿאַרגעסן דעם ניגון ס'איז מיר נישט געלונגען

מר(המשך) דאָס איז געווען די אימפּראָוויזירטע לידער דאָס איז געווען
דער דריטער טאָג פֿון סדר אין 28סטן יאָר געווען ביי אונדז אַ צוזאַמען
דער דריטער טאָג פֿון פסח דאָ מאַכן מען דעם דריטן סדר און ביי אונדז
דעם דריטן טאָג פֿון פסח האָבן מיר געמאַכט א צוזאַמענקום ביי מיין
ברודער און מיר האָבן געזונגען אימפּראָוויזירטע לידער (זינגט)

3rd seder

די בעסטע פֿון דער וועלט
היינט קיינער דאָ נישט פֿעלט
אַפֿילו פּנחס קאָהן געקומען אויף אַ לופֿטבאַלאָן
טראַ לאַ אַז"וו

געקומען איז אַ גאַסט
פֿרייט זיך אַלע דריינט
אַלינקע פֿון וואַרשע זעט נאָך ווי זי שיינט
טראַ לאַ אַז"וו

אויפֿן מיטן מיט
שטייט דער רויטער וויין
און ד"ר דערעדזשינסקי כלאָרעט אין זיך אַריין
טראַ לאַ אַז"וו

בוזשי בוזשי זשאַנסקי
איז דאָ אויך פֿאַראַן
אוי איז דאָס אַ דאָקטער מיט אַ דיינינקן סאַלאָן
איי טראַ אַז"וו

דאָס איז די איינלייטונג דערנאָך (זינגט)

היינט איז פּורים – פסח ברידער עס איז דער יום-טוב גרויס
ס'איז געשען אַ וווּנדער און מאַשע טרעט אַרויס
בעטן מיר די אַדיטאָריע
דעם פּראָפֿעסאָר פֿון קאָנסערוואַטאָריע
נישט מאַכן קיין גרויסן סקאַנדאַל
סיז נישט קיין קאָנצערט
פֿון דעסט וועגן פּרווּוט הערט
זי איז דאָך נישט פֿרוי איגדאַלט

מר(המשך) פֿרוי איגדאַלס דאָס איז געווען זײַן פֿרוי זי האָט געענדיקט
קאָנסערוואַטאָריע און זי איז געווען אַ באַרימטע זינגערין און זי פֿלעגט
אויפֿטרעטן מיט פּראָפֿעסיאָנאַלע קאָנצערטן אזן אַזוי ווי זיי זענען געווען
אויף דעם אָוונט און זי ער איז געווען דער דירעקטאָר פֿון ווילנער
קאָנסערוואַטאָריום ער און זי איז געווען אויך אַ פּראָפֿעסאָר פֿון געזאַנג
איז שטעלט זיך פֿאָר פֿאַר זיי האָב איך אויפֿגעטראָטן האָב איך זיך געמוזט
מאַכן אַ אײַנלײַטונג איך זאָל זיי אַנטשולדיקן איז פֿאַר וואָס זאָל איך
רעדן אַז איך קען זינגען האָבן מיר געמאַכט די דאָזיקע אײַנלײַטונג
אין געזאַנג און דאַן איז מיר געוואָרן לײַכט אויפֿן האַרצן כ׳האָב געפֿילט
אַז ער וועט מיר מוחל זײַן און איר וועט מיר מוחל זײַן נאָך אַזוי פֿיל
יאָרן צי כ׳האָב די קלײניטשקע שטימעלע אויך שוין פֿאַרלאָרן אָבער דער
ניגון איז געבליבן ס׳איז דאָך נישט וויכטיק איר פֿאַרשטייט די שטימע
ס׳איז דאָך וויכטיק דאָס וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט און ס׳איז וויכטיק
אַז ס׳איז נישטאָ קיין איין פֿאַלשער קלאַנג אַלע ניגונים וואָס איך
געב אײַך איבער בדיוק דאָס איז 100% און דאָס וואָס איך געדענק נישט
וועל איך אײַך נישט זינגען נאָך די לידער וואָס איך זינג אײַך זענען
די ניגונים 100% איר פֿאַרשטייט אָריגינאַל אַ דאָס איז טשירי באַם באַם
אויף דעם ניגון פֿון טשירי טשירי באַם באַם האָבן מיר געמאַכט אַ ניגון
אויף ד"ר העדוואָדניק ד"ר העדוואָדניק איז נישט לאַנג געשטאָרבן פֿאַר אַ
יאָרן אין ניו-יאָרק ער האָט אָנגעפֿירט דאָס גאַנצע לעבן די טובערקולאָז
סאַנאַטאָריע אין ווילנע און ער האָט אַ סך צוגעטראָטן צו מוזע און די
סאַנאַטאָריע האָט דאָך אַ סך מענטשן געהאָלפֿן ווײַל טובערקולאָז האָט
געבושעוועט אין ווילנע צענדליקער יאָרן און ס׳האָט געשניטן אַזוי ווי
הײַ איר ווייסט טויזנטע לעבנס יונגע האָט עס אָפּגעשניטן אין יענע
צײַט פֿון טובערקולאָז אונד מײַן מאַמע איז אויך געשטאָרבן יונגערהייט
אויף דער דאָזיקער קראַנקהייט און ער האָט געהאַט אַ סאַנאַטאָריע און בײַ
אים אין סאַנאַטאָריע האָט ער געהיילט די אַלע טובערקולאָזע יונגע מענטשן מייסטנס
און דאָס האָט געהערט צו טאָז איז פֿאַר אים האָט מען געהאַט זייער גרויס דרך-
ארץ אונד דערנאָך איז אים געלונגען זיך צו ראַטעווען דורך דער אויסשטעלונג
אין ניו-יאָרק ער איז געקומען אויף דער אויסשטעלונג איז ער שוין געבליבן
דאָ אויף דער אויפֿשטעלונג און ער האָט אָנגעפֿירט דער ווילנער ווי הייסן זיי
ס׳איז דאָ נוסח ווילנע ווילנע נוסח איז דאָ דאָרטן איר ווייסט דאָך די פּופּקאָס

Jedwabnik

מר(המשך)   און דערנאָך איז דאָ יוניִיטעד ווילנאָ יוניבטעד ווילנאַ
דאָט איז ער געוועזן דער ערשטער פרעזידענט די גאַנצע ציַיט ביז ער איז
געשטאָרבן פֿאַר אַ יאָר איז וועגן אים איז געווען אַזאַ ליד (זינגט)

ד"ר יעדוויאַדניק נישטאָ אַזאַ דאָקטער
אָן אויפֿהער אויף וויזיטן זײַן פֿערדעלע יאָגט ער
דערציילט מען אַז אין סאַנאַטאָריע איז אים געלונגען
אַרײַנשטעלן אַ פּאַציענט שפּאָגל-נײַע לונגען
טשירי בים אַאַז"וו

ליבאָן איז שוין וויניק היילן נאָך אין האַלדז
היינטיקע ציַיטן מוז מע קענען אַלץ
לערנט ער זיך טאַקע בײַ סעמע ספּעציאַליסטן
און ער איז געוואָרן דער בעסטער דאָקטער צווישן אַלע אַרטיסטן

דאָס איז געווען ד"ר ליבאָ וואָס האָט אויך געהאַט זייער אַ גרויסע ראָלע
געשפּילט אין ווילנער געזעלשאַפטלעכן לעבן ער האָט אָנגעפֿירט דעם מכבי
רודער-סעקציע איז ער געווען דער אָנפֿירער אחוץ וואָס ער איז געווען
אַ (ערנגאַלאָג) און ער איז אויך געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוויי צוריק אין
ישׂראל און דער מאַן האָט באמת זייער זייער אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַר דעם
יידישן לעבן און ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דאָ און אין ישׂראל
האָט ער געהערט און ער איז דאָכט זיך אויך געווען דער פֿאָרזיצער זײַן
פֿון ווילנער פֿון די ווילנער אין ישׂראל איז ער געווען זייער פֿירער
און זייער פֿאָרשטייער נו דאָס איז געווען ד"ר ליבאָ (זינגט)

די מעלות פֿון אונדזער גרישע מאַצן
נעמען מיר זיך גאָרנישט קיין העזה אפּצושאַצן
אַ דיפּלאָם כאָטש נעמט און שנײַדט מיט איר גלאָז
אָן אים וואָלט אונדז געגאַנגען דער גאַנצער טאָז

מײַן ברודער איז געווען אַזאַ האַלבער דאָקטער ער האָט שטודירט מעדיצין
אונד ער האָט זיכער פֿאַרענדיקט ווײַלע די אַלע דאָקטוירים ליבאָ און די אַלע
ראָפֿאָס די אַלע זענען געווען זײַנע חברים נאָר ער האָט געוויזמט זײַן
לעבן דעם טאָז אונד האָט ער באַשלאָסן אַז צו די אַרבעטן קען מען נישט טאָן
און אַז ד"ר שאַבאַד איז געשטאָרבן האָט ער איבערגענומען ער איז געווען
זײַן תלמיד האָט ער איבערגענומען די גאַנצע אָנפֿירונג פֿון טאָז און איך
קען אײַך זאָגן זייער אַ דירנדע זאַך ער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ קאָלאָניע
אין טאָז אויך פֿון טובערקולאָזע קינדער אונד איין מאָל מיט צו יאָר 5-6

Dr. Libo
Maccabi
Rowing
Team

מר(המשך) אָדער מערער צוריק איז דאָ געקומען חיים גראַדע און איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אים אַז איך בין גרישע מאַצעס שוועסטער האָט ער געזאָגט איך זײַט הירשע מאַצ'עס שוועסטער איר ווייסט זאָגט ער, וואָלט נישט אײַער ברודער וואָלט איך דאָ נישט געווען זאָגט איך, פֿאַר וואָס, זאָגט ער-ווײַלע די קאָלאָניע זיבנע די קינדער-קאָלאָניע האָט מיר געראַטעוועט פֿון טויט ער איז געווען איינער פֿון די קינדער וואָס האָבן גענאָסן פֿון זײַן גרויס זײַן זאָרגזאַמקייט פֿון זײַן זונקייט און ער. זײַן זיקיורעטי איך אַז ער איז דורכגעגאַנגען די קאָלאָניע טאָז האָט ער געקענט שפּעטער אַרויספֿאָרן קיין אַמעריקע ער האָט געהאַט מיט וואָס די לונגען זענען געזונט געוואָרן איז דאָס איז מײַן ברודער באמת אַז אים וואָלט אונטערגעגאַנגען דער גאַנצער טאָז דאָס איז אמת ווײַל האָט זיך באמת מקריב געווען פֿאַר דער דאָזיקער איך האָב אים געוועלט זייער ראַטעווען אונד איך האָב אים געדרונגען מיטן לעצטן טעלעפֿאָן ער זאָל קומען צו אונדז צו פֿאָרן אפֿשר וועלן מיר צוזאַמען וואַנדערן האָט ער מיר געענטפֿערט וואָס ווילסטו פֿון מיר מאַכן אַ דעזערטיר איך זאָל איבערלאָזן די קינדער זאָל איבערלאָזן מיבן טאָז אַזוי איז דאָס געווען און יעצט איז געווען איינער פֿון בונדיסטן דער בונדישער נישט איינער נאָר דער פֿירער פֿון די בונדיסטן איך ווילנע ד"ר ראַפּעס געווען זייער אַ זיבעטיקער מענטש און זייער אַ באַדיינטפּולע פֿיגור אַ קאָלירפֿולע פֿיגור (זינגט)

ד"ר ראַפּעס וויל מער מאַן טאָג נישט קאָנען
ווײַל די קאַסע פֿאָרען איז אים שטאַרק געפֿעלן
איז ער פּלוצלונג אַנטרונען שנעל ווי אַ טאָז
און געלאָזן אויף הפקר דעם ווילנער טאָז
טשירי אַאַז"וו

די פֿרויען וואָס זײַגן אַ קינד אָדער צוויי
ד"ר שאַבראַצקאָ זי האַלט נישט פֿון זיי
אַבט הונדערט קינדער זײַגט זי אָן
האָט זי טאַקע אין טראָפּן מילך אַ סך צו טאָן

דאָס איז אַלץ די פֿירער פֿון טאָז ד"ר שאַבראַצקי אויך אַ צדיקת באמת איך זאָג אײַך אַ שׂרה-בת-טובֿים זי האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעאַרבעט אין טאָז אונד טאַקע 800 קינדער האָט זי אָנגעזײַגט און טראָפּן מילך האָט זי געהאַט אַ סך צו טאָן זי האָט זייער אַ סך געהאָלפֿן די מאַמעס ווי אַזוי צו ווייסט

מר(המשך) דאָך דאָן איז נישט געווען אַזוי פֿיל מעגלעכקייטן ווי דאָ וואָס מ'לערנט אויף טעלעוויזיע און מ'לערנט פֿון אַלע זייטן דאָרטן איז געווען איין טאָז און דער אַלע פֿאָלקסמענטשן פֿלעגן קומען איין טאָז און די ד"ר שאַבראַצקי פֿלעגט זיי לערנען ווי אַזוי צו אויסהאָדעווען זיי ווי אַזוי צו וויקלען ווי אָזוי אָנזייגן ווי אַזוי אאַז"וו אאַז"וו זי איז געווען זייער אַ באַדייטנדיקע פֿיגור אין ווילנע און דאָס איז איינער אַ גענעאָקאָלאָג ד"ר געצאָוו (זינגט)

ד"ר געצאָוו ער גרעסער ווי דער מענטשהייט אויף 100%
איז ער געוואַלדיק פֿאַרנומען מען רייסט אים פֿון די הענט
דערפֿון טאָקע נעמט זיך זיין איינציקער פֿעלער
ער שרייט צו די פּאַציענטקעס געוואַלד, מאַכט עס שנעלער

(לאכט) דאָס איז די דאָזיקע דאָס איז פּסח פּסחדיקע אונדזערע וואַריאַציעס דאָס איז אַ (איבעררייס)
פֿאַרענדיקן אונדזער רעדע יעצט וועל איך איין זאָגן איינע פֿון מיינע פּאָפּולערסטע לידער וואָס איך האָב געהערט דערפֿאָלג און מ'האָט עס ווען אַ סך געזונגען און אַ סך אויסגענוצט אין לעבן איז געווען די עופּעלע פֿון משה בראָדערזאָן און דאָס איז גענומען געוואָרן פֿון זיין אָררט (זינגט)

בין איך מיר אַ בחורל אַ בחור אין די יאָרן
נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר בין איך אָפּגעפֿאָרן

איך בין אַ בחורל (3)
אוי אוי

זאָגט זי צו אים אַזוי מיידל וואָס זיצט מיט אים ;

כ'וועל אַן עצה געבן דיר אַן עצה וועל איך געבן
נעם אַ ווייב זיר בחורל וועט זיך ווויל דערלעבן

ס'וועט זיין אַ חתונה (3)
אוי אוי

פֿרעגט ער

נעמען זיך אַ פּוילישע וועט זי תמיד טאַדלען
גאַנצע טאָג פּאַר- פּשעפּראַשענען אויסעם פּרעסטיס ראַדלע

אַ ווייב אַ פּוילישע (3)
יאָך מאָך

מר(זינגט המשך) זאָגט ער און זאָגט ער אַזוי

ס'טויג דיר ניט קיין פוילישע די קליפּקעס מיט די שליפּקעס
די ווייבּאַלעך די פוילישע זיי זענען אַלע דריפּקעס

אַ ווייב אַ דריפּקעלע (3)
יאַך מאַך

נעמען זיך אַ גאַליציאַנע איז דאָך מיר דערווידער
זי וועלן תמיד יחסנען מיט די דאָקטערלעך די ברידער

אַ גאַליציאַנערין (3)
עך מעך

וואָס טויגן דיר גאַליצישע אַ קירהעע אַ מרוקע
עך און מעך זיי האָבן דען תמיד טיף אין קרוקע

אַ גאַליציאַנערין (3)
עך מעך

נעמען זיך אַ ליטוואַטשקע איז דאָך וואָס מען טאָר ניט
אויף אַלץ זאָגט זי פּאָזשאַלוסטאַ און האָבן האָט זי גאָרניש

אַ ווייב אַ ליטוואַצקע (3)
וואָס דאָס

וואָס טויגן די די ליטוואַצקעס וואָס טויג דיר שאַבער מאַבער
קענסט ווערן פון אַ חזרטע אַליין אַ דבר־אַחר
א דבר־אַחרל —

(סוף ז' 1)

(אָנהייב זײַט 2)

מר פֿרעגט ער (זינגט)

איז גיב זשע מיר אַן עצהלע וואָס דערפֿון וועט ווערן
ביסט דאָך גאָר אַ קליגעטשקע מאָ לאָמיר עפּעס הערן

איך גיב אַן עצהלע (3)
כ׳גיב כ׳גיב

זאָגט זי

לאָמיר ביידע תּיכּף־באַלד קיין ארץ־ישׂראל פֿאָרן
דאָרט כּדין און דאָרט כּדת וועלן מיר זיך פּאָרן

מיר וועלן פּאָרן זאַך (3)
אוי אוי

דאָס האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע זייער זייער אַ וווּנדערבאַרע זאַך
געווען דער דאָזיקער ליד דאָס האָט געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם איך
אונדזער וועלטל און איר ווייסט דאָך נישט יעדערער גייט איך דאָס
נישט יעדערער גייט אויפֿן טיאַטער און נישט יעדערער הערט דאָך איז אַז
מיר פֿלעגן דאָס אַרויסטראָגן איך באַט מיר פֿלעגן דאָס פּאָפּולאַריזירן
פֿלעגט דאָס ווערן פּאָפּולער און מ׳פֿלעגט זינגען פֿון הויז צו הויז
פֿון שׂימחה צו שׂימחה איינער פֿלעגט איבערגעבן די אַנדערן אונד אַזוי
אַרום איז דאָס ליד געוואָרן זייער פּאָפּולער יעצט וויל איך אײַך
זאָגן איך האָב אײַך געזאָגט אַז איך האָב געהאַט אַ חבר סטאָצקי און ער
איז געווען זייער אַ טאַלאַנטירטער בחור מיטן 12-13 יאָר האָט ער
איבערגעזעצט גאַנץ פּושקינען אויף יידיש או. דאָס איז געווען אויסער־
געוויינטלעך נאָר איך בין נאָך דאַן געווען נאָך ייִנגער האָב איך די לידער
נישט געהערט דעקלאַמירנדיק און כ׳האָב נאָר געהערט איך שטוב ווי מ׳פֿלעגט
באַוווּנדערן דעם דאָזיקן בחור און ווי וווּנדערבאַר ער איז געווען
די לעצטע קלאַסן איז מיר באַשערט געווען צו זײַן מיט אים צוזאַמען
און פֿאַרענדיקן גימנאַזיע און מיר זענען געוואָרן גוטע חבֿרים און
אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן אפֿשר האָט ער געגלייבט איך דעם אַז איך
וועל פֿאַרגעדענקען זײַנע לידער איז אַ חוץ דעם וואָס ער האָט געמאַכט
אַ פּאָר פֿרײַע איבערזעצונגען פֿון רוסישע לידער האָט ער אַ פּאָר ווירצינסקיס

מר(המשך) לידער און אַנדערע לידער וואָס איז דאָך געזונגען געוואָרן
אין מיינע ציַטן האָט ער איבערזעצט אין יידיש און אַזוי ווי איך בין
געווען די פּאָפּולאַריזירע פערזאָן אין אונדזערע קרייַזן אַלע האָבן
געוווּסט אַז איך קען זייער גוט דאָס ליד זינגען אין רוסיש אָדער
ס'איז שוין דאָך נישט געווען קיין הכמה. די הכמה איז געווען צו זינגען
דאָס זעלבע ליד אין אַ אין אַ אויספירונג אויף יידיש און פון לייב
סטאָצקי ווייַלע לייב סטאָצקי איז געווען אַ ווילנער און אַלע האָבן
איב געקענט און מ'האָט געוווּסט אַז ער איז זייער אַ פּעיקער און
מ'האָט אים געדאַרפט מאַכן אַ ביסל פּראָפּאַגאַנדע איז איך בין געווען
זייַן פּראָפּאַגאַנדיסטקע או אין האָב געזונגען די רוסישע לידער
איבערזעצונגען אויף יידיש און דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה ווייַלע
מ'האָט געזען אַז דאָס זעלבע ליד קלינגט זייער גוט און ס'האָט אויך
אַ גוטן אָפּקלאַנג אין יידיש און איר ווייסט דאָך אַז וואָס מער מ'זינגט
און וואָס מער מ'רעדט אַלץ מער דעררעדט מען זיך האָט מען זיך דעררעדט
אַז פּאָקע ס'איז געווירבלט און ס'האָט געקאָכט און געצאַפּלט און ס'האָט
אַלצעדינג געלעבט מיט יידיש אַלץ צוליב דעכווייל די ניואַנסן האָבן
געשפּילט אַ גרויסע ראָלע פאַרשטייט ווייַלע מ'זאָל אַוועקוואַרפן אַ ליד
זאָל מען זינגען אין אָריגינעל רעדן זאָל מען אָריגינעל און צופּאַסן
זאָל מען זיך צו די גוייִם און צופּאַסן זאָל מע זיך צו פרעמדע צו
די וואָס פאַרשטייען נישט, ווילן נישט פאַרשטיין און צו די וואָס ווילן
נישט פאַרשטיין און צו די וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין וואָלט דאָך
גאָרנישט געוואָרן איר פאַרשטייט אַזוי איז געוואָרן אַ שפּרודלדיק
לעבן און דאָס האָבן געזונגען מייַנסטנס סטודענטן וואָס האָבן נישט
געקענט יידיש און האָבן נישט געוואָלט יידיש און האָבן אויסגעמיטן
יידיש אָבער זענען געצווונגען צו זינגען יידישע ראָמאַנסן ווייַל
זיי זענען געקומען דורך אונדזער קרייַז איז געווען אַזאַ
אַ געווינטשענער איז איינער פון זיי דאָס איז געווען זייער אַ פּאָפּולער
ליד "ליסט" האָט דאָס געהייסן אַ בריוו ליסט און אַלע האָבן דאָס געזונגען
איך געדענק נישט פון וועלכן קאָמפּאָזיטאָר דאָס איז געווען און ווער
ס'האָט דאָס בעשאַפן דאָס ליד ס'איז געווען אַ פּאָפּולער ליד "ליסט" איז
ער האָט עס איבערזעצט (זינגט)

מר (זינגט)

איך האָב זיך, אַלזאָ, ווידער היינט אויך דיר גענאַרט
איך האָב אומזיסט פון דיר אַ בריוו געוואַרט
איך האָב געהאָפט וועסט אָפּן שרייבן מיר
אַז שוין פאַרביי איז דיין געפיל צו מיר

נאָר אפשר שווער איז דיר געוואָרן צו זען מיין טרער
זאָל דיר דערקלערן אַלץ דער בריוו אָט דער
דער גורל וויל און ס'איז אַזוי געשטעלט
ניטאָ שוין היינט וואָס איז אַ מאָל געווען

דו ביסט צו מיר שוין קאַלט אַצינד
דו ליבסט מיר נישט אַ צווייטע האָט דיין האַרץ באַהערשט
כ'פאַרשטיי עס גוט נאָר כ'קען אָן־ספק מער נישט קליייבן (גלייבן)
מיר קלעקט נאָר מוט כ'וועל קענען זיין אַליין...

דאַרף מען האָבן אַ שיטה אָבער איך געדענק דעם ניגון

נאָר רויק זיי כ'בין שוין באַקאַנט מיט ליבע און קלעם
דאַרן טרערן זען איך בין צו שטאָלץ אויף דעם
כ'פאַרשטיי דיך גוט נישט זאָרג און וויסן זיי
אַז מיט דיין בריוו מאַך איך אַליין דיך פריי

אַזו"ו ס'איז שוין כ'וויל נישט אַלץ ווייל ס'איז צו לאַנג פאַרענדיק איך
איצט למשל ווירצינסקין האָט ער איבערזעצט קאָשמאַרי האָט דאָס ליד געהייסן
אַלץ פּאָפּולערע לידער וואָס ס'איז געזונגען געוואָרן פון קינד אויף
קיים און האָט ער דאָס איבערזעצט אויף יידיש (זינגט)

ס'האָבן ביידע קאָשמאַרן פאַרפאָלגט מיר די נאַכט
און מיין שלאָף מיר פאַרוואָגלט געמאַכט
כ'האָב געזען ווי אַ צווייטע זיך דרוקט צו דיין ברוסט
ווי אַ צווייטע זיך צערטלט און קושט...

ער האָט זי ביים געקושט
און האָט זי געדריקט צום ברוסט
און זי מיט ליידן באַלד און פיין
האָט געפּליסטערט: כ'בין דיין אָ כ'בין דיין

(85)



מר פאַרשטייט כ'האָב ספּעציעל איַיך געזאָגט כדי איר זאָלט וויסן וואָס איז איבערזעצט געוואָרן ס'איז דאָ נאָך זאַצן

מס איז דאָס דאָ אויף פּויליש

מר אויף פּויליש נישט דאָס איז רוסיש דאָס איז רוסיש דאָס איז פון רוסיש #3
ווירצינסקי האָט דאָך געזונגען רוסיש (זינגט רוסיש)
דאָס איז אויקרוסיש און דאָס איז פּעימאַיאַ דיעוואָטשקאַ דאָס איז געווען איבערגעוויינלעך כ'וועל איַיך אויסזינגען דערנאָך איַיך קאָפּלעט אויף רוסיש פּעימאַיאַ דיעוואָטשקאַ אויף יידיש האָט דאָס געהייסן „טרינק-זשע מיַין מיידעלע" (זינגט)

טרינק-זשע מיַין מיידעלע צאַרטינקע איידעלע
אָט דעם פאַרזויערטן וויַין
מיר פיל געליטענע ביידע פאַרביטערטע
מיר קענען גליקלעך נישט זיַין

(זינגט רוסיש)

מאָן האָט אונדז פאַרנאַרט איינס דעם צווייטן פאַרדונגען אונדז
ביידן ווי קעפּ אונדז באַרוישט
מע האָט אונדז צו ערשט, צו ליבן געצוווּנגען אונדז
שפּעטער צו בליַיבן ענטוישט

טרינק-זשע מיַין מיידעלע טרינק-זשע מיַין טיַיערע
אָט דעם פאַרזויערטן וויַין
מיר פיל געליטענע ביידע פאַרביטערטע
מיר קענען גליקלעך נישט זיַין

(זינגט רוסיש)

Я сегодня смеюсь над собой!

יאַ סעוואָדנאַיאַ סמילוסטניאַ סאַבאַי הייַנט גלוסט זיך מיר לאַכן פון זיך

הייַנט געלוסט זיך מיר לאַכן פון זיך
מיר געלוסט זיך אַ קלייניקער ווערם
און אַ נאַרישע מעשהלע הערן
פון אַ קינד וואָס איז נאַריש ווי איך
און אַ נאַרישע מעשהלע הערן
פון אַ קינד וואָס איז נאַריש ווי איך

(זינגט רוסיש)

а

..мое родное
Бог твой сон хранит
Твоя мама шансоньетка
По ночам не спит
...

Кирпичики

На окраине, где-то в городе,
Я в рабочей семье родилась
Лет шестнадцати, горемычная,
На кирпичный завод нанялась.
2 раза

Было трудно мне время первое
Но потом, проработавши год,
За веселый год, за кирпичики,
Полюбила я этот завод.

На заводе том с Сенькой встретилась,
И как только гудок загудит,
Руки вымою и спешу к нему
В мастерскую, накинув платок.
2 раза

Кажду ноченьку с ним встречалась я,
Где кирпич образует проход.
И за Сеньку-то, за кирпичики
Полюбила я этот завод.
...
(Грузинская песня)
Аллах-ах, что ты сурды-бурды валаешь,
На мой Тифлис красный звезда посылаешь
Забрали мэнэ дэньги, забрали мэнэ мэньги,
Забрали толстый пузы -
Это все, потому что пришли большевики,
А потом за ними меньшевики, коммунисты, анархисты, вай!
Начался политика, молитика, фолитика -
Бедный мой грузинский голова!

Мой жена ~~теперь~~ мне уже не пара.
Она уже гуляет с комиссаром.
Носится с портфелем,
Не моется по неделям,
Возится с офицером.
Это все, потому что пришли большевики,
и т.д.

Аллах, Аллах, я тебе дам большая взятка,
~~Ой~~, сделай в России порядка.
Потому что ты знаешь, кто я и что я и зачем я и почему я.
Это все...

.....
Мы на лодочке катались,
Золотистой, золотой.

מײַן קינד? מײַן אייגנס
גאָט היט אָפּ דײַן שלאָף
דײַן מאמע איז א שאנסאָניעטקע
שלאָפט ניט באנאכט.
...

צ י ג ל ע ך
אפן ראנד, ערגעץ ווו איך שטאָט
בין איך געבוירן אין אן ארבעטער משפּחה.
מיט יאָרן 16 האָב איך זיך, א נעבעכדיקע,
אָנגעדונגען אפן ציגל־זאוואָד.
2 מאָל די לעצטע 2 שורות

עס איז געווען מיר שווער די ערשטע צײַט,
אָבער שפּעטער, אָפּגעארבעט א יאָר,
האָב איך פאר דאָס פריילעכע יאָר, פאר די ציגלעך,
ליב באקומען דעם דאָזיקן צאוואָד.

אַף דעם זאוואָד האָב איך זיך געטראָפן מיט סענקען,
און ווי נאָר די סירענע הודיעט,
וואַש איך זיך אָפּ די הענט און אײַל זיך צו אים
אין א ווארשטאט, ארופוארפנדיק א טוך.
2 מאָל די לעצטע 2 שוראָת

יעדע נאכט האָב איך זיך מיט אים געטראָפן
דאָרט, ווו די ציגל מאכן א דורכגאנג.
און פאר סענקען, פאר די ציגלעך
האָב איך ליב באקומען אָט דעם דאָזיקן זאוואָד.
....

א ג ר ו ז י נ י ש  ל י ד
אללאח־אך, וואָס דו װײַטער װערטער אָן זיך
אַף מײַן טיפליס שיקסטו אָן א רויט שטערן.
מע האָט בא מיר אָפּגענומען געלט, שמעלט,
מע האָט בא מיר אָפּגענומען א גראָבן בויך –
דאָס איז אלץ פאָרגעקומען ווײַל עס זײַנען געקומען באָלשעוויקי,
און נאָך זיי מענשעוויקי, קאָמוניסטן, אנארכיסטן, ווײַ!
ס'האָט זיך אָנגעהויבן פּאָליטיקא, מאָליטיקא, פּאָליטיקא –
מײַן נעבעכדיקער גרוזינישער קאָפּ!

מײַן פרוי איז מיר שוין מער ניט קיין פּאָר.
זי גייט שוין שפּאצירן מיטן קאָמיסארן.
זי טראָגט זיך ארום מיט א פּאָרטפעל,
זי וואַשט זיך ניט גאנצע וואָכן,
זי עסקט זיך מיט אן אָפּיצערן.
דאָס איז אלץ ...

אללאח, אללאח, איכ'ל דיר געבן א גרויסן כאבאר,
אוי, מאך א סדר אין רוסלאנד,
ווײַל דו ווייסט, ווער איך בין און וואָס איך בין און פארוואָס איך און צוליב
וואָס איך.

2)

(Вертинский)
Последний бал

Затянут черным тронный зал
На всю страну сегодня.
Король дает последний бал — {Король даёт свой первый бал}
По милости Господней.

Как и всегда, король там был
Галантен неизменно,
И перед дамой преклонил
Свое высокое колено.

Старый шут, покосившись на зал,
Поднял тонкую бровь, прошептал:
Как легко Вы теряете голову,
Мой король, как рассеянны Вы.

Затянут красным тронный зал
На всю страну сегодня.
Король дает последний бал
По милости Господней.

Как и всегда, король там был
Галантен неизменно.
И перед плахой преклонил
Свое высокое колено.

Старый шут, покосившись на зал,
Поднял тонкую бровь, прошептал:
...
(Фильмы)
Веселые ребята

Легко на сердце от песни веселой,
Она скучать не дает никогда.
И любят песню деревни и сёла,
И любят песню большие города.

Нам песня строить ~~и жить~~ [всю жизнь] помогает, — Нам песня строить / Всю жизнь помогает
Она скучать не дает никогда,
И кто по жизни весёло шагает,
Тот никогда и нигде не пропадёт.
2 раза

Сердце, тебе не хочется покоя!
Сердце, как хорошо на свете жить!
Сердце, как хорошо что ты такое!
Спасибо, сердце, что ты
умеешь так любить...
Как много девочек прекрасных,
Как много ласковых имен,
Но лишь одно из них тревожит
У нас всех покой и сон, когда влюблен.

Любовь нечаянно нагрянет,
Когда ее совсем не ждешь.

2)

И каждый вечер пробуждаешься,
И просишься, зовешь - и ты поешь:

Сердце, тебе не хочется покоя!
Сердце, как хорошо на свете жить!
Сердце, как хорошо, что ты такое!
Спасибо, сердце, что ты умеешь так любить!

Легко на сердце от песни веселой,
Она скучать не дает никогда.
И любят песню деревни и сёла,
И любят песню большие города.

Нам песня строить и жить помогает,
Она как дух, и зовет и тебя.
И кто по жизни весёло шагает,
Тот никогда и нигде не пропадет.
...
Письмо

Январь, февраль, март, апрель -
Время я любила.
Январь, февраль, март, апрель -
Время я страдала.

Сколько писем ни писала -
Он говорил, что не читал.
Сколько слез ни проливала -
Он говорил, что не читал.

Январь...

Почему ж ты не пришел -
Я ж тебе велела.
До двенадцати часов
Лампочка горела.

Январь...

При ходи ко мне, мой милый,
Некого бояться.
Папы-мамы дома нету,
Будем целоваться.

Январь...

...
Частушки

Когда мы едем на восток -
Солнце светит прямо в глаз.
Возвращаемся в Европу -
Солнце светит тоже в глаз.

c)

Эх, раз, что-ли,
Да еще раз, что-ли,
Да еще много, много раз,
Пока ветер в поле.

Был в Москве, попал в кино,
И смотрел "Багдадский вор".
Пока смотрел "Багдадский вор" -
Московский вор бумажник спёр.

Эх, раз, что-ли...

Что нам скрипка, что нам бубен -
Мы на пузе играть будем.
Если лопнет - наплевать,
Под рубахой не видать.

Эх, раз, что-ли...

Две старушки за стеной
Жалобно заныли.
Мы с тобою влюблены -
Я в картошку, ты в блины.

Эх, раз, что-ли...

(Поппури)

Ямщик, не гони лошадей,
Мне некуда дальше спешить.
Мне некого больше любить,
Ямщик, не гони лошадей.

На последнюю пятерку
Найму тройку лошадей.
Дам я кучеру на водку -
Поезжай, брат, поскорей.

Пока кудри в кольца мои вьются,
Буду девушек любить.
Пока денежки ведутся,
Будем весело мы жить.

Я вам скажу один секрет, один секрет:
Кого люблю, того здесь нет.
Кого-то нет, кого-то нет, кого-то жаль, (кого-то жаль)
К кому-то сердце мчится вдаль.

Дзинь-дзинь-дзинь...
Колокольчик звенит,
Этот звон, этот звук
Наболевшей груди.

...

f)

Не гребли, а целовались -
Не качай брат, головой.

В лесу. говорит, в бору, говорит,
Росла, говорит, сосенка.
Понравилась мне, молодцу,
Красивая девчонка

Поцелуй меня, мой милый,
Ровным счетом сорок раз.
Лишь тогда тебе поверю,
Что любовь крепка у нас.

В лесу..

Мне не надо пуд изюму,
Мне одну изюминку.
Мне не надо девок много,
Мне одну, да умненьку.

В лесу...

Мне не надо пуд гороху,
Мне одну горошинку.
Мне не надо девок много,
Мне одну хорошеньку.

В лесу...
....
(Цыганский романс)
Все сметено могучим ураганом,
И нам с тобой осталось кочевать.
Но мы, мой друг, умчим в степи к цыганам,
Там не умеют больше горевать.

Там бубна звон. там бубна звон, гитары стоны,
И разговоры (воры) и полей.
И там в кибитке забудешь пытки
Далеких призрачных страстей.

Здесь в городах нет искренних улыбок,
И здесь не знают истинных утех.
За эту цепь страдания и ошибок
Ты там услышишь звонкий смех.

Там бубна звон...

И все равно, что завтра жизнь проснется
И сердце вновь заноет - не беда.
Кто хоть раз цыган души коснулся,
Тот не забудет больше никогда.

Там бубна звон...

9)

Молись, молись, дитя мое
Молись за этот час опасный.
До сих пор жизнь текла шутя,
И Божий мир был так прекрасен.

...
Вечер был, сверкали звезды,
Шел по улице малютка, посинел и весь дрожал.
Боже, говорит малютка, я прозяб и есть хочу.
Кто согреет и накормит, Боже добрый, сироту.

Шла дорогою старушка, услыхала сироту.
Приютила и согрела, и поесть дала ему.
Положила спать в постельку, приголубила сиротку,
И прикрыла, и приласкала, Боже добрый, сироту.

Вечер был, сверкали звезды,
На дворе мороз трещал.
Шел по улице малютка,
Посинел и весь дрожал.

...
Папа любит маму, мама любит папу.
Папа любит шоколад, мама любит мармелад.
...
Как только я родился,
Ходить еще не мог,
Мамаша мне купила
Такой маленький горшок.

Такой маленький горшочек,
Такой маленький горшок.
Такой малый, малый, малый,
Такой маленький горшок.

מר דערנאָך איז דאָ אַ צווייטער קופּלעט דאָס איז שוין נישט וויכטיק
איין קופּלעט איז גענוג אָבער ס׳איז אַלץ גרויסע טאָמער וועט איר וועלן
אַ מאָל אין אָריגינאַלן וועל איך אייך אויפזינגען דאָס ליד אָריגינאַל
אַזוי ווי עס איז נאָר מיט מיין רעדן איר פאַרשטייט מיט מיין אינטער-
פּרעטאַציע פאַרנעמען דאָך אַ סך צייט ביי אייך ווילן מיר דאָך נישט
פאַרענדיקן און איך וויל פאַרענדיקן איז דערנאָך אַז איר וועט דאָס
וועלן דורכגייען און ס׳וועט אייך אינטערעסירן געוויסע אָריגינאַלן ווי
איך אייך צו פאַרפּילן איך האָב אייך דערציילט צוריקקומען מיר וועלן
צוריקקומען צו גאַנצע לידער און דערווייל גיב איך אייך
נאָר אָנגעוואָרפענע שטיקלעך פראַגמענטן פאַרשטייט פראַגמענטן פאַרשטייט דאָס
הייסט (זינגט) בראַזיליאַנער קריסער

איר האָט ליב צו שטיין פאַר נאַכט אין גאָרטן
אין דעם שטילן קוואַל ווען מורמלט דאָרטן
שטיין און קוקן ווי לבנה-שטראַלן
שימערירנדיק אין וואַסער פאַלן

(ברומט)

אַנקערט צו אַ מאָל אַ שיף אין בוכטע
ברענגט ער פון טראָפּיק אייך די בעסטע פרוכטן
ברענגט אייך צירונג איידעלע געוואַנטן
און אַ טרויב פון ימען אומבאַקאַנטע

(ברומט)

פון בראַזיליען עס קומט אַ קריסער
מיט אַ לייטענאַנט וואָס אַלעס ווייס ער
און איינטים וועט ער מיט אייך זיך ווײַלן
פון דער וועלט אייך מעשׂהלעך דערציילן

(ברומט)

דאָס וועל איך אייך נישט יעצט זינגען אויף רוסיש ווי זיינט איר יעצט
דאָס וועל איך אויפזינגען אַ פראַגמענט אויף רוסיש אויך ווי זייט איר
יעצט גדיע ווי טעפּיער דאָס איז אַלץ לידער וואָס קינד און קייט האָט
דאָס געזונגען פאַרדערפאַר אויף רוסיש און מיר האָבן דאָס פּאָפּולאַריזירט
אויף יידיש און אַ סך אַ סך יאָר זעט איר דאָך מ׳האָט אַזוי פיל געזונגען

מר(המשך) אויף ייִדיש אַז איך האָב די אָריגינאַל וואָס איך האָב געזונגען
אויף רוסיש פֿריִער דורך מײַן געזאַנג אויף רוסיש האָט ער דאָך איבערזעצט
אויף ייִדיש האָב איך זייער אָפּט בײַם געזאַנג דעם רוסישן אויפֿגעגעבן
און פֿאַרגע.ן די ווערטער ווײַל איר ווייסט דאָך מ׳קען נישט אַזוי פֿיל
געדענקען איז געדענק איך אײַך אַ ביסל די מער פּאָפּולערע און די
זײַ..יקע געדענק איך שוין נישט אויף רוסיש ווו· זײַט איר יעצט גדיע
ווו· טעפּיער (זינגט)

ווו. זײַט איר יעצט און ווו· איז דער כינעזער
ווו. איזאַ מאָל געוועזן אײַער פֿרײַנד
מיר שײַנט דערנאָך איר האָט געליבט אַ פּאָרטוגעזער
און ווער קושט אײַ די צאַרטע פֿינגער הײַנט

(זינגט רוסיש)

פֿאַרשטייט דאָס געדענק איך אַ ביסע ע

דאָס לעצטע מאָל איך קען זיך נישט דערמאָנען
פֿון (אַלטאַגוו) זײַט איר פֿאַרשוונדן גלײַך
געמאָלט האָט זיך מיר אַז ערגעץ אין בריטאַנען
אַ ברויִער נעגער קושט אין די ליפּן אײַך

(זינגט) רוסיש)

דאָס געדענק איך שוין אויך נישט אויף רוסיש איר זעט ווי דאָס גייט
עס גייט אַזוי אויף ייִדיש האָב איך אָריגינאַל און אויף רוסיש אָבער
אויף רוסיש קענט איר דאָס שטענדיק געפֿינען ווײַל דאָס זײַנען
זייער פּאָפּולערע לידער און ס׳איז נאָר אײַך געזאָגט געוואָרן ווו· איז דאָס
גענומען געוואָרן פֿון וואַנען און דער אָריגינאַל פֿון ווירצינסקי
איך האָב געהערט אַז אַפֿילו אין רוסלאַנד האָבן זיי זיך איצט צוריק-
געקערט זיי האָבן זיך פֿאַרבענקט נאָך אים האָבן זיי אים איצט מחיה-מתים
געווען און עס איז שוין ווידער פּאָפּולער און מ׳זינגט שוין ווידער
ווירצינסקין אַזוי אַז אַפֿילו איך האָב אַז איך גיכן וועט אין רוסלאַנד
אַרויסגיין דער דאָזיקער אָריגינאַל וואָס איך גיב אײַך איצט אויף אין
ייִדיש וועט איר האָבן אַלע זײַנע לידער ווירצינסקי אָבער דאָס איז
געווען אַזעלכענע שלאַגערס ווירטינסקי אַז פֿלעגט ק.מען אין ווילנע

מר(המשך) פֿלעגן מענטשן סטודענטן און יוגנטלעכע אָפּזאָגן זיך פֿון
זייער מיטאָג פֿון זייער עסן אַ טאָג מ'פֿלעגט פֿאַרקויפֿן בילעטן און
מ'פֿלעגט לויפֿן אויף דער גאַלאָרקע צו הערן אַ וואָרט פֿון ווירצינסקין
איר ווייסט ניט ער האָט פּשוט פֿאַרגאַפֿט ער האָט פֿאַרכישופֿט די יוגנט
אין יענע צײַטן דאָס איז געווען אַזוינס און אַזעלכעס דאָס איז באמת
שווער פֿאַרשטייט זיך די רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט אָפּגעלאַכט ווײַלע
ווי קומען מיר צו אַזעלכענע זאַכן מיר דאַרפֿן דאָך זינגען רעוואָלוציאָנערע
לידער און ווייסט דאָך אַזעלכע לידער אַקטועלע וואָס איז דאַן געשאַפֿן
געוואָרן אין אונדזער גײַסט און אין אונדזער גלויבן אין אונדזער
לעבנסוועג אָבער מ'האָט געדאַרפֿט אַ ביסל אָפּרוישן איר ווייסט דאָך מיט
לײַכטזיניקייט איז דאָס איז געווען שוין די לײַכטזיניקייט אַז מיר
האָבן זיך געוועלט אַ ביסעלע פֿאַרגעסן און נעמען אַ לײַכטערן טאָן
פֿלעגן מיר זיך פֿאַרשיכורן מיט ווירצינסקיס אַ ליד איז 'אָטשע
טשאָרנעיע' הײַנט זינגט מען דאָך אויך פֿון אָטשע טשאָרנעיע (זינגט רוסיש)
און דאָס איז אויף יידיש (זינגט)

אויגן שוואַרץ ווי נאַכט
אויגן קיילן צוויי
אויגן רײַצנדע
פֿײַער פֿלײַצינע
וואָס עַרעגט איר מיר
וואָס שרעקט איר מיר
אין מײַן זעל וואָס צינט
אײַער פֿײַערבליק
כ'בין פֿאַרליבט אין זיי
אין די אויגן צוויי
וואָס פֿאַרפֿאָלגן מיר
און וואָס צעריבערן
און אַוועקגערויבט
מײַן מנוחה רו
אין (אַוועקגערויבט)
מײַן מנוחה רו

מר(זינגט המשך)

אויגן קיילן צוויי
אויגן שוואַרץ ווי נאַכט
וואָס מײַן האַרץ געמאַכט
האָט איר קומערפֿול
כ׳וואָלט ניט טרעפֿן אײַך
כ׳וואָלט ניט קענען אײַך
כ׳וואָלט מײַן לעבן זײַן (2)
זאָרג און קרומער בלאָז

(זינגט רוסיש)

איר ווײַסט דאָך דאָס הערט איר אומעטום אויף יעדן טריט און שריט אָבער דאָן פֿאַרשטייט איר מיר אין יענע צײַטן ווען מ׳האָט געזינגען איך זאָג אײַך נאָך אַ מאָל געזינדיקט ווײַלע אינטעלעקטועלע בחורים מיט מיידלעך זאָלן זיך אָפּגעקערט פֿון די לידער דאָס האָט מען ניט געדאַרפֿט זינגען ווײַל ס׳האָט ניט געהערט שוין צום גוטן טאָן איז גלײַכצײַטיק אָבער צו באַווײַזן אַז מיר האָבן נאָך נײַע לידער און מיר לעבן אין נײַע צײַטן און מיר גייען נאָך די נײַע שטרעמונגען האָבן מיר געזונגען אַ וווּנדערלעך רוטיש ליד וואָס איז געקומען פֿון רוסלאַנד דאַמאָלס און דאָס איז געווען אויך אַ זייער שיין ליד און אַ פּאָפּולער ליד אויך רוסיש <סאָליאַווי סאַלאַוושקאַ> דאָס איז געקומען דאַן פֿון רוסלאַנד (זינגט רוסיש)

דאָס איז גלײַכצײַטיק (אַרי) פֿאַרשטייט איך האָב דאָס פֿאַרשריבן איר זאָלט זען איך האָב מסתּמא נאַרוויגעזען איך בין געווען מסתּמא דען אַ ווײַט־זעערין אַז איך האָב געדענקט אין יענע צײַטן צו פֿאַרשרײַבן פֿאַראַלעל זײַט בײַ זײַט די לידער וואָס מיר זינגען און די אָפּגעלעבטע לידער וואָס מיר קערן זיך אום צו דעם דורך דעם וואָס מיר זינגען דאָס אויף ייִדיש ווײַל איר פֿאַרשטייט אויף רוסיש האָבן מיר דאָס שוין אויפֿגעהערט צו זינגען דאָס איז שוין געווען אָפּגעלעבט פֿאַר אונדז ווײַלע מירהאָבן געהאַלטן אַז דאָס האָבן געזונגען אונדזערע שוועסטערס ניט די מאַמעס נאָר די שוועסטערס און מיר דער יונגער דור וואָס איז אַ דור ווײַטער מיר דאַרפֿן שוין זינגען אונדזערע לידער אָבער אַזוי ווי סטאָצקי האָט עס איבערזעצט אין ייִדיש און די שוועסטערס האָבן נאָך אַלץ געווען זײַ

90



מר (המשך) זיי זענען געווען אין די דרייסיקער און פערציקער יארן מיר זיינען געווען אין 14-15-16 יאר און 17-18 יאר האבן מיר אויפגעלעבט די אלטע לידער פאר אונדז איז דאס שוין געווען אלטע לידער האבן מיר זיי אויפגעלעבט אין יידיש און איינע פון די אויפגעלעבטע לידער וואס איך האב געהאלטן אז איך וועל זיך א מאל צו זיי אומקערן און יעצט קער איך זיך צו דעם לידער אום און זינג דאס נישט איין מאל פון זיך אליין פון הארצן ארויס ווייל דאס איז אייגנטלעך די אטמאספער פון מיין היינטיקן זיין אוקאנינא (זינגט רוסיש) זינגט יידיש

ביי דעם רויטלעכן שיין פון דעם אלטן קאמין
זיצט א איינזאם מיט טרויע געדאנקען
און פון בענקשאפט און פיין ציט דיין בליק דיך אהין
ווי די פייערלעך גליען און צאנקען

דו דערמאנסט זיך די צייט וואס אוועק איז שוין ווייט
אך די יורן די זונינקע העלע
ווען געשטראלט האט דיין בליק פול מיט האפנונג און גליק
און געפלאמט האט פון ליבע דיין זעלע

פארשטייט מ'טאר נישט מ'זאגט ביי אונדז אויף רוסיש פלעגט מען זאגן (זאגט) שפיי נישט אין ברונים ווייל פון דעם זעלבן ברונים וועסט נאך מוזן טרינקען דיין וואסער איז מיר האבן פראבירט נישט מיר נאר איך אוודאי נישט אבער אונדזער דור האט פראבירט צו שפייען אין דעם ברונעם פון דעם קאמין עס איז שוין געווען איר ווייסט דאך סענטימענטאלע צעפלאסענע לידער פאלא נעגרי האט געזונגען ביי דעם קאמינער איר ווייסט דאך אין די שטומע פילמען אבער ס'קומט א צייט מ'קומט צוריק מ'גייט דאך שטענדיק צוריק איר ווייסט דאך א שריט פארויס און צוויי שריט צוריק און אז מ'קומט די צווייטע שריט צוריק קוקט מען צוריק צום קאמין און דאס איז יעצט די אקטועלסטע ליד פון מיין לעבן דאס און נאך א ראמאנס א רוסישע וואס דער סטאצקי האט זייער ליב געהאט ווען איך פלעג דאס זינגען האט ער דאס מיר איבערזעצט אויף יידיש איך וועל נאר א שטיקל אויפזינגען אויף רוסיש און דערנאך וועל איך אויפזינגען אויף יידיש זייער שיין ראמאנס דאס ליד האט געהייסן ניע גאווארימע מניע (נא אך) נישט דערציילט מיר וועגן אים (זינגט רוסיש)

Paula Negri

מר(זינגט יידיש)

ניין ניט דערציילט מיר וועגן איב
בארויקט האט מער מיר מיין בטחון
עך ער נאר ער שולדיק איז דערין
וואס איז מיין ארינג הארץ צעריכן

ניין אך נישט דערציילט מיר וועגן איב (2)

דאס איז שיין שולט וואס איך בין טריפ
וואס כ'האב מיין גליקן שוין פארלארן
וואס כ'האב (בודייך) צוליב
געלאזן גיין די בעסטע יארן
ניין אך נישט דערציילט מיר וועגן אים (2)

כ'וויל איבן געבן דעם אריגינאל אז איר וועט וועלן (רוסיש) אך פאר וואס האב איך ליב אזוי ווילד (זינגט)

אך פאר וואס האב איך ליב אזוי ווילד
כ'קען עס זעלבסט זיך אליין נישט דערקלערן
מיינע נשמה פארסמט האט דיין בילד
ווען איך זע דיר דאן שטיקן מיר טרערן

כ'האב דיך ליב אן א שיעור
כ'קען נישט לעבן אן דיר
מוזט געהערן נאר צו מיר
ווייל כ'האב ליב דיר אן א שיעור

עס וועט קומען א צייט –

נא יעצט וועל איך איין זאגן אויף (ברומט,רוסיש) איך האב אזוי פיל דאס געזונגען אין יידיש אז די רוסישע ווערטער זענען צעפלאסן געווארן אינטערעסאנט (זינגט צווייטע סטראפע) זעט איר כ'האב געליבט מסתמא אויף יידיש ווייל די רוסישע לידער האב איך פארגעסן דאס ליבעליד אויף רוסיש האב איך פארגעסן זינגען צ פולע ליד די גאלדענע קינדהייט וואס איז זייער א שיין ליד וואס אין ביינקע צודאווונע איר ווילט הערן?(איבעררייס)–

(סוף ז' 2)

(92) MFS Ruskus XIV

[illegible]



V

(מנחם סטאַניסלאַווסקי מאַמע ראָטקעס V1X MR 96–72 זײַט 1)

#6

מר איר ווייכט כ׳האָב אײַך דעם צײַלט מנחם אַז דאָס ליד האָט מיך באמת געראַטעוועט אין פֿאַרשידענע שווערסטע מאָמענטן פֿון מײַן לעבן אָבער איינע פֿון מײַנע שווערסטע נסיונות איז געווען די אָפּעראַציע אין 30סטן יאָר איך האָב געהאַט אַ טרעפּאַנאַציע פֿון מײַן אויער אין וואַרשע אונד איך בין געווען דאָן איך די לעצטע חדשים שוואַנגער מיט מײַן עלטסטן זון איז כדי איך האָב געוואָלט כדי איך זאָל קענען אויסהאַלטן די אָפּעראַציע און אַרויסגיין אַ גאַנצע בשלום האָב איך קיין אַנדער תּפֿילה נישט געהאַט ווי די תּפֿילה פֿון מײַן ליד כ׳האָב געבעטן מײַן אַרום מײַן מאַן מיט מײַן שוואָגער שוועגערין וואָס זײַנען געווען בײַ מײַן אָפּעראַציע זיי האָבן מיטגעלעבט מיטגעמאַכט מיט מיר אַלע מײַנע שווערסטע שעהן פֿון לעבן אַז זייזאָלן מיטזינגען מיט מיר מײַן געבעט און דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט ווילנע מיטקאָג פֿון מײַן אַוועקפֿאָרן ווען אַלע מײַנע נאָענסטע חבֿרים זענען געקומען צום באַן מיר באַגלייטן אויף מײַן נײַעם לעבנסוועג אונד כאָטש ס׳איז געווען פֿילן און כאָטש מ׳האָט אונדז פֿאַרפֿאָלגט און כאָטש מ׳האָט אונדז נישט ליב געהאַט איז דאָס ייִדישע ליד געקלונגען אויף די גאַסן און אַפֿילו אויפֿן וואָגזאַל ווו מענטשן האָבן נישט מורא געהאַט צו זינגען אַ ייִדיש ליד בקול־רם און מיט דעם זענען מיר אָפּגעפֿאָרן פֿון ווילנע אין פֿעברואַר 14 פֿעברואַר 1930 דאָס ליד האָט אַזוי געקלונגען און אַזוי אונדז באַגלייט (זינגט)

#6

אַ וואָס טויג דער זאָרגן דער טרויס פֿון מאָרגן
אַז עס שײַנט פֿאַר אונדז דער הײַנט
מיט מאָרגן שטראַלן עס רײַסן קוואַלן
פֿון ליבעס פֿאַלן די רעד פֿון פֿרײַנד

טעג און נעכט עס פֿליִען עס בלוטן בליִען
און עס צאַפּלט נאָך דאָס ליד
עס פֿליט אונדז פֿלאַטערט נים ווערט פֿאַרמאַטערט
און זאָרגן טרעט אויגן בליק

מר(זינגט המשך)

ניט זאָרג זיך ברידער און שוועסטער פֿאַר איינזאַם
נישט זאָרג זיך מיר בענקען אַלע געמיינזאַם
ניט זאָרגט זיך ברידער און שוועסטער פֿאַר איינזאם
זאָרגט נישט און בענקט נישט און טראַכט נישט אומזיסט

דאָס איז אַ ליד וואָס איז געזונגען געוואָרן פֿון אַרט געמאַכט דאָס ליד האָט משה בראָדערזאָן און אַ סך איך ווילט האָבן מיר דאָס נישט געהערט זינגען פֿון דער בינע אָבער ווי איך האָב איך שוין געזאָגט מיר האָבן די בינע אַראָגעטראָגן אין אונדזער טאָג-טעגלעכן לעבן און דערנאָך האָבן מיר קיין מאָל נישט געוואוסט צו מיר קאָפּיון דעם אָרט צו אַרט זאָגידט אונדז ווילע אַזוי איז דאָס אַרײַנגעקראָכן אין אונדזער טאָג-טעגלעכן זײַן און דאָס איז געווען די תּפֿילה מיט וועלכער איך בין געגאַנגען צו דער אָפּעראַציע און מיט דער תּפֿילה האָב איך טאַקע געווונען מײַן לעבן און איך זיץ דאָ נאָר איבן און בסתמא איז באַשטעט געווען איך זאָל נאָך דאָס פֿאַר אײַך אויפֿזינגען כאָטש ביס אַ דריטל שטיקע אַ פֿערטל שטימע אַבי איר האָט מיר פֿאַרשטאַנען דאָס איז שוין נישט וויכטיק (איבעררייס) נו אַזוי ווי מיר זענען פֿול מיט נאָסטאַלגיע און איר זײַט אָנגעשטעקט פֿון מײַן שטימונג וועל איך אײַך אויפֿזינגען אַ ליד וואָס איז טאַקע איבערזעצט געוואָרן דורך דעם באַגאַבטן טאַלענטירטן לייב סטאָצקי אונד ער האָט עס איבערזעצט דאָס ליד פֿון(בײַקע צודאָוונע)בײַקע צודאוונע האָבן זיי געהייסן מיר האָבן דאָס געזונגען אין די יאָרן צווישן 24-25 (זינגט)

גאָלדענע קינדהייט דערמאָנט מיר אַצינדער
יאָרן פֿאַרלאָפֿענע גאָר אָן אַ שיעור
מעשׂיות פֿון וווּנדער און מעשׂיות פֿון צויבער
פֿלעגט מיר מײַן באָבעשי דערציילן אָן אַ שיעור

פֿון פֿאַרכישופֿטע מלכות פֿון פֿאַרצויבערטע פּרינצן
פֿון ווײַטע לענדער גאָר אָן אַ שיעור
און אַז זי האָט אָנטשוויגן געוויינט האָב איך ווידער
איך האָב זי געבעטן אַ באָבעניו דערצייל

געפֿינען אין
„[illegible]" [illegible]
[illegible] דעם „פּרילינג"
דעם [illegible] 21, 1925 יאָר
אין מיט [illegible]
[illegible]
מיט די [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] מיט
[illegible]...
[illegible]
[illegible]

מר(זינגט המשך)

דערצייל מיר ביז איך וועל אַ מידע
שטיל אין דייַן שויס אייַנדרעמלען
ביז איך וועל אָוועקפֿליִען ווידער
אין די פֿאַרכישופֿטע פֿאַרצויבערטע הימלען

דערצייל מיר די מעשׂה פֿון וווּנדער
פֿלעכט מיר די ריטער די שטערן
דערצייל מיר דייַן צויבער-לעגענדע
כ'האָב ליב די לעגענדע ביז טרערן (2)

אַ מאָל אויך מייַנע טרוימען ווערן איבערגעריסן
דורך אַ (מייַן) פֿון צויבער און גאָלדענע שיינהייט
זי גייט מיר חנוודיק וויל צו באַגריסן
און שעפּטשעט מיר ווערטער פֿון ליבע און פֿרייַהייט

אַז קיין מאָל וועט זי פֿאַרגעסן מיר נישט קיין מאָל
אין צייַטן פֿון צרות און צייַטן פֿון גליק
אַז נאָר מיר וועטסטו ליבן אייביק און איין מאָל
און אין אַ באַרויִקטער צום האַרצן זי דריק

אָ זאָג מיר מייַן גאָלדענע שיינהייט
דערצייל מיר דייַן צויבער-לעגענדע
שווער אַז דייַן ליבע דייַן טרייַהייט
וועט קיין מאָל נישט נעמען קיין ענדע

אַז נאָר מיר וועטסטו אייביק געדענקען
אייביק און שטענדיק איר טרייַ זייַן
אַז נאָך מיר וועסטו גאָרן און בענקען
כ'האָב ליב די לעגענדע ביז טרערן (2)

דאָס ליד אַ מאָל וואָלט איך געזונגען נאָר געוויסע מאָמענטן און געוויסע צייַטן פֿאַר געוויסע מענטשן און היינט אַז איך האָב גאָרנישט וואָס צו פֿאַרלירן מייַן שטימע איז קיין שטימע נישט און מייַן אויספֿירונג איז קיין אויספֿירונג נישט און איר זייַט אַ גאָלדענער בחור נו וויל איך אייַך דאָס איבערגעבן כּדי איר זאָלט געדענקען די לידער וואָס מ'האָט געזונגען אין 1924 דאָס איז געווען זייער אַ באַדייַטיקע צודאָוונע

מט וועט פֿלעגט איר עס זינגען

מר איך פֿלעג זינגען פֿאַר נאָר אויסדערוויילטע (לאַכט) פֿאַר אויסדערוויילטע
האָב איך דאָס געזונגען ווײַל דאָס איז געווען אַ ליד וואָס מ'האָט
געקענט נאָר זינגען אין וואַלד ווײַל זייער שטימונגספֿולע צײַטן
בײַ זייער גרויסע און טיפֿע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען פֿון ראָזענבלאַט
דאָס איז נישט וויכטיק „דאָניאַ דאָניאַ" ווײַלע דאס האָב איך געהערט זינגען
פֿון סאָניאַ ליזעראָן זי האָט עס זייער גוט איבער- געזונגען און דאָס
איז געווען אײן איינע פֿון אונדזערע לידער איז בין איך אַזוי נתפּעל
געוואָרן ווײַל זי האָט דאָס געזונגען האָב איך געבעטן אַז זי זאָל מיר
דאָס אַרײַנשרײַבן, ווײַל איך האָב געקענט די ווערטער דאָס איז דאָס
ליד דאָניאַ דאָניאַ זי האָט עס דאָ געזונגען אין מאַנטרעאָל (זינגט)

דאַן האָט צוויי פּאַהלען שוואַרצע
דאָניאַ צוויי גאָלדענע צעפּ
דאַן איז דער עברי פֿון שטעטל
דאָניאַ די מלכה פֿון סטעפּ

דאַן גייט בײַגינען אין קלײַזל
די אויגן פֿאַרמאַטערט פֿון שלאָף
דאָניאַ נייט זון אויף די ברעמען
אין טשעט טרײַבט אַרויס אירע שאָף

דאַן געגנט אין די פּאַסטוכטקע
און לאָזט שטיל די אויגן אַראָפּ
דאָניאַ פֿאַרדייטש סוט אַ שמייכל
און לאָזט שטיל אַרונטער דעם קאָפּ

דאַן האָט צוויי פּאַהלען שוואַרצע
דאָניאַ צוויי גאָלדענע צעפּ
דאַן איז דער עילוי פֿון שטעטל
דאָניאַ די מלכה פֿון סטעפּ

כ'זינגט דאָס נישט כ'בין נישט קיין אַרטיסטקע אָבער דאָס איז געווען
מײַן ליד און כ'האָב איר געבעטן זי זאָל מיר פֿאַרשרײַבן האָט זי מיר
דאָ אין ביכעלע אין ספֿר הזהב דאָס איז מײַן ספֿר הזהב ווו איך האָב
פֿאַרשריבן מײַנע באַליבטסטע לידער אין די לידער אין וועלכע כ'האָב
געגלייבט און לידער וועלכע האָבן אינספּירירט באַגײַסטער אונד באמה

מר(המשך) אנגערעגט מיין דור און איינער פון די לידער וואס כ'פלעג ליב האבן צו זינגען אז איך בין געווען זייער א ביסעלע ווילינגעריש געשטימט איר פארשטייט נישט פאר אלעמען האב איך דאס געזונגען ווייל איך האב אייך דערציילט מיין דערציונג האט מיר נישט דערלאזן אז איך זאל אלע לידער זינגען פאר אלע קריבן איז פלעג איך האב באשטימטע לידער פאר באשטימטע סיטואציעס און פאר באשטימטע סביבות און פאר באשטימטע שטימונגען ווייל אלץ איז געווען א ליד ווייל איר ווייסט דאך (זינגט) דאס ליד איז איר לעבן/ משה בייסט ייך/ זאל זי דאך זינגען / אונדז א לחיים / אזוי איז דאס געווען און איינע פון די לידער וואס איך האב געפילט אז דאס איז מיין וויל-יינגערישקייט איך האב זיך אויסגעדריקט מיין ווילינגערישקייט איז געווען, אמר רבי שמעלקע אט א ווילינקאלע אייך מקרענט אכ. אבוי (איבערדייטש) ווען איך בין שוין געווען זייער ווילינגעריש געשטימט פאר מיין ברה פלעג איך ליב האבן צו זינגען, דאס ליד אמר רבי (זינגט)

א פיינער יונגערמאנטשיק וואס זיצט נאר היינט.
ער לערנט אין א קאנעדין און ביז ער ווייסט
ער לערנט דעם ... ער לערנט דעם גביטע
ער מוז צו דער זאך און ווערט א דייטש

ווייל אמר ראבינו אלט איז שוין אלט
רבינו נייע דארפט מען געוואלט
נאר מאדערן לערנט מען דעם פשט
ווייל מאדערן הייסט דאך בלאט

דאס דזשיפעצע פארשניטן איין כאצל מיט
באקומט ער נישט זייטן לויטן ניבעק שניט
ער מאכט א כוס שטודירט זיך פענץ
און ווער ניט דאס און ווערט ניט יאנץ

ווייל אמר ראבינע אלט איז שוין אלט
רביינו נייע גיט אונדז געוואלט
ווייל מאדערן לערנט מען דעם פשט

כ'האב פארגעסן דאס דעם רעפרען אוי געוואלד מאכט דאס צו (איבערדייטש)
ווייל מאדערן הייסט דאך בלאט

(97)



מר (זינגט המשך)

שוין מער נישט אישעל יאַנקל נאָר איגנאַץ יאַן
(אויפֿגעקיט) האַקל פאַקל פֿלעקל אַ דזשענטלמאַן
ער ווייסט דעם טעם פֿון גוטס און שלעכטס
אַז מ'איז נישט סם דאָס טריף געקעכטס

רעפֿריין

איך ווייסט דאָך אַז אָז לידער איז דאָך נישט קיין לעבן אַזוי דאָס איז ביי מיר אַזוי ווי לופט ווייל מ'פֿלעג זינגען אַ מאָל (זינגט רוסיש) RUSSIAN איז פֿאַר דערמאַר וועל איך אייך דערציילן וואָס אויף אַ באַל אַ סטודענטישן באַל אין אוניווערסיטעט אין יאָר 27 28 האָבן געזונגען מיר האָבן געזונגען, איך האָב אַרויסגעטראָגן מיט דעם ליד פֿריי באַאַרבעט נישט באַאַרבעט מיר האָבן געמאַכט דאָס ליד צוזאַמען און ער האָט דאָס אַלץ האָט געשריבן די גראַמען ד"ר אַלק דער נדר אַ נדר אַ מאָל איז געווען אַזאַ ליד (זינגט)

אַ נדר אַ נדר מען טאָר נישט דערציילן פֿון חדר
אַ נדר אַ נדר מען טאָר נישט דערציילן פֿונעם חדר

האָב איך געכאַפּט דאָס ליד דעם רעפֿריין און פֿון דעם ליד האָט מען געמאַכט אַזאַ מין ליד (זינגט)

איז געקומען אַ שיין מיידל אויפֿן סטודענטנבאַל
האָט געמאַכט זיך דאָרט באַקענען מיט סטודענטן
איז אַריין זי אַ פֿאַרציטערטע אין זאַל
און באַטראַכט דאָרט אַלע אינטעליגענטן

וועגן ניבעט גליק האָט זי נאָר געטראַכט
געטראַכט וועגן דעם כּסדר
אָבער צו וואָס דער גורל האָט איר געבראַכט
טאָר מען נישט דערציילן פֿונעם חדר

אַ נדר אַ נדר מען טאָר נישט דערציילן פֿון דעם חדר (2)

מר(זינגט המשך)

און גאָט האָט איר מאַקע געהאָלפֿן
פֿאַרבראַכט האָט זי גור אין רעסטאָראַנט
אָט אַ שמייכל זי שוין פֿריילעך געאָרימט
זי האָט זיך מיט אַ סטודענטל באַקאַנט

געטאַנצט און געוואָלט זיך האָט זי אָן אַ ביעזר
געלאַכט צו, אין כּסדר
געשמועסט האָט ער איר דאָרטן עפּעס שטיל
אָבער וואָס מען דערציילט נישט פֿון דעם חדר

אַ נדר אַ נדר מען טאָר נישט דערציילן פֿון דעם חדר (2)

דער באַל האָט זיך אַזוי שנעל געענדיקט
די סטודענטלעך זיי אײַלן זיך אַהיים
אָט אָ שטייט אַ דעם ווינקל אונדזער מיידל
און זי שמועסט מיט איר בחור שטיל געהיים

זאָגט מיר ענטשולדיקט אויף וועלכן זײַט איר קורס
ער שווײַגט און זי פֿרעגט כּסדר
דערוויסט זיך אַז ער איז גאָרנישט קיין סטודענט
אוי ווי איר זאָגט מען דערציילט נישט פֿון קיין חדר
עס זאָל נישט [illegible] פֿון [illegible]

אַ נדר אַנדר מען טאָר נישט דערציילן פֿון דעם חדר

פֿאַר וואָס האָב איך אײַך דאָס אויסגעזונגען צו באַווײַזן די מענטאַליטעט פֿון אונדזערע יוגנטלעכע אַ סטודענט איז געווען אַזאַ גרויסע זאַך אַזאַ גרויסע מציאה פֿאַרשטייט אַז מ'האָט חס געזוכט ניט ליכט אויף אַ באַל און טאָמער האָט מען זיך אָנגעטוישט און פֿאַרדרייט אַ קאָפּ אַז דער בחור איז נישט קיין סטודענט איז זײַנען אַלע אַקציעס זײַנען געפֿאַלן נישט וויכטיק ווײַלע מ'האָט זיך געיאָגט ווײַל ווער האָט געקענט אַרײַנקומען אין אוניווערסיטעט ווער האָט געקענט ענדיקן אין אוניווערסיטעט ווער האָט געקענט האָבן העכערע בילדונג ווער האָט געקענט דערגרייכן אַ קאַריערע ס'איז דאָך געווען געציילטע יחידי-סגולה האָבן געענדיקט און יחידי-סגולה האָבן געהאַט די פּריווילעגיע אָנגייען מיטן לעבן

מר(המשך) ווײַלע מענטשן זענען געגאַנגען אויף פֿאַרשיידענע וועגן
זיי האָבן געגאַנגען אַ יאָר צוויי אין אוניווערסיטעט דערנאָך האָט
מען פֿאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט מ׳איז דורכגעפֿאַלן די עקזאַמענס ווײַל
מ׳האָט געשניטן מ׳האָט נישט געוועלט קיין ייִדן און מ׳האָט זיך באַמיט
אַז די ייִדן זאָלן נישט זײַן דערנאָך האָט מען געגעבן בענק ספּעציעלע
מ׳האָט מיר דערציילט ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן דאַן איז דאָך געווען
אויף רעכטס און אויף לינקס מ׳האָט שוין געזעצט די ייִדן אויף לינקס
און זיי אויף רעכטס און ס׳האָט זיך געטאָן מעשׂים מ׳האָט געשלאָגן
קעפּ איר ווייסט מ׳פֿלעגן מענטשן אַנפֿאַלן איז אַזאַ סטודענטקע אַז
די פֿלעגט קומען אויף אַ סטודענטנבאַל אין אונדזערע צײַטן אין .
23סטן יאָר האָט מען אויף די בעלער ייִדישע געזונגען נאָך אַ סך ייִדישע
לידער און ס׳איז נאָך געווען פֿרײַער דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן
נו און דערנאָך גלײַכצײַטיק איר פֿאַרשטייט פֿלעגט קומען א ליד פֿון
רוסלאַנד איז כּדי מ׳זאָל פֿירן דעם חשבון אַז ס׳איז דאָ אַלץ און
ס׳האָבן בײַ אונדז איז אַלץ דאָ אָו נאַש ווסיאָ יעסט אַזוי
ווי די רוסן פֿלעגן זאָגן או נאַש ווסיאָ יעסט כּדי צו מאַכן זיך זעלבסט-
פּראָפּאַגאַנדאַ פֿלעגן מיר מאַכן שטילינקערהייט און אפֿשר אומבאַוווסטזיניק
אויך די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿאַר אונדזער ייִדיש לעבן או נאַש ווסיאָ יעסט איר
ווילט אַ רוסיש ליד אָט פֿריש געבאַקן געקומען יעצט פֿון רוסלאַנד
האָט דאָס געהייסן (ווזיאַלדאָסטאַט ווזיאַלדאָסטקאַ) האָט דאָס געהייסן (זינגט רוסיש
און דאָס איז געווען אַ דעסירט איר פֿאַרשטייט אַז מ׳האָט געוועלט אויסלערנען
אויסהערן אַ רעפּערטואַר אַ ייִדישן פֿלעגט מען געבן אויך אַ דעסערט אַ
ייִדיש ליד וואָס איז שפּאָגל נײַ געקומען פֿון רוסלאַנד און ס׳איז געווען
טאַקע דאַן די שפּאָגל-נײַע לידער ווי מ׳פֿלעגט דאָס אויפֿכאַפּן און מ׳פֿלעגט
דאָס אויפֿזינגען מ׳פֿלעגט דאָס צעלעקן און מ׳פֿלעגט דאָס צעטראָגן אויף
טעלערלעך און יעצט וועל איך אײַך אויפֿזינגען נאָך אַ פּויליש ליד
וואָס מיר האָבן זייער ליב געהאַט צו זינגען אויך זייער אַ פֿײַן ליד
וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין אונדזערע לעבן אין אונדזערע
קרײַזן איז דאָס געווען נאָמיטיי האָט דאָס ליד אַזוי געקלונגען (זינגט פּויליש
דאָס איז געווען זייער אַ שיין ליד און מיר האָבן דאָס זייער גערן
געזונגען איר ווייסט דאָך דאָס און ס׳איז געווען אויך זייער אַ שיין ליד
וואָס מיר האָבן איבערזעצט אויף ייִדיש וואָס איך האָב אײַך געזאָגט
אַז ס׳איז זייער וויכטיק קוקט ווי דאָס איז שוין צעטראָגן כּמעט
אין גאַנצן מ׳קען דאָס שוין כּמעט אין גאַנצן נישט זען איז איין מאָל

פּויליש

מר(המשך) אַז איך האָב געזען אַז ס'איז סאָלאָוויי האָב איר איך אויפגעזונגען
אמת זייער אַ שיין ליד אנה? און ניבקאַ סלעפּער איז אויך געווען אַ שיינע ?
ס'יזדקאַן דאָס איז געווען די לידער וואָס מ'פלעג אַדורכשמוגלען
און ס'זיינען געווען אַזעלכע בחורים אַוועק אונדז וואָס פלעגן פאָרן
קיין רוסלאַנד און ברענגען לידער דאָס איז נישט געווען אַזוי גלאַט אַזוי
זיך פאַרשטייט איר מיר אָ דאָס איז געווען יענע ציַיטן ס'איז געווען
אָ ס'איז געווען אַלץ אָריגינעל אַלץ ניט קיין קאָמפּלאַזשן האָבן מיר נישט
אָנערקענט קיין פאַלשקייט איז נישט געווען אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן
איז דאָס געווען 100% דורכגעלעבט דורכגעפילט און דורכגעלעבט ..
דורך מיין בעסטער חברטע ריוועלע וואָס זי האָט עס מיר געגעבן דאָס
ליד האָב איך דאָס אויפגעשריבן אַפילו אַז דאָס אַס מיר מיין הבר ע
געגעבן דאָס ליד און דאָס הייסט "ווייַן נישט ~~שורך~~ ס'איז אומזיסט" וואָס
ס'איז געווען אַ ראָמאַנס וואָס איך בין געקומען אין ביאַליסטאָק אַלס
אַ כלה און איך בין געזעסן אין אַ קרייז פון מיין יונגערע חברים און
פריינד אונד איך האָב געוויילט דעם עולם און איך האָב אויפגעזונגען
דאָס ליד אויף פויליש אויף רוסיש איז דאָס געווען נייע פלאַטש .. כ'געדענק
נישט ווי דאָס איז געווען יעדנפאַלס אויף רוסיש דעם ראָמאַנס געדענק איך נישט
נאָר דעם ראָמאַנס האָט איבערגעזעצט נחום גאָלדמאַן פון ביאַליסטאָק און ער
איז יעצט אין רוסלאַנד און מיר דאַכט זיך אַז ער לעבט נאָך זייער אַן
אַלטער מענטש ער איז אַוועקגעגאַנגען אין רוסלאַנד ער איז געבליבן לעבן
און ער האָט זיך געראַטעוועט און ער שקייבט לידער ער איז דאַכט זיך דאָרטן
אַ פּאָעט ער איז דאַכט זיך ער איז אַן אָנערקענטער פּאָעט ביי יידן איז
ער האָט עס איבערזעצט ווייַן נישט ס'איז אומזיסט (זינגט)

ווייַן נישט ס'איז אומזיסט אַ יעדע טרער וואָס דו פאַרגיסט
די ליבע צאַרטלט שוין נישט זיס
געבליבן איז נישט מער ווי תאווה

ווייַן נישט ס'איז באַשערט
פאַרגייען זאָל אַלץ (אויף דויף) דער ערד
חלומות שענסטע גאָר נישט ווערט
און טרערן העלפן דאָ נישט סיי ווי

מיר שמועסן
ליצט... פון
רוסלאַנד!

מר(זינגט המשך)

טאָ הויב זשע אויף דעם ווייַן
וואָס ליבע וואָס איז שוין נישטאָ פֿאַר ליבע וואָס איז שוין נישטאָ
גלויב און רעד נישט אייַן
אַז גליק איז ערגעץ דאָ

ווייל נישט ס'איז אומזיסט
דייַן יעדער טרער וואָס דו פֿאַרגיסט
די ליבע צערטלט שוין ניט זיס
געבליבן איז נישט מער ווי תאווה

פֿאַרבענקטע זיצן מיר איך ווינקל
איך און דו די בלויע אויגן דייַנע בלאָנדזשען ערגעצוו
די בליקן פֿול מיט טענות פֿול מיט טרערן גלאַנץ
נאָך נעכטן האָסט אַזוי געשטיפֿט געטאַנצט

נו זייַ נישט טרויעריק און זייַ נישט אַזוי בייז
איך וויל די טרערן כ'פֿיל זיי בולט הייס
און גלויב מיר מייַנע איך בלייב דיר טרייַ
כאָטש ס'איז מייַנע ליבע שוין פֿאַרבייַ

(רעפֿריין פֿון סטראָפֿע 1 און 2)

יע ס'איז אַ שיין ליד און כ'האָב געוואָלט טאַקע אייַן דאָס X
איך האָב אַזיך ג[illegible] אי ערגעבן ווייַלע עס איז אַ שיין ליד
איך ס'ייזדאָ איך ערגעץ נישטאָ און ווייַן נישט ס'איז אומזיסט אַן אייביקע
ליד מ'דאַרף הייַנט אויך נישט וויינען איך האָב אייַך אַ מאָל איך האָב
אייַך דערציילט יענע מאָל מנחם אַז ס'איז געווען אַ סך יידישע לידער
אויך נישט קיין יידישע ניגונים און מיר נישט קיין יידיקן אינהאַלט
אָבער דאָך האָבן מיר ס' געזונגען און מיר האָבן עס געזונגען מיט
געשמאַק ווייַלע ווייַטער דאָך ס'איז צו נוץ געקומען אָט האָבן מיר
געזונגען דאָס ליד אַזוי אויף חתונות פֿלעגן מיר דאָס זינגען (זינגט)

מר (זינגט)

אין אַ נאָענטן דאָרף פֿריילעך איז אַצינד
אַ חתונה איז הײַנט ביי יאַניקנס אַ קינד
טראַ לאַ לאַ אַז"וו
שורה 2

אויף דעם ברייטן טיש שטייט דער רויטער ווײַן
און יאַנעק דער מחותּן גיסט אין זיך אַרײַן
טראַ לאַ לאַ אַז"וו
שורה 2

פֿעם אונטן שטאָלצע [illegible]

אין אַ ווינקל [illegible] די כּלה אויסגעצירט
אין דעם חתנס שטיבל מיט זאַנגען אויסגעשמירט
טראַ לאַ אַז"וו
שורה 2

ווער עס האָט קיין [illegible] דער שטייט ביי דער וואַנט
און ווער עס האָט קיין [illegible] עסט מיר דער [illegible] (דאַנקט)
טראַ לאַ אַז"וו

אין ווײַטער זאָגן דאָס [illegible] ווייזן [illegible] מיר האָבן עס געזונגען דערנאָך איז זאָרגן געווען מיט אַ גראַמאַטיק געדענק איך נישט דאָס לעצטן פֿערז אָבער [illegible] קען איך אײַך זאָגן אַז דאָס איז געווען זייער אַ גוטע ליד אויף אַרײַנצופֿירן אין שטימונג כ'האָב אײַך געוואָלט זאָגן נאָך אַ מאָל בוועל דאָ נאָך אויסגעפֿינען איך זאָך איך געדענק כ'האָב דאָס דאָ ס'איז זייער אַ פֿײַן ליד וואָס האָט יעדער קען איך אײַך זאָגן איר פֿאַרשטייט פֿאַר וואָס איך האָב אײַך דערמאָנט דאָס ליד ווײַל ערשטנס פֿון דעם ניגון האָבן מיר גענומען די ניגונים פֿאַר אונדזערע

פֿאַראָדיעס איר געדענקט כ'האָב אײַך איבערגעזונגען אַ פּאַראָדיע דערנאָך האָט עס אַרײַנגעפֿירט אין אַ שטימונג מ'האָט שטענדיק געטראַכט אַז מ'איז אַרײַנגעקומען אין אַ געזעלשאַפֿט אַז ס'איז נישט וויכטיק דער בוכן פֿון אַ ליד נישט וויכטיק די טעמע ס'איז וויכטיק אַז אַ ליד זאָל אָנרעגן אַז ס'זאָל אַרײַנפֿירן אין אַ שטימונג איז דאָס געווען אַן איבערפֿלעכלעכע ליד איז וואָס [illegible] ס'האָט אַרײַנגעפֿירט אונדז אין אַ שטימונג איז יענע צײַטן האָט דאָס ליד אונדז זייער אַרײַנגעפֿירט און דאָס און כ'האָב אײַך געזונגען טײַנדעלע געדענקט איר אוי אוי (טײַנדעלע וואָרט אַ פּלה) איז איינער פֿון די דאָזיקע לידער וואָס האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן אָנקלאַנג ווי איך פֿאַרשטיי פּאַמעלעך

מר(המשך) זיך נישט פֿון מיר אַליין איז ניש קיין פֿאָלקסליד דאָס יז געווען א ליד וואָס איז געוואָרן די קליינקונסט-בינע 80% פֿון מײַנע לידער וואָס איך זינג אײַך דאָ דאָס זענען פֿון די קליינקונסט-בינע אָבער א פֿאַקט איז אַז מיר האָבן דאָס גענומען פֿון דער בינע אַרײַנגעטראָגן איך לעבן אַרײַן און מיר האָבן דאָס אויף אונדזער אופֿן איך אונדזער אופֿן דאָס פֿאָלקלאָר-יזירט איר פֿאַרשטייט אויף דער בינע איז דאָס געווען א נומער אַזאַ נומער און אַ נומער וואָס האָט געהאַט דערפֿאָלג און נומער וואָס האָט ניט געהאַט דערפֿאָלג מיר האָבן דאָס אַזוי פֿאָלקלאָריזירט אַז פֿאַר מיר פּערזענלעך איז די לידער פּונקט אַזוי ביישטיק ווערטפֿול ווי אויפֿן פּריפּיטשיק ברענט א פֿײַערל" ווײַזט ווער ווייסט אפֿשר מיט 100 יאָר צוריק האָט מען אויפֿן פּריפּיטשיק אויך געזונגען אויף אַ בינע ווער קען וויסן אָבער דאָס האַלט מען איז אַ פֿאָלקסליד און איך האַלט אַז מײַנע לידער זענען אויך פֿאַרפֿאָלקסטימלעכט געוואָרן איז דאָס איז דאָס ליד וואָס האָט געהייסן ווייסט דאָך<אימירטשעשעם אויף שבת>(זינגט)

אימירצאַשייט נאָך שבה וועל איך ביינן ריבין זיין
איך וועל איך דערציילן פֿון דער אײַזערנער באַן
ווי האָט ער אַ פֿײַפֿער מיט אַן אײַזערנעם כוח
פֿון אונטן גייט אַ וואַסער פֿון אויבן גייט אַ רויך

ברענענדיקע קוילן איז בײַ איב אַ מאכל
און זידיקע וואַסער איז בא עם אַ יאַיכל
רעפֿריין

רבונו-של-עולם פֿאַרקירץ אים דײַנע יאָרן
ער זאָל נישט קענען פֿאָפֿן ער זאָל נישט קענען פֿאָרן
רעפֿריין

רבונו-של-עולם ווי נעמט מען אַזאַ כוח
אַז דעם נאַטשאַ-
(דאָס זאָגט איר נישט)-

(סוף ז' 1)

1927-28

1993

(104)

hasidic atmospherics



(אָנהייב זיִיט 2)

מר(זינגט הםכך)

רבונו-של-עולם ווו נענט מען אַזאַ כוח
אַז דעם נאַטשאַלניקס סטאַצי פּאַרדרייט ער דאָר. דעם מוח
רעפּריין

און כדי ליזע ליבכטע לידער זאָלן אַריבערגיין פֿון אַ לביכטן טאָן גליַיך
אין אַ ערנסטן טאָן דער עולם פֿלעגט זיך אַוועקזעצן זייער ערנסט און
יעלט פֿלעגן מיר אָנהייבן מיטן גאַנצן כאָר (זינגט)

זאָג מיר רביניו וואָקוועט זיין אַז משיח וועט קומען
פֿלעגט דער כאָר ענטפֿערן

אַז משיח וועט קימען וועלן מיר מאַכן אַ סעודהניו

וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

דעם שור-הבור מיט לויתון (2)
דעם שורבר לויתון וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

וואָס וועלן מיר טרינקען אויף דער סעודהניו

דעם יין-המשומה (2)
דעם יין-המשומר וועלן מיר טרינקען
שור ולויתון וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

ווער וועט אונדז תורה זאָגן אויף דער סעודהניו

משה רבנו (2)
משה רבנו וועט תורה זאָגן
יין-המשומר וועלן מיר טרינקען
שור ולויתון וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

ווער וועט אונדז חכמות זאָגן אויף דער סעודהניו

שלמה המלך (2)
שלמה המלך וועט תורה זאגן
משה רבנו וועט חכמות זאָגן
יין-משומר וועלן מיר טרינקען
שור ולויתון וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

מר (זינגט המשך)

ווער וועט אונדז שפּילן אויף דער סעודהניו
דוד המלך (2)
דוד המלך וועט אונדז שפּילן

שלמה המלך וועט חכמות זאָגן

משה רבנו וועט תורה לערנען

יין-משומר וועלן מיר טרינקען

שור ולויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

ווער וועט אונדז טאַנצן אויף דער סעודהניו

מרים הנביאה (2)

מרים הנביאה וועט אונדז טאַנצן

דוד המלך וועט אונדז שפּילן

שלמה המלך וועט חכמות זאָגן

משה רבנו וועט לערנען תורה

יין-המשומר וועלן מיר טרינקען

שור ולויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו

איר פֿאַרשטייט פֿאַרגעדענקען דאָס קען, מען נאָר דאַן, ווען מ׳האָט באַליב

און ווען מ׳גליבט אין דעם מ׳גלייבט אין דאָס ליד מ׳גלייב

אין די ווערטער מ׳גלייבט אין דער סביבה מ׳גלייבט אין דעם ארום

מ׳גלייבט אַז דאָס וועט בלייבן און דאָס ליד וועט בלייבן ווייל יעדעס

מאָל אַז מ׳פֿלעגט זיצן ביי די טישן בבֿי אונדז אין שטוב מיט די קינדער

צוזאַמען איז אונדזער כאָר איז געגאַנגען/אויסערגעוויינטלעך רות פֿלעגט

שפּילן אויף אַ גיטאַרע אַלע קינדער פֿלעגן מיטזינגען און ס׳איז געווען

באמת ווי זאָל איך אייך זאָגן, איך פֿלעג פֿאַרמאַכן די אויגן כ׳האָב זיך

אַריבערגעטראָגן אַ מאָל אין ווילנע און כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז דאָ

זיצן מיינע קינדער און אַ נייער דור כ׳האָב געמיינט איך זעץ נאָך

אַלץ אויף יענע ביבעס אויף יענע שׂימחות אויף יענע סדרים טישן

און מיר פּראַווענען דעם דריטן סדר און אַזוי פּראַווענען מיר און זינגנדיק

טאַקע דאָס ליד און דערמאָנענדיק טאַקע אונדזער אייגענעם כאָר וועל

איך אייך דערמאָנען אַ ליד וואָס מיר זינגען שטענדיק אויף אונדזערע

סדרים אויך פֿון יענע ציטן וואָס פֿאַר מיר איז דאָס אַ פֿאָלקסליד און

אַלץ געגנבֿעט פֿון די דאָזיקע קליינקונסט-בינע אָבער דאָס איז שוין געשיכטע

מר(המשך) איר פֿאַרשטייט דאָס איז שוין אַ מעשׂה פֿון 40 יאָר און איך בין זיכער אַז די דאָזיקע אַרטיסטן איר זעט דאָס איז מאַרגינאַ ראַפּעל און זי האָט מיר זייער אינספּירירט אין דעם געזאַנג ווײַל זי האָט זייער שיין אויסגעפֿירט די אַלע לידער אויף דער בינע געווען אַ שיינע עלעגאַנטע פֿרוי מיט זייער אַ גרויסן טאַלאַנט זי האָט מיר זייער אינספּירירט און איר שוועסטער איז געווען אַ אסתּר ראַפּעל מיניאַטעק וואָס האָט זייער שיין געזונגען אַלץ און אַלץ האָט עס געהערט צו דער זעלבער באַנדע און איך האָב פֿאַר זיי פּשוט איך ווייסט געשלונגען יעדן וואָרט און יעדן ליד און איך האָב דאָס צעצוקערט און איך האָב דאָס צעטראָגן אויף טעלערלעך גאַנץ פּשוט איז אײנער פֿון די לידער איז דער שנײַדערל (זינגט)

בין איך מיר אַ שנײַדערל סי גיט סי גיט!
ניי איך מיר גאַנץ רויק און באַריט באַריט
מיטן שער און מיטן נאָדל לעב איך מיר בכבוד-גדול
יאַם באַ באַם באַז"וו

PAUSE

בין איך מיר אַ שנײַדערל אַ ייד אַ גיטער!
ניי איך פֿאַר דעם רבין אַ פֿיטער
כ'נעם ארויס די גאַנצע וואַטע לייג אַרײַן אַן אַלטע שמאַטע
איז איני יאַם באַ באַם באַז"וו

קומט צו מיר אַ דינסטעלע פֿון דאַנציג, דאַנציג!
באַשטעלט ער בײַ מיר פֿאַר אַן אַנציג אַנציג!
(מכירה) האָט אַ שטרײַפֿל מיט אַ קעסטל
גנבֿע איך אַראָפּ פֿאַר זיך אַ וועסטל
יאַם באַ באַם באַז"וו

פֿון מײַנע געזעלן האָב איך גרויסע צרות, צרה?
אײַער אַרבעט טויג אויף כּפּרות, כּפּרות?
די אַרבעט אײַערע טייג אין דר'ערד
און עסן עסט איר ווי מאָנטרעאָלער פֿערד
אַ שטרײַק! אַ שטרײַק!
יאַ- באַ באַם באַז"וו

מר קען געבן אַ שטימונג אַזאַ ליד האָ? און אַלע פרעגן און אַ מאַכן אַ שטרייק
אָט האָט איר די גאַנצע פּאַנאָראַמע ווייסט איר נישט אַז דאָס איז די „באַנדע"
ווייסט איר נישט אַז דאָס איז אַרדס" איר ווייס אַז ביי מיר איז שטוב זענט איר
געווען איר האָט פאַרבראַכט אַ אָוונט או. איר האָט זיך אויסגעלעבט אין אונדזער
גיבסט איז איך וויל אייך אויפזינגען דאָס האָב איך. דייער ליב געהאַט
דאָס ליד כדי אייך געבן דאָס גאַנצ. בילד פון אונדזער געשמאַק און פון
אונדזער פּראָגראַם אַז מיר האָבן פון אַלצדינג אַרויסגענומען איינעם אָדער
בוויי פּאָרטרעטן איז איינע פון די פּאָרטרעטן געווען אַ יידישע קעכין
או איך האָב דאָס דייער „אַ קעכין פון לוטאָמיר" און דאָס איז דייער
אַ שיינע ליד וועל איך אייך אויפזינגען (זינגט)

אַזוי ווי ס'איז ביטער צו דינען ביי יענעמען
אַזוי איז דאָס ביטער און שאַטע נישט גיט
עס קלעמט מיר ביים האַרצן מיין האַרץ טוט מיר קלעמענען
איך ווילט זיך לאַכן און איך נעבעך וויין

ווייל איך בין פון לוטאָמיר
קאָכט דאָך דאָס בלוט אין מיר
קאָכט עס אַ גאַנצע וואָך
זע ליבע מאַמעניו
זאָל מיין מאַמדאַמעניו
כאַפּן אַ פינצטערע בראָך

שבת נאָכן קיגל אַ קישקע אַ ~~קיגל~~ מיט צימערינג
ער וועט דאָך צו מיר קינאַן מיין טייערער שאַץ
ערט גיין אַ צילינדער אוי שיין וועט עס פּאַסן
וועט מיין מצדאַמעניו כאַפּן די פּלאַץ

ווייל איך בין פון לוטאָמיר אַז"וו רעפריין

(לאַכט) איך קען אייך זאָגן אַז איך האָב אַזוי מיטגעפילט אין יענע יאָרן
די יידישע דינסט דאָס איז נישט געווען קיין דידישע דינסט איך געדענק
נאָך יענע ציבעלן וואָס מיידלעך וואָס פלעגן דאַרפן גיין קיין אַמעריקע
און זיי האָבן נישט געהאַט אויף קיין שיפסקאַרטע פלעגן זיי גיין אין די
יידישע הייזער או. זיי פלעגן דאָרטן דינען און ווייסט דאָך פיינע

העברעיש/פויליש

מר/המסך) אײדעלע מײדלעך איך בין זיכער זײ זינגען געקומען קײן אמעריקע
פון א סך פון זײ האבן געמאכט גרויסע גרויסע קאריערעס װײל
זײ האבן דאך געהאט אויך טאלאנטן און גרויסע פעיקײטן צו אלץ
איז די מאדאמעניקעס האבן זײ טאקע אזוי אזוי באהאנדלט אזוי װי
זײ זינגען געװען האב איך באמת געזען אין דעם ליד א פראקטיש פון
א יידישע קעכין װאס פארן פאר קײן אמעריקע האט זי געזונגען דאס
דאזיקע ליד אײדער זי האט נאך דערזען דאס גאלדענע לאנד און איך
האב זײער ליב דאס ליד און װען איך קען איר פארװענדן װען איך
בין װוילינגעריש געשטימט זינג איך דאס ליד און פאר אײן ערלויב איך
זיך דאס צו זינגען זאלט איר װיסן אז איך האב אויך געקענט זײער
װוילינגעריש גליקלעכן איז דער יידישער ניגון געװען איבער אלעם
איך האב אײך געזאגט אז ניגונים איז געװען אײנע פון די װיכטיקסטע
זאכן אין אונדזער געזאנג און מיר האבן זײער ליב געהאט ערנסטע לידער
אונד לידער װאס זענען געװען פארבונדן מיט אונדזערע איבערלעבונגען
איך האב מיר געפרעגט צי איך האב געזונגען העברעישע לידער איז מײן
הויפט-רעפערטואר אין העברעישע לידער איז דאך געװען די לידער װאס מ׳האט
געזונגען װען ישראל איר װײסט דאך (זינגט)

(צאו) ציונה (לט) ודגל דגל מחנה יהודה

איר װײסט דאך היינט זינגט מען דאס װי פון אן אלטן אנטיק און
דאס איז געװען מײן הימן נאך התקוה איז געקומען דער הימן פארשטײ
דאס האט מען געדארפט דאך זינגען און װײטער איז געװען איר װײסט
מאך ס׳איז געװען אזוי א רעגירונג איז געקומען און אװעק און א שפראך
איז געקומען און א קולטור איז געקומען און אלצדינג האט זיך געביטן
איז געביטן כחרף-עין פארשטײט דורך דער נאכט דא זענען געקומען די
באלשעװיקעס האט מען שוין געזונגען מארסעליעזער אזן כאך זעצען
געקומען די פאליאקן האט מען געזונגען (זינגט ברומט פויליש) כ׳געדענק
נישט די װערטער נאר פערשן בריגאדא די ערשטע בריגאדע פון פילסודסקין
איז ארײנגעגאנגען אין װילנע איז דאס איז געװען פילסודסקיס
בריגאדע איז איך האב מיט זײ מיטגעזונגען װײל ס׳האט איר מיטגעריסן
אין האב דאך נישט געהאט עפעס אנדערש איר פארשטײט האט מיר איסגעריסן
האבן איך געזונגען מיפערשא בריגאדא איך בין אויך געװען צװישן
אין מיטן אבער די װערטער האב איך פארשטײט זיך פארגעסן אבער ס׳איז
מאכט צו אויף א מינוט איך װעל זיך צוזאמענעמען מיט מײנע געדאנקען
װאס כ׳האב אײך געװאלט נאך זאגן (איבעררײסס)

פויליש

מר(המשך) איך פֿאַרשטיי אַז און מ׳קען דאָן ווען מ׳האָט געזונגען מיפֿירשע בריגאַדאַ אונד די סאָלדאַטן זענען געגאַנגען און אויף די גאַסן זענען געגאַנגען מיליטערישע דאָס אָרקעסטערס און מ׳האָט געשפּילט שאָפּענס טרויערמאַרש מ׳האָט באַערדיקט אַזאַ אָפּעצער אָדער צזאַ גענעראַל נו זיינען דאָך אויך צווישן פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען און מ׳האָט דאָן דערהרגעט דערשאָסן וויַיסערן און ווײַסערס פֿרוי שערמאַן איז געווען מײַן שוועסטערס אַנאַס וואַרשאַווסקי געווען מײַן שוועסטערס אַ נאָענטע חברטע און דעם לעצטן חנוכה איידער ס׳איז געקומען דאָס איז געווען פֿרילינג און ווינטער איז זי נאָך געווען בײַ אונדז און מיר האָבן אַ חנוכה-אָוונט פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט די פֿרוי פֿון דעם וויַיסערן וואָס צוזאַמען דאָס מען זיי דערשאָסן זי האָט פֿאַרשטעלט איר כּאַן און געוועלט מ׳זאָל איר דורכלעכערן די האַרץ האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט און איר האָט מען דורכ-געלעכערט איר האַרץ און דערשאָסן וויַיסערן אויך אַזוי ווייַט איז געגאַנגען דער שׂנאה און איך ווילנע איז געשטאַנען אַ אָדלער אַ גרויסער גרויסער שוואַרצער אָדלער מיט אָן אָפּגעהאַקטן פֿליגל און דאָס איז געווען ווײַסערס קבר איינער פֿון די אײַנדרוקספֿולע קברים פֿון די דערשיטערנדיקסטע קברים איז דאָס געווען זײַן קבר פֿאַר וואָס דערמאָן איך זיך ווײַלע די שערמאַן איז געווען אַ אַריסטקע אַ יידישע און זי איז געווען אַ זינגעריך זייער נאָענטע חברטע פֿון מײַן שוועסטער און איך האָב ווי איך דערצייל אײַך איך האָב זייער נאָכגעלאָפֿן אַ יידיש ליד אַז איך האָב געהערט כאָטש יידיש דאַן איז געווען פֿאַר מיר נישט אַזוי לייכט אויסצודרוקן ווייל איך האָב גערעדט רוסיש אָבער דורכן געזאַנג האָב איך זיך אַזוי דערנענטערט אַז איך האָב שוין פֿאַרגעסן דאָס אָריגינעלע רוסישע געזאַנג אַפֿילו האָב איך דאָס אַריבערגעגאַנגען גלײַך אויף די איבערזעצונגען און איך האָב יעצט בלויז כּמעט דעם יידישן רעפּערטואַר איז וויל איך אײַך זאָגן אַז זי איז געזעסן בײַם טיש ס׳איז געווען חנוכה און דאָס ערשטע מאָל האָט געקלונגען אין אונדזער הויז דאָס ליד ס׳איז נאָך געווען דאַן זייער נײַ און זייער נישט באַקאַנט דאָס ליד (דער טאַטע איז געפֿאָרן איך באַלטע) און איך האָב פֿאַרגעדענקט דאָן ליד (זינגט)

מר(זינגט)

דער טאַטע איז געפֿאָרן אין באַלטע (2)
דער טאַטע איז געקומען פֿון באַלטע
און האָט מיר געבראַכט אַ ביזיקע (2)

טאַ וואָזשע וועסטו טאָן מיט דער ביזיקע
נו וואָזשע וועסטו טאָן מיט דער ביזיקע
איך וועל איר טאַקע נייען מאַמע דיזיקע
און דאָס וועל איך טאָן מיט דער ביזיקע

און ווער וועט דיר נייען די באַלקע
און ווער זשע וועט דיר נייען די ביזיקע
שׂרה די שנײַדערקע די - ביזיקע
און זי וועט מיר נייען די ביזיקע

און וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון דער ביזיקע (2)
ער וועט איר טאַקע נעמען מאַמע דיזיקע
און דאָס וועט זײַן דער סוף פֿון דער ביזיקע

איך האָב פֿאַרגעסן די מיטן פֿאַרשטיים אָבער די ביזיקע ליגט מיר אין קאָפּ דאָס איז ווינטערצײַט דאָס איז חנוכה דאָס איז טערמאַן די פֿרוי פֿון ווײַסעקן די זיצה בײַם טיש און די זינגט דער טאַטע איז געפֿאָרן אין באַלטע און מײַן שוועס ער האָט זייער ליב געהאַט צו זינגען דאָס ליד איך האָב דאָס ווידער ווי <אַ בחור אַ פּריקראַסקיק>.. (זינגט)

מײַן טאַטע האָט מיר געשיקט קויפֿן אַ יאַטשיק
האָט זיך אין מיר אײַנגעליבט אַ בחור אַ פּריקאַשטשיק
אוי איז דאָס אַ בחורל אַ שיינס און אַ פֿײַנס
מיר פֿאַר זײַנע אויגעלעך דו מיידעלע דו מײַנס

דער טאַטע האָט מיר אַוועקגעשיקט פֿרעגן אַ שאלה
האָציך אין מיר אײַנגעליבט דער רבי אוין אַ ווײַלע
אוי איז דאָס אַ רבילע אַ שיינס און אַ פֿײַנס
מיר פֿאַר זײַנע פּאַהלעך דו קעצעלע דו מײַנס

מר(זינגט המשך)

די מ_ע עס מיר אַוועקגעשיקט פֿרעגן אַ שאלה
האָט איך מיר איינגעליבט דער רבי אויף אַ ווײַלע
אוי איז דאָס ר׳רביניו אַ שיינר און אַ פֿיינס
מיר פֿאַר זײַן שפּיץ יאַרמעלקע דו קעפּעלע דו מיינס

שיין דאָס איז אַזוי זיס אַזוי און דערנאָך האָבן מיר ליב געהאַט צו זינגען
וואונדערבאַרע איר ווייסט כ׳האָב איך געזונגען דאָס ליד פֿון די
דרײַ די מאַמע האָט דרײַ יינגעלעך געהאַט כ׳האָב איך געזונגען נײַן? (זינגט)

די מאַמע האָט דרײַ יינגעלעך דרײַ יינגעלעך געהאַט
דרײַ קליינע שיינע יינגעלאך דרײַ יינגאַלעך אַ פּראַכט
האָט איינס געהייסן בערעלעך דער צווייטער חיים-שמערעלע
דער דריטער האָט געהייסן מע זאָל אים קייפֿן שיך

איך האָב איינך אָנגעבאַרט איך האָב געוווסט איר וואָרט
דאָס דריטע קליינע יינגעלע דאָס דריטע דאָס בין איך

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך פֿון דעם יאַדיד געבראַכט
דרײַ פּיפּע פּעטע ניסעלעך דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט
איז איינס געווען פֿאַר בערעלע און איינס פֿאַר חיים-שמערעלען
און גאָר דאָס בעסטע ניסעלע האָט זי די מאַמע געלאָזט פֿאַר זיך

איר וואונדערט זיך אַ ביסל פֿאַר וואָס ניש מיר אַ נפּסל
ווײַל ניכן ניסן ניסאַלע דאָס דריטע דאָס בין איך

פֿאַרשטייט און ציפּעלע (זינגט)

עס האָט די קליינע ציפּעלע פֿאַרביסן מיט אַ ליפּעלע
ציפּעלע וואָס ווייניסטו אַן עפּעלע דאָס מיינסטו
ניין ניין ניין דו ווייסט נישט וואָס איך מיין

עס טרייסלט זיך איר צעפּעלע צוזאַמען מיט איר קעפּעלע
ציפּעלע וואָס ווייניסטו צוויי עפּעלעך דאָס מיינסטו
ניין ניין ניין דו ווייסט נישט וואָס איך מיין

עס טרייסלט זאַך איר קעפּעלע צוזאַמען מיט איר צעפּעלע
ציפּעלע וואָס ווייניסטו דרײַ עפּעלעך דאָס מיינסטו
ניין ניין ניין אַ קוש דאָס מיין איך יע

מר דאָס איז די ציפּעלע און דערנאָך אַך צו די קינדער האָב איך ליב צו זינגען מיינע קינדערלידער וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט אַ פּאָר קינדער-לידער אַ קליינע מיידעלע קלאַפּט אין טיר (זינגט)

אַ קליינע מיידעלע קלאַפּט אין טיר טוק טוק טוק
ליבע מאַמע עפֿן מיר טוק טוק טוק
איך בין שיין אַהיימגעקומען טראַ לאַ לאַ
דעם גאַנצן טאָג געווען פֿאַרנומען טראַ לאַ לאַ

דאָס ביי מיר זיך אַרײַנזינגען צו מײַנע אַלע קליינע אייניקלעך
עס זינגען קלייק באַמי איך זיך דורך דעם ליד אפשר איבערלאָזן
ביי זיי אַ קלאַנג פֿון מײַן תּפֿילה-לידער איז די צווייטע ליד (זינגט)

שרהלע איך וואַלד אַרײַן רײַן רײַן
שרהלע איך וואַלד אַוועק וועק וועק
רײַסן בלומען אַ בוקעט קעט קעט
איך וועלט די ווינטעלע בלאָזט קיל קיל קיל
אַרום די ביימער שוויגן שטיל שטיל שטיל

ס'הערט זיך ערגעץ פֿון דער ווײַט ווײַט ווײַט
אַ קוקאַוועלע וואָס שרײַט שרײַט שרײַט
קו קו קו קו קו קו קו (2)

זאָג מיר פֿייגעלע דו מײַן מײַן מײַן
וויפֿל וועט מײַן לעבן זײַן זײַן זײַן
פֿערציק אַכציק הונדערט יאָר יאָר יאָר
איך דאַנק דיר פֿייגעלע ווי עס גאָר גאָר גאָר

אויב אַ... וועל איך אײַך זאָגן אַז איר האָט געזונגען אויך מיט איין רוסיש ליד פֿון מײַנע קינדעריאָרן וואָס איך האָבן געזונגען צו מײַן עלטסטע אייניקל אַזוי ווי אין דער שטוב האָט מען גערעדט דאָרט אַ סך רוסיש פֿון דער אַנדערער באָבעס היינט רעדט מען רוסיש און דאָס קינד האָט זיך געהאָדעוועט צווישן יידיש און רוסיש און ענגליש אַלס אַ מוטערשפּראַך האָב איך באַשלאָסן אַז עס זאָל בלײַבן ביי איר כאָטש איין רוסישע ליד מײַנע אויך איר ווייסט דאָך איך זאָג אַזוי אַז מיסיאָנערישע אַרבעט איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אַרבעטן אין אונדזער לעבן און מיר האָב דאָס זייער פֿאַרבאַכטלעסיקט ווײַל מיר שעמען זיך מיטן וואָרט מיסיאָנער

מר(המש,) אָבער איך גלויב אַז דור, מיסיאָנערישע אַרבעט קען מען
אַ סך אויף אַן אַזוי שטילינקערהייט. ווייל מ'קען קיינמאָל נישט וויסן
וואָס עס קלאַפּט אָן וועלכעס אָדערל עס ווערט אָנגעצונדן און
וועלכער אויג עס דערזעט און וועלכער אויער הערט און וועלכע האַרץ
עס דערשפּירט איז האָגאיך באַשלאָסן אַזוי ווי **דאָך געבוען מײַן קינדערליד**
**איז** דאָס ביסל. קיין זינד אַז איך וועל מײַן **קינדערליד זינגען מײַן אייניקל**
איז דאָס געווען דאָס ליד צו מײַן עלטסטע אייניקל **דזשעניפער** וואָס איך
פלעג צו איר זינגען און זי האָט דאָס זייער ליב געהאַט און איך
פלעג מאַכן אַ קרײַז אַ קאַראַהאָד פלעג מיט איר טאַנצן און **זינגען** דאָס ליד
דאָס ליד (אַ פּראָשאַ סעמע) איך בין שוין זיכער אַז ס'איז לאַנג אַ
פאַרגעסענע (זינגט רוסיש)
די אַנדערע היינט שוין אַוועלי האָב זיך אויך צוגעזונגען (איבעררייכר)
זינגען מיר געווען נאָר נאָר צו לערנען פאַרשטייט מיר זינגען נישט
געווען, דאָרטן צו זינגען נאָר אַז ס'פלעגט קומען פּורים פלעגט מען מאַכן
אַ פּורים-סעודה בײַ די אייגענע לויט די מעצענאַטן **אונדזערע איר**
וויסט דאָך די פרויען-מעצענאַטן פלעגן אונדז מאַכן הכן-טאַשן
פלעגן קומען צו גיין און זאָרגן פלעגט מען זינגען איז איך פלעג
דאָס איז געווען מבין באַרוף אַז אומעטום האָב איך **בעדאַרפט זינגען**
אַ שטיקל סאָלאָ איז אין יידישן ליד אין העברעישן ליד און אין רוסישן
ליד האָב איך געזונגען אַ שטיקל סאָלאָ כ'האָב געהאַט אַ קליינע
סאָפּראַנאָ אַ דינינקע אַ קינדערישע סאָפּראַנאָ און איך טוב וועל איך זאָגן
דעם אמת איך האָב מורא געהאַט עפענען די מויל ווײַלע מיר האָבן
געהאַט אַזעלכענע זינגערס אין שטוב די גרעסטע איז געווען מײַן מאַמע
איז מײַן שוועסטער זי האָט געזונגען דאָס גאַנצע לעבן און מײַן
מאַמע האָט נישט געוווסט אַז זי איז אַ זינגערין האָט זיך געשעמט
די מאַמע פאַרטרויען דעם סוד כדי זיך נישט צו קאָמפּרימיטירן ווײַל
די אמתע דער צוזאָגנדער שטערן אין דער משפּחה וואָס האָט געקענט
טאַקע ווערן אַ גרויסער זינגער איז געווען די מאַמע איז די עלטסטע
שוועסטער האָט פאַרבאָרגן איז אַז די מאַמע האָט געהערט איין מאָל ווי
זי זינגט בײַ מיר אויפן געבורטסטאָג כ'איז געווען חנוכה האָט זיך
אַוועקגעזעצט בײַם קלאַוויר און געזונגען חזנישעס זי האָט זייער

מר(המשך) ליב געהאַט חזנישע מיין מאַמע איז געשטאַנען און טרערן
אין די אויגן האָט זי געזאָגט אַנעלע פֿאַר וואָס האָסטו מיך קיין מאָל
נישט געזאָגט אַז דו זינגסט? האָט זי געזאָגט מאַמע דו זינגסט דאָך
מיר זינגען נישט מיר זינגען נאָך איז אַזוי אַז איך האָב אַפֿילו נישט
נאָכגעזונגען נאָר אַז איך פֿלעג קומען פֿון שולע און פֿלעג אַ מאָל
זינגען מיינע לידער האָבן זיי געוווּסט אַז די לידער זענען געזונגען
אין שולע אָבער אַז איך האָב געזונגען טאָלא דאָס זאָג איך אייך
אין שטוב האָב איך מורא געהאַט וועגן דעם צו רעדן יעדע שוועסטער
האָט געהאַט אַ זשאַנר וואָס איך האָב געהאַט שוועסטער אַ שוועסטער מיינע
מ'איז געווען האָט זי געהאַט אַ אָפּערן אַ אָפּערן-שטימע און זי פֿלעגט
זינגען נאָר אָפּערעס יעווגען אונעגין און זשידאָווקאַ און טאָסקאַ
פֿאַרשידענע איר ווייסט דאָך גרויסע אָפּערעס פֿונעם אָנהייב ביזן
סוף און דאָס איז ביי אונדז שטענדיק געקלונגען די הויז מיט
אָפּערעס און מיט חזנישעס און מיט אַזעלכענע גרויסע שאַפֿונגען און
מיט אַ מאָל בין איך געקומען און איך האָב אויפֿגעזונגען דאָס ליד
וואָס איך האָב געזונגען אין אַ אויף אַן אָוונט אין יהודיה פֿון
ביאַליקן אל הציפור האָט מען דאָס געמאַכט אַ ליד און איך האָב דאָס
געזונגען איז דאָס ליד געדענק איך דאַכט זיך נאָר אייך פֿערז פֿון דעם (זינגט)

דרורי דרורי נא אמורי
אן בלי חרף כוס מהרי
עין לחרף כוס מהרי
את כי אפנה יה

אן עופעיו לאמנוחי
הן מי לא ידעי הן אהובים
הם ילדי האהובים
מחכים לי בקן

דרורי דרורי נא אגידי
הן וערף את מהרי
אן לחרף את מהרי
את בי אפנה יבם

מר(זינגט ווײַטער ביאַליק)

שטעלט אײַך פֿאָר אַז מ׳זינגט נישט 60 יאָר אַ ליד און מ׳געדענקט
נאָך הייסט דאָס אַז ס׳באַדײַט און באַדײַט גאָר אַ סך כ׳האָב ליב
געהאַט דאָס ליד ס׳איז געווען זייער אַ שיין ליד דערנאָך האָבן
מיר געזונגען אַנדערע לידער שכני ילדי בובי סגרי אַז עניך (ברומט)

און פּורים אַלס אַ פּורים-ליד געדענק איך דאָס איז .. איך האָב
אײַך פֿריער געזאָגט ליל שמורים הוא לל פורים (זינגט ווײַטער)

און אַז מ׳פֿלעגט קומען אין גימנאַזיע און מיר האָבן געהאַט דאָרטן
אויך אַ כאָרגעזאַנג און זלמן קייזען איז דאָך געווען אונדזער לערער
און דער גײַסט איז געוואַקסן פֿון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ שטאַרקער
און מעכטיקער און אונדזער לערער זי איז געוואָרן פֿאַרברייטערט–

(סוף ד׳ 2)

ליל שימורים הוא לל פורים
ל'ל שימורים לנו (3)
בא נביע בא נשמיע את אשר קראנו

(116) MFS Rosttes XV



VI

(מנחם סטאַניסלאַווסקי מפֿשע ראָסקעס באַנד XV 123-MR97 יולי 17-אויג׳ 16 1973
מאָנטרעאַל, קעבעק זייַט 1)

מה -זינגען וואָס ווייטער אַלץ מער יידישע לידער און פּורים האָבן מיר געזונגען
אַמאָל די אַ יידישע לידער (זינגט)

היינט איז פּורים קינדער עס איז דער יום-טוב גרויס
ס׳איז געשען אַ וואונדער און המן איז שוין הויז(?)
זינגט קינדערלעך זינגט טאַנצט פריילעך און שפּרינגט (2)
ווייל גאָט האָט געשאַפֿן דעם נס

המנען פֿאַר מורא האָט די וועלט געשטעלט
ס׳איז אַ נס פֿון בורא המן איז צושטערט
מרעט זשע המן אָפּ וואַרף דיין קרוין אַראָפּ
עס פֿרייען זיך יונג און אַלט

גיטער קינדער מאַכט אַ ראָד
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד
מאַכט גרעסער און ברייטער דעם קרייז (2)

און יעצט דערמאָן איך זיך אַ ליד וואָס כ׳וויל אייך טאַקע אויפֿזינגען
איר האָט מיר געזאָגט אַז מיר זענען געווען פּורים-שפּילער און ס׳איז
געווען אַ שפּיל איז די פּורים-שפּיל געדענק איך נישט נאָר איך געדענק
דעם סוף ווי מיר פֿליגן קומען אַלס פּורים-שפּילער און מיר פֿלעגן זינגען
אין יהודיה (זינגט)

היבא היבא סוף המחזה
שמעו אדוני ונצא עוד מזה
ליום טוב לשמחה הנה באנו היום
האם לא תדעו כי פּורים הוא היום (2)
היום כל נגיל ונתחג ונשיר בו כל פה
נשחק גם אנחנו ונצא אז מזה

ערקטע 2 שורות

מר נו און יעצט וועלן מיר זינגען (זינגט)

פורים איז היינט קינדער עס איז דער יום-טוב גרויס
ס'איז געשען אַ וואונדער און המן איז שוין אויס
איך האָב איבך שוין געזונגען ?

פורים איז היינט קינדער ס'איז דער יום-טוב גרויס
ס'איז געשען אַ וואונדער המן איז שוין אויס
דאָס האָב איך איבך געזונגען אָבער דער פריער נישט

היינט איז פורים קינדער עס איז אַ יום-טוב גרויס
ס'איז געשען אַ וואונדער און המן איז שוין אויס
זינגט קינדערלעך זינגט טאַנצט פריילעך און שפּרינגט
ווייל גאָט האָט געשאַפן דעם נס (2)

דאָס איז געווען דער אָנהייב איר ווייסט דאָך די הקדמה דערנאָך זענען
געקומען די אַלע פורים-לידער מאַכט צו אַ מינוט וועל איך זיך דערמאָנען
ליל שימורים היינט איז פורים (ברומט)(איבערריים)(זינגט)

הערט בחורים היינט איז פורים
ניש פאַרגעסט ניט פאַרגעסט
לעקאָך
לקח לאָדן אָנגעלאָדן פון דאָס בעסט פון דאָס בעסט

ארור המן ארור המן העגגי העגגי
ברוך מרדכי ברוך מרדכי היהודי היהודי

מאַכט צו מאַכט צו ס'איז דאָ נאָך אַ פערז נאָר אַבי ס'האָב דערמאָנט דעם
אָנהייב (איבערריים)(זינגט)

היינט איז קינדער שימחת-תורה שימחת-תורה אויף דער וועלט
תורה איז די בעסטע סחורה אַזוי האָט דער רבי אונדז געקלעלט

(איבערריים) דאָס איז איך אַ זומער-קאָלאָניע איך 1927 דאָס איז געווען
איך וויטאָוו נישט ווייט פון די טאַטרע איך די טאַטרעס איז דאָס
געווען נישט ווייט פון זאַקאָפּאַנע און ווייט פון אַלע דאָס איז איך די
טאַטרעס הויכע בערג אונד מיר פלעגן קלעטערן גאַנצענע טעג פלעגן מיר
קלעטערן איך ביז נאַכט אַז מיר פלעגן קומען מידע אַהיים פלעגט מען

מא(המשך) זיך צוזאמענקלייבן ביי א טיש און זיי האבן געשאפן א ליד
ו עגן מיר זיצנדי ביים טיש האבן זיי געשאפן אזא ליד (זינגט פויליש)
און די פלעגט מען אנהייבן זינגען דער כאר האט אנגעהייבן ארבעטן
און מיר האבן אנגעהויבן זינגען אי פלעג איך זיי זינגען טאקע
אזוי ווי זיי זאגן „זמירות פאעווא פא קאלאציע" האב איך זיי געזונגען
זמירות איז ס'איז געווען איין מאל שבת צו נאכטס האב איך זיי
אויפגעזונגען דעם המבדיל און זיי האבן דאס אקצעפטירט און זיי
האבן דאס אלע מיטגעזונגען מיט גרויס עם דרך-ארץ
איז מסתמא האט איר שוין גהערט דעם המבדיל (זינגט)

המבדיל בין קודש לחול
וואזשע טוט מען זגייט נישט ווייל
זרעינו איז פאראן כספינו אני
דאס שטיקל ברויט קומט אן מיט מיייי
גוט וואך א גוט וואך א גוטע וואך א גוטע וואך (2)

יום פנה דער שבת איז אוועק
ווי א שאטן פון א בוים
(2)
פון אלע מאכלים ניש געבליבן איז ניין לעק
און יעצט קומט אן די מזלדיקע וואאך
גוט וואך א גוט וואך א גוטע וואך א גוטע וואך (2)

המבדיל בין קודש להול
חטאתינו הוא ימחול
זרעינו וכספינו ירבה כוחו כחול
בהכוכבים בלילה
גוט וואך א גוט וואך א גוטע וואך א גוטע וואך (2)

ס'איז דא ווילנער המבדל ס'איז דאן אמתע

מס איר האט עס געזונגען אין דער היים ?

מר נאך אין דער אין דער שולע פלעגן מיר דאס זינגען און דער
כאר האט עס געזונגען דאס האט מען געזונגען אין גערשטיינס כאר
אין גערשטיינס כאר אין יעקב גערשטיינס כאר דערנאך פלעג איך
זינגען זיי אז איך בין געווען שוין אזוי פארשריען ביי זיי

מר (המשך) אַז איך זינג זיי „זמירות פֿאַ טיסוטי מאַק ליבאַסרייי" איז האָב איך טויק געזונגען די זמירות ביד-רם האָב איך געזונגען מיט זייער פֿאַרשטייט זיך דער כאָר האָט מיטגעזונגען איך בין נישט געווען די גאַנצע צייט אַליין אַזוי ביחידות אַזוי ווי איך מיט איבך יעצט נאָר כ'האָב אַפּ געזונגען מיט אַ גרויסן כאָר און אַלע האָבן מיר זייער אונטערשטיצט דער גרעסטער מיין ערשטער אונטערשטיצערין גרעסטער אין די אינספּיראַציע איז געווען מיין מאַן אַליין מר. ראָס ... יע ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט אונדזערע לידער און ער האָט געהאַט אַ גוטע שטימע און ער האָט ליב געהאַט מיטצוזינגען פֿלעגט ער מיר אונטערשטיצן דאָן ווען איך בין ... געווען מויל מיד איך האָב שוין נישט געקענט גאָרנישט ווייגען איז ער געווען דער ערשטער פֿידל געשפּילט די ערשטע פֿידל ביי דעם מאָרגנזינג פֿלעגן מיר זינגען וטהר לבינו (זינג:

וטהר לבינו (3) לעבדיך באמה (2)

מרא לא לא אמז"ו

והנהלנו אדוני אלהינו באהבה ורצון בשמחה ובששון (2)

באהבה וברצון

וטהר לבינו אהא (2)

וטהר לבינו לעבדיך באמת

וטהר לבינו (3) לעבדיך באמה

ס'איז געווען וטהר לבינו דערנאָך איז געווען אַ שיינע באַלאַדע פֿון פּרצן וואָס איך האָב אַ מאָל געזונגען ביי מיין אייגענער פֿאַריהודשטקייט און אַז איך האָב געוועלט זינגען זייער בדווקא צו מיינע חבֿרטעס און חבֿרים פֿלעג איך זינגען די באַלאַד און זיי פֿלעגן זיך באַגיסן מיט טרערן מיט טרערלעך מיט פֿערעלעך ווייל ס'איז געווען זייער אַ רירנדע באַלאַדע און איך האָב דאָס ליב געהאַט אויסצופֿירן (זינגט:

די מאַמע אָט מיר דערציילט אַ מעשה פֿון אַ מאָל

געווייזן איז אַ הינדעלע גאַנץ שיין אין אַ מאָל

אַ טייבעלע ביים הינדעלע געווען איז נישט ווייט

געווינט האָט אין הינדעלע אַן אָרעמער ייִד (2)

מר(זינגט המשך)

דער ייִד האָט אַן איינציקע טאָכטער געהאַט
אַ געראָטענע טאָכטער גאַנץ איידל און פֿײַן
מיט שוואַרצע כּערבּישופּטע אויגן אַ פּאָר
מיט שוואַרצע צעפּלאָכטענע זיידענע האָר
מיט שוואַרצע צופּלאָטענע זיידענע האָר

נישט ווײַט פֿון דעם הײַזאַלע גאַנץ טיף אין טאָל
גערודערט האָט אַ וואַסערל פֿון זילבערנעם קרישטאָל
די מיידעלע האָט צום וואַסערל געבוקט
און האָט אין דעם די בער-קלאָרן [illegible] גיקוקט
און האָט אין דעם זילבער-קלאָרן וואַסערל געקוקט

געקוקט אין דעם וואַסערל נאָך עפּעס געבענקט
אין בית יתומה גאַנץ עלנט אַלייַן
טאָ קום שיינע מיידעלע קום דו מיט מיר
איך וועל זײַן מיידעלע אַ חבֿרטע פֿון דיר
איך וועל זײַן מיידעלע אַ חבֿרטע צו דיר

אַז מאָרגן דער הימל געווען איז פֿאַרצאָגט
... דער טאַטע האָט אומעדיק קדיש געזאָגט
דער טאַטע צו ערשט דאָס מיידעלע צו לעבט
דער טאַטע האָט זיך שבֿעה געזעצט (2)

(איבעררײַס)

אַף מאָרגן דער הימל געווען איז פֿאַרצאָגט
דער טאַטע האָט אומעדיק קדיש געזאָגט
דער טאַטע צו ערשט דאָס מיידעלע צו לעצט
דער טאַטע האָט זיך שבֿעה געזעצט (2)

דאָס האָט איר וויסט איר דאָך שוין פֿון דיבוק דעם ניגון (ברומט)
דאָס האָב איך אויך געקענט אַזאַ ניגון איז געגאַנגען מיט אַ מעשה אָבער
די מעשה איז נישט וויכטיק צו דערציילן (ברומט) דאָס וואָס כ'האָב
איך געזונגען דאָס איז יעצט

מס וואָס פֿאַרא מעשה איז עס

מר דאָס איז געווען אַ מעשׂה (ברומט) דאָס געדענק איך נאָך איז
געווען פֿריִער צו נאַכטס פֿון. דאָס איז דער ניגון פֿון קידוש-השם
(ברומט) דאָס איז פֿון קידוש-השם וווּנדערבאַר (ברומט) דאָס איז די
מעשׂה פֿון עפּעס אַ יונגעלע וואָס איז געגאַנגען אין וואַלד אונד ער
האָט געטראָפֿן אַ פּאַסטעך און אַ פּאַסטעך האָב געזונגען דאָס ליד (ברומט)
האָט ער זיך אויסגעלערנט דאָס ליד און איז אַוועקגעגאַנגען ווײַטער
איז עפּעס האָט מען אים באַפֿאַלן און אַז ער האָט מורא געהאַט צו פֿאַרגעסן
דעם ניגון ער האָט זייער מורא געהאַט צו פֿאַרגעסן דעם ניגון און
מ'האָט אים געבונדן און מ'האָט אים געשלאָגן האָט ער אַלץ מורא געהאַט
אַז ער וועט פֿאַרגעסן דעם ניגון אַזוי ווי איך האָב פֿאַרגעסן האָט
ער שלאָגנדיק אים האָט ער געזונגען (ברומט) און אַ צעבלוטיקטער איך
דאַנצן אַ צוריסענער אין קליידער פֿעריסענע אַלץ איז ער דערגאַנגען
צום רבין און ווי ער איז געגאַנגען צום רבין האָט ער געעפֿנט די
טיר און ער איז אַרײַנגעפֿאָרן מיטן ניגון (ברומט) פֿאַרשטייט
אין שולע אַז איך בין אַלט געווען אַכט צען יאָר האָט מיר אַ חבֿרטע
דערציילט אַ חבֿרטע פֿון זייער אַ פֿרומע שטוב וואָס זי פֿלעגט קומען
אין שולע און זי פֿלעגט זיין פֿוּעקסטעלן שמונה-עשׂרה אויף דער
הפֿסקה און פֿאַרשטייט זיך די חבֿרטעס האָבן אָפּגעלאַכט איר ווייסט
דאָך אין שולע ווער אַ קליין קינד שטעלט זיך אַוועק שמונה-עשׂרה
און זי איז געווען אונטערן אינפֿלוס פֿון איר באָבען און דאָס
האָט איר דעם ניגון האָט איר אויסגעלערנט דער באָבע מיט דער מעלה
איז אַז זי האָט מיר אויסגעלערנט דעם ניגון מיט די מעשׂה האָב איך
געהאַט אַזאַ דרך-ארץ פֿאַר איר און כ'האָב געקוקט אויף איר באמת
אַזוי ווי זי וואָלט געווען מאַקע אַ אוניקום אַ יוצא-מן-הכלל איז
איין מאָל ביי שמונה-עשׂרה האָבן די קינדער שרעקלעך אָפּגעלאַכט
מ'האָט איר פּשוט געשטערט צום דאַווענען איז איך בין געווען שטענדיק
איר ווייסט דאָך אַ שעמעוודיקע מיידעלע כ'בין נישט געווען אַגרעסיוו
קיין מאָל און נישט אַמביציעז כ'האָב ליב געהאַט דאָס לעבן און איך
בין געווען זייער אַזאַ צופֿרידענע איך האָב נישט געזוכט פֿאַרשטייט זיך
אויסצופּײַנען אָדער אַרויסצובאַווײַזן זיך מיט עפּעס כ'בין געגאַנגען
שטיל מײַן לעבן ווײַל כ'האָב הנאה געהאַט פֿון אַלץ אַפֿילו פֿון די לײַדן

מר(המשך) האָב איך אויך גענומען באַהאַלטן שטענדיק אַזוי געווען שטענדיק
געפֿונען אַ תּיקון און שטענדיק אַ פֿאַרענטפֿערונג אַז ס׳האָט געקענט
זײַן ערגער און ס׳האָט געקענט זײַן אַנדערש ס׳האָט זיך געקענט
ענדיקן טראַגישער איז ווי ס׳האָט זיך געענדיקט אַבי ס׳האָט זיך געענדיקט
אַבי כ׳האָב אָפּגעקומען דאָס און הלוואַי כ׳זאָל אָפּקומען דאָס פֿאַר
מײַנע נאָענטסטע אַז זיי זאָלן שוין דאָס נישט דאַרפֿן דורכגיין
פֿלעג איך אַזוי דורכגיין פֿון קינדווײַז אויך דאָס לעבן און
אַז איר האָט מען באַפֿאַלן אַז די חבֿרטעס האָבן איר באַפֿאַלן האָב
איך זיך אוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק און איך האָב געהאַלטן אַ אמתע
רעדע אַ פֿאַרטיידיקונגס-רעדע פֿאַר דער דאָזיקער חבֿרטע און ווייסט
דאָך און איך האָב פֿאַרגעסן איך האָב איין גאַנצן גאָר פֿאַרגעסן
נאָר איינע פֿון די חבֿרטעס האָט זיך מסתּמא זייער איבערגענומען מיט מײַן
פֿאַרטיידיקונג זי האָט זיך זייער פֿאַרשעמט איז אַז זי איז געקומען
מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אַהיים צו מיר האָט זי מײַן מאַמען דערציילט
מײַן העלדישקייט און קוקנדיק אַזוי אויף איר האָב איך ערשטנס
נישט געגלייבט אַז דאָס רעדט זי וועגן מיר צווייטנס האָב איך נישט
געוווּסט אַז אַזאַ זאַך האָב פּאַסירט ווײַל איר ווייסט דאָך בײַ קינדער
פּאַסירן דאָך פֿאַרשיידענע געשעענישן אין משך פֿון טאָג איז דאָס אויך
געווען איינע פֿון די פּאַסירונגען. אָבער אַז זי האָט שוין דערציילט
און בײַ די מאַמעס איז עס געבליבן שטעקן און די מאַמע האָט דורך דעם
באַקומען אַ גרויס פֿאַרטרויען צו מיר און אַ געוויסן דרך-ארץ אויף
וויפֿל מ׳קען האָבן דרך-ארץ אַ קליין קינד האָט זיך דאָס ליד פֿאַרקניפּט
מיט דער מעשׂה איר פֿאַרשטייט און יעצט אַז איר זײַט דאָ איך זאָג דאָך
אײַך מיר האָבן ביידע דעם מזל איך האָב די מעשׂה מיטן ליד נישט געהאַט
אויף מײַנע ליפּן פֿון יענעם מאָל אָן קיין מאָל נישט דערציילט
די קינדער קיין מאָל נישט געזונגען פֿאַר די קינדער דעם ניגון
ווײַל ניגון איז צושמעלצט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע ניגונים
מיט אַלע אַנדערע איר ווייסט דאָך די חסידישע ניגונים און האָט
סוף-כל-סוף אַנדערע וואַריאַנטן נאָר ס׳איז ענלעך איינער צו דעם אַנדערער
אָבער יעצט זינגנדיק זעט איר דאָך כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם ניגון
עס דערמאָנט די מעשׂה און איך בין צופֿרידן וואָס איך האָב דאָס אײַך דערציילט

מר (המסך) יע יעיגרגר ס׳איז זייער אינגעגעבן מיר זיך צו
פֿאַרבערגנגען

מט איבער מאַינע איז געווען די אמהע זיגערין צי געדענקט איר אירע לידער

מר מיין מאַמעס עדאַינס ווייסט איר זי איז געקומען פֿון מינסק
אונז מיין מאַמעס איז געווען אַ יתומה פֿון 15 יאָר אָן איז זי
געווען אַ יתומה פֿון מ׳האָט איר חתונה געמאַכט הינטער אירע אויגן
זי האָט קיין מאָל דעם חתן נישט געזען פֿון די חתונה איז געווען
אין ווילנע און איר בחור איז געווען אליקום צונזער און אַז
דער אליקום צונזער האָט איר דערזען אונטער דער חופּה זי איז געווען
זי איז געווען אַ בלענדענד-שיינע פֿרוי אַ בילד-שיינע פֿרוי און אַז
ער האָט איר דערזען אונטער דער חופּה און זי האָט חתונה געהאַט מיט
אַן עלטערן מענטשן וואָס איז נאָך פֿריער געהאַט צוויי פֿרויען און
זי איז געווען זיין דריטע פֿרוי און זי איז געווען געגליכן צו אַ יינגער
פֿון זיבעצן יאָר די איז געווען אין די זעכצן יאָרן פֿון זיין עלטער
פֿון יינגער אַ פֿרוי איז מיין מאַמע האָט אַזוי אויסגעזען און זי
האָט געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק אויף דעם אליקום צונזער אַז אויף די ווינטמערדיקע
חתונות האָט ער דערציילט וועגן דעם גוואַלדיקן אײַנדרוק פֿון מיין
מאַמען אויף דער חתונה און אויף אײַנגער פֿון די חתונות איז מיין מאַמע
געווען עלייך אין וואַרשע האָט זי אַ מאָל דערציילט ווי ער איז געשטאַנען
פֿון אויבן און דער עולם האָט זיך צוגעהערט זייער אויפֿמערקזאַם
כאָטש ווידער אַ מאָל אַסימילירטע פֿרויען אַסימילירטע מענער פֿרויען
זענען שוין דאָן געווען אין סאָרבאָנע די פֿרוי וואָס האָט איז וואַרשע
געהאַט חתונה האָט געענדיקט דאָן סאָרבאָנע שטעלט זיך פֿאָר און געענדיקט
קאָנסערוואַטאָריע און געווען אַ גרויסע פּיאַניסטין און זי איז געקומען
פֿון דער משפּחה סאָלץ אין ווילנע פֿון זייער אַ מיוחסדיקער
ווילנער משפּחה און ס׳איז געווען אַ גרויסע חתונה אַ רייכע אַ גראַנדיעזע
און האָט... זיך מיט וואָס וועט מען באַפּוצן די חתונה מיט אליקום
צונזער האָט מען אײַנגעלאַדן פֿון ווילנע דעם אליקום צונזער ער זאָל
קומען אין וואַרשע איך מיין אַז ער האָט דאָן געוווינט מסתמא אין
ווילנע איך גלייב אַזוי איך ווייס נישט. אויף זיכער נאָך יעדנפֿאַלס
איז ער געקומען צו פֿאָרן אויף דער חתונה און אויף דער חתונה האָט
ער דערציילט וועגן מיין מאַמעס חתונה און מיין מאַמע איז דאָן געווען
שוואַנגער מיט מיין שוועסטער און מיט אַ מאָל איז זי געוואָרן אַ בייעלע

מר (המשך) און מ׳האָט איר אַרויסגעפֿירט פֿון זאַל איז אַז מ׳האָט איר אַרויסגעפֿירט פֿון זאַל האָט ער געזאָגט און יעצט וועל איך אײַך פֿאַרטריבן דעם סוף די מעשה וואָס איך האָב אײַך דערציילט איז וועגן דער דאָזיקער פֿרוי וואָס איז יעצט אַרויסגעגאַנגען. און מײַן מאַמע איז געווען אַ וווּנדערלעכע פֿרוי זייער אַ קלוגע אַ גרויסע חכמה אַלע מײַנע שוועסטערס האָבן נישט געהאַט מיט וועלכן זיך ער באַראָטן איבער מיט וואָס צו באַראָטן ווי מיט מײַן מאַמע זי האָט זיך פֿאַרשטאַנען אויף וועלטלעכע זאַכן ווי הײַנט איך בין נישט אומשטאַנד אויפֿנעמען אַזוי הײַנט צײַטיקע אַקטועלע זאַכן ווי זי האָט אויפֿגענומען דאַן די וועלטלעכקייט פֿון אירע קינדער זייער צוגעפּאַסט צו יעדער סיטואַציע געווען און געזאַנג איז געווען בײַ איר אין אַזאַ פֿאַרגאַנגענהייט אַז ווי איינער זאָגט מ׳טאָר זיך צו דעם נישט צורירן ווײַל זי האָט געהאַט אַזוי פֿיל זי האָט געהאַט אַזאַ שווערע לעבן און אַזוי פֿיל לייד און אַזוי פֿיל צרות איז האָט די ווייניק געזונגען א. ער אײַך ליד אַז די פֿלעגט זינגען אַז מײַנע ברידער זענען אַוועקגעגאַנגען אין דער מלחמה אַלע מענער זענען אַוועק אין דער מלחמה די אידעמס און די זין אַלע איך געדענק נישט דאָס ליד נאָר איך געדענק ווי זי פֿלעגט ציִען אַזוי אײַך פֿאַדים פֿון אַ ליד דאָס איז דאַכט זיך וואַרשעווסקיס אַ ליד (ברומט)

מײַן יוסף און בנימין
קלאָגן איך מײַן טיר אײַ
יאָרן גייען ווײַטער
(ברומט)
מײַן יוסף און בנימין
קלאָגן איך מײַן טיר

און איך האָב זיך אַזוי איבערגענומען מיט דעם דאָזיקן ליד פֿאַרשטייסט און מ׳דאַרף דאָך נישט זי איז געווען אַ זינגערין פֿון גאָט געגעבן און מ׳האָט געמיינט אַז זי וואָלט אויסגעוואַקסן שיינער נישט די צווייטע פּאַטי און מיט איר שטאַרקייט און מיט איר מוזיקאַלישקייט אָבער ס׳איז געווען דאָך נאָר מײַן מאַמע איז מיר געווען גענוג

WWI

מר(המשך) צו פֿאַרגעדענקען אָט אַ די פּאָר זאַצן פֿון דעם ליד כּדי דורך דעם אויפֿוועקן דעם גאַנצן טאַלאַנט פֿון מײַן מאַמען און די גאַנצע זינגערישקייט מוזיקאַלישקייט אירע ווײַלע בלויז אין די פּאָרע זאַצן האָט די פֿאַרבינגעלייגט אַזוי פֿיל טאַלאַנט אַז עד־היום גייט עס מיר נאָך און דאָס איז שוין אַ מעשׂה פֿון 52 יאָר און איך געדענק נאָך אַלץ (זינגט)

1993

מײַן יוסף און בנימין

קלאַפּן אין מײַן טיר

און איך קען אײַך זאָגן אַז מײַנע ביידע זין זענען געווען אין ישׂראל בין איך אַזוי אויך געשטאַנען בײַם אויוון און געזונגען די זעלבע לידער מײַן יוסף און בנימין קלאַפּן אין מײַן טיר אָבער מײַן מאַמע האָט עס נישט דערלעבט און איך האָב עס דערלעבט זיי צו זען זיי האָבן אָנגעקלאַפּט די טיר, אירע זין האָבן נישט אָנגעקלאַפּט אַ זייער שווערער לעבן זייער שווער איר ווייסט דאָך און מײַן מאַמע האָט זיך אויסגעוואָרצלט פֿון ווײַסרוסלאַנד זי איז געקומען אין ווילנע אונד איר ווייסט דאָך זי איז געווען דאָס גאַנצע לעבן איז זי געווען אַ פֿירערין פֿון אונדזער דרוקערײַ מיר האָבן געהאַט איינע פֿון די דרײַ יידישע דרוקן אין ווילנע איינע איז געווען רום, ראָזענקראַנץ און מאַץ און פֿראַדקין מאַץ דאָס איז זי געווען די איז געווען די פֿירערין פֿון דרוקערײַ איז מײַן פֿאָטער פּלעגט אַרומפֿאָרן איבער דער וועלט און פֿאַרקויפֿן די ספֿרים וואָס מיר אַליין האָבן געדרוקט איז דעם לעצטן מאָל מײַן פֿאָטער איז געווען צוויי מאָל אין אַמעריקע איין מאָל אין 11טן יאָר דאָס צווייטע מאָל אין 13טן יאָר וועל איך אײַך אַ מאָל באַווײַזן די בילדער ווו ער פֿאָרט אין אַמעריקע מיט סיראָטען מיטן חזן סיראָטע זיבנען זיי געפֿאָרן צוזאַמען אויף אַ שיף האָט ער פֿאַרקויפֿט אַ סך זייער אַ סך פֿון אונדזער (אומל) פֿון די רעליגיעזע ביכער האָט ער פֿאַרקויפֿט צו היברו פּאַבלישינג אַזוי אַז איר זעט אַ מאָל היברו פּאַבלישינג אַ מחזור בית ישׂראל אָדער אַ סידור שׂפֿת אמת אָדער אַנדערע דאָס זענען אַלץ אונדזערע מחזורים און אונדזערע סידורים בלויז אָנגעשריבן היברו פּאַבלישינג געהערן געהערט זיי צו מאַץ דרוקערײַ נו און מײַן ברודער האָט עס דערנאָך

מר/המשך) איבערגענומען וואָס מיין מוטער איז געשטאָרבן לאַנג וואָס
ער ניט. געדויערט ווייל ער האָט זיין געגומען דרוקן ווייסט דאָך
ליטעראַרישע ווערק און נאָכן יידישע געזאַנגען און ליטעראַרישע ווערק
און אַזעלכענע זאַכן איבערזעצונגען אַ סך דראַמעס איז נו לאַנג האָט
ער ניט געקענט געדויערן איז ער געבליבן שטיין ער האָט ווייטער ניט
געקענט פירן דעם געשעפט ווייל פון בלויז אַזעלכענע זאַכן קען מען
ניט לעבן איר פאַרשטייט און אַ מחזור אַ סידור ווערט אומעטום פאַרשפרייט
און די זאַכן זענען ניט ער האָט איבערזעצט למשל די דריי געהאַנגענע
די זיבן געהאַנגענע פון אַנדרעיעוו אַ דראַמע וואָס מ'האָט עס געשטעלט אויף
יידיש און דערנאָך (טאַקע אַוואַנזשנעיעשע) דער עיקר אויך אַ דראַמע
פון ווילנע וואָס איז געווען זייער וויכטיק אָבער קיין געלט פון דעם
האָט ער ניט געמאַכט איז דער סוף איז געווען וואָס ער האָט פאַרקויפט
די דרוק צו די גערער רבין איך וואָרט דעם אמת גערער רבין וואָס
איז דאָך ניט לאַנג געשטאָרבן אין ישראל איז ער האָט אים איבערגעגעבן
די שליסלען און מ'האָט איבערגעגעבן אַלצדינג וואָס איז נאָך געבליבן
נאָך דער ירושה נאָך דער מאַמען און וואָס מיין ברודער האָט שוין ניט
געקענט ווייטער פירן האָט ער דאָס אים איבערגעגעבן איך ווייס
ניט צי ער האָט ער האָט עס מער איבערגענומען צוליב איך פאַרשטייט
כבוד זאָך צו ראַטעווען דעם כבוד פון דער דרוקעריי ווייל עס וואָלט סיי
ווי גאָרניט געוואָרן ווייסט נאָך עטלעכע יאָר וואָלט עס געבליבן
וואָלט עס אַריין אין פרוך און פראָך וואָלט אַלצדינג פאַרלאָרן געגאַנגען
און אַזוי ווייס איך ניט אפשר האָט ער אַרויסגעשיקט אַ סך אין ישראל
ווייל ער איז דאָך דאַמאָלט געווען מסתמא פאַרבונדן מיט ישראל אונד
איז מיין מאַמעס לעבן דאָס איז אַ סענטראַלע קאַפּיטל יעדנפאַלס איז געווען
אינטערעסאַנט זייער און ס'איז געווען אַ גרויסער זכות און אַ
פריוועלעגיע צו געבאָרן צו ווערן אין דער הייס אין דער הויז פון מיין
מאַמען ווייל איך האָב אַ סך געקענט זען אַ סך לערנען פון דער דאָזיקער
הייס פון די דאָזיקע מינהגים און באַציִונגען מענטשן באַציִונגען
אונד אַן עסטעטישן צוגאַנג צום לעבן און יידישן צוגאַנג צום לעבן דאָס
איז דער עיקר מ'איז געווען דורך און דורך יידיש איך געדענק אַז מיין ברודער
בנימין צו לאַנגע יאָרן מיין זון איז געקומען –

(סוף ז' 1)

(אָנהייב ז׳ 2 )

מס מיר זיצן ווײַטער מיט דרוי ראָסקעס

מר יע מײַן ניעדעו אוך מיט פרייד וו ל איך קאָנטינוירן פּאַר
אײַך אונדזער לעבנס-געשיכטע איז נו וועלן מיר אָנהייבן פֿון פרייד
און די פרייד איז צו דערציילן אײַך ווי אַזוי מיר פלעגן פאַרברענגען
אויף שימהוה אויף שימחות איז נישט געווען קיין אַנדער הנאות
אוך קיין אַנדער פרייד ווי געזאַנג מ׳פלעגט זינגען ביז פאַר טאָג
און אָנגעהויבן האָט מען שטענדיק מיט נישלידער און דאָס האָט אַרײַנ-
געבראַכט אין עקסטאַז אין התלהבות און דערנאָך איז מען געגאַנגען ווײַטער און
ווײַטער פאַרשטייט זיך ליד דאָס ערשטע ליד איז שטענדיק געווען געווידמעט
די שימחה איז האָט מען געזונגען (זינגט)

לאָמיר אַלע אין איינעם אין איינעם
דעם נײַעם דור מקבל-פּנים זײַן (2)
לאָמיר אַלע אין איינעם לאָמיר אַלע אין איינעם (2)
טרינקען אַ גלעזעלע ווײַן

מיר זײַנען ניכטער (2)
טרונק איז בײַ אונדז אין האַלדז
גיט אַ ביסל משקה גיט אַ ביסל משקה (2)
וועלן מיר זינגען אײַך (באַלד)

לאָמיר אַלע אין איינעם אין איינעם
נישט שעמען זיך באַקענען (2)
לאָמיר אַלע פריילעך זײַן
לאָמיר אַלע פריילעך זײַן טרינקען ווײַן שיכור זײַן (2)
ביזן העלן טאָג אַרײַן

לאַ לאַ אאַז"וו איי איי אאַז"וו

כ׳האָב געטאָן אזאַן פאַר
כ׳האָב זיך גאָרנישט באַטראַכט
כ׳האָב געמיינט אַז ס׳איז טאָג און צום סוף איז גאָר נאַכט

כ׳וועל שוין מער נישט גנבֿענען גנבֿענען
כ׳וועל שוין נישט גנבֿענען נאָר דאָס מאָל נאָך אַ מאָל

מו(זינגט המלך)

כ'בין געווען אַ ווילדער יאַט כ'האָב ניט געפֿאָלגט דײַן מאַמען
היינט זיץ איך איז ?קיטשקימין אָן קוק אַרויס דורך די קראַטן

כ'וועל שוין מער נישט גנבֿענען
כ'וועל שוין מער נישט גנבֿענען נאָר דאָס מאָל נאָך אַ מאָל

יעצט דאָס איז געווען אַ מאַטפּורי אַ קליינע מאַטפּורי יעצט וועל איך
זינגען אויפֿזינגען די מאַטפּורי/ גייט ווייטער איז דאָס האָט זיך געענדיקט
יעצט הייבן מיר אָן אויף דאָס נײַ (זינגט)

איך וועל מיר מאַטקאָלע האַלטן
און שרײַען פֿאַר דיר ווי פֿאַר אַן אַלטן
איך וועל דיר ערלעך האַלטן מאַטקע
ווײַל זאָרגן דאַרף איך דאָך דײַן לאַסטקע

אײַ יאַי יאַי אַהאַז"וו

איך געדענק ביז ס'איז געקומען אַ נײַ זיידען
דעם טאַטן איז דער שאַדן אַ בידנע רײַדן
האָט ער געדערט און געערדט און ס'איז געוואָרן נישט
ביז די מקוה האָט זיך אַרײַנגעגאָסן

און ווי מען האָט אַרײַנגעגאָסן
דער טאַטעס געוואָרן דער מאַמעס חתן
אײַ יאַ יאַ יאַי אַהאַז"וו

מאַך צו אויף אַ סעקונדע (איבעררײַס) יעצט אַ פּאָר לידער וואָס געהערן
צו דער אַמאָליקער באַנדע וואָס מיר האָבן דאָס אַרײַנגענומען אין אונדזער
טאָג-טעגלעכן זײַן און מיט די לידער האָט מען זיך זייער משׂמח געווען (זינגט)

וואָס ביסטו קעצאַלע ברוגז
וואָס האַלטסטו אַראָפּגעלאָזט דײַן נאָז
אייב דו ווילסט וויסן דײַן יחוס
וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביסט

דײַן טאַטע איז אַ שמאַראָוואָזניק
די מאַמע גנבֿעט פֿיש אין מאַרק
און דײַן ברודער איז דאָך אַ קאַרטאָרזשניק
און די שוועסטער ניאַ ניאַ ניאַ ניאַ

מר(זינגט המשך)

(ברומט ניאַ ניאַ אַאַז"וו)

טאַ פֿלי זשע מײַן פֿייגעלע העכער פֿון אַלע
גיב אָפּ אַ גרוס מײַן טײַער כלה
און וועל שוין מער ניט גנבֿענען נאָר דאָס מאָל נאָר דאָס מאָל
כ'וועל שוין מער נישט גנבֿענען נאָך אַ מאָל נאָך אַ מאָל

כ'בין געווען אַ ווילער יצפּ
כ'האָב נישט געהערט מײַן טאַטען
היינט זיץ איך אין הד-גדיא און קוק אַרויס דורך די קראַטן

כ'וועל שוין מער נישט גנבֿענען נאָר דאָס מאָל נאָך אַ מאָל
כ'וועל שוין מער נישט גנבֿענען נאָך אַ מאָל נאָר דאָס מאָל

יעצט וואָס זאָל איך אײַך כ'האָב דאָך אַ גאַנצע רעפּערטואַר מאַכט אַ מינוט צו ה'כּוד צו קוק מאַן (איבעררײַס) יעצט פֿאַרשטייט זיך אין ווילנע אין 38סטן יאָר ענדע 38 זענען זיך צוזאַמענגעקומען דאָס לעצטע מאָל חברים און חבֿרטעס אויך פֿרײַנד בײַ מײַן ברודער הירש מאַן אונד דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן צו טאָן איז דורך די לידער דורך געזאַנג פֿאַראייניקן זיך מיט אַ מאָל דורך די אַלע יאָרן פֿון אונדזער צושיידונג אַ ליד האָט טע, שטענדיק פֿאַרבונדן פֿון שטהים און פֿון יאָרן מיר האָבן געקענט זיך נישט זען יאָרן יאָרן לאַנג און ווי מ'האָט אָנגעהויבן צו זינגען האָבן מיר דורכן ליד אַזוי גלײַך זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איינס אַזוי ווי ווי מ'וואָלט קיין מאָל זיך נישט צעשיידט דאָס ליד האָט אונדז פֿאַרבונדן צוריק צום זעלבן טיש און צום זעלבן ניגון פֿון וועלכן מיר זענען אַוועק דאָס איז איך האָב אײַך געזאָגט אַז געזאַנג איז אַ תּפֿילה געווען פֿאַר מיר און פֿאַר די וועלכע האָבן מיר אַרומגערינגלט ווײַל געזונגען האָבן מיר שטענדיק בציבור און געזונגען שטענדיק האָבן מיר אונדזערע לידער וואָס האָבן געהערט צו אונדזער צײַט צו אונדזער גײַסט און צו אונדזער שטימונג און צו אונדזער געשמאַק איז פֿאַרשטייט זיך איך האָב נאָר דאַן דאָס ליד נישט געקענט אפֿשר האָט מען דאַן געזונגען דאָס ליד אָבער איך האָב עז דאַן נישט געקענט האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען (זינגט)

מר(זינגט)

איין מאָל (3) וויינען (3)
כ׳קען אָן דיר נישט זיין אוי אוי אוי
איין מאָל וויין איך קען אָן דיר נישט זיין (2)

איין מאָל ////// (3) יאַש (3)
און דווקא אַ גאַנצע פלאַש אוי אוי אוי
איין מאָל יאַש און דווקא אַ גאַנצע פלאַש (2)

איין מאָל (3) ביר (3)
כ׳קען נישט זיין אָן דיר אוי אוי אוי
איין מאָל ביר איך קען נישט זיין אָן דיר (2)

און דאַן האָט זיך מיין אַ פּליטכוניצע ווען איך האָב איין מאָל אין לעבן נישט געזען און זי איז געקומען פון קאָוונע און דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב איר געזען אין לעבן ווייל זי איז אומגעקומען אין צוויי יאָר אַרום שוין בביי די דייטשן איז האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַ בילד-טייטע מיידעלע פון אַ יאָר 11-12 און די האָט זיך אַוועקגעשטעלט און די איז געהאַט געקומען פון קאָוונע איך האָב איר קיין מאָל נישט געזען אין מיין לעבן ווייל קאָוונע איז געווען שטענדיק אָפּגעהאַקט פון פוילן און איך האָב נישט געהאַט דעם מזל קיינעם צו זען און זיי זענען געקומען ספּעציעל זיך מיט מיר טרעפן אין ווילנע ענדע 38 אויף די ערשטע טעג פון ////// 39סטן יאָר איז האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט און זי האָט געזונגען איך וועל נאָר אויפזינגען איין קאָמפּלעט וואָס האָט מיר אַזוי שרעקלעך גערירט מיט מיר איז געזעסן די ברוי טפּאַרד מיין גוטע חברטע פון אַ מאָל און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און ביידע באַמה געגאָסן טרערן ווי שטימונגספול און געפילפול ווי דאָס קינד האָט מיטגעפילט דעם אברהמל מרוויחער פון דעם גבירטיגן כ׳וועל איין נאָר אויפזינגען דעם לעצטן קאָמפּלעט (זינגט)

דאָ ליגט אברהמל דער גרעסטער מרוויחער
אַ מענטש אַ גרויסער געווען וואָלט פון אים זיכער
אַ מענטש אַ פיינער מיט האַרץ מיט אַ געפיל
אַ מענטש אַ גוטער ווי גאָט אַליין נאָר וויל אוי אוי אוי

מר(זינגט המשך)

ווען איבער איז וואָלט געוואַקסן דער מאַמעס אויגן
ווען כ׳וואָלט די לינצמערע גאַס איז נישט דערצויגן
ווען ער צלם קינד וואָלט אַ מאַמען נאָך געהאַט
דאָ ליגט אַבֿרהמל יענער ווילער יאַט

(ברומט)

און דאָס האָט די געזונגען און כ׳קען אײַך זאָגן אַז איך דערמאָן זיך
דאָס ליד אַבֿרהמל מרוויהער און אַז אַמאָליקע קינדער האָבן געקענט האָבן
אַ באַציִונג צו אַזאַ מין טיפּ איז פֿאַרשטייט נים זעענדדיק איב קיין מאָל
איך לעבן נאָר פֿילנדיק אַז כ׳האָב איז געקענט רעטעווען אָט די מאַמע
די לײַדישע מאַמע און זי איז געקומען אין ווילנע אויפֿצוזינגען
דאָס ליד און דאָס איז געווען דאָס לעצטע ליד אירע יעצט האָב איך פֿריער
נאָך דערציילט ווען אַ מעשׂה ווי אַזוי דעם ווײַטערן פּרוי די שטרמען
איך געדענקט וואָס מ׳האָט מיר דערשאָסן געווען אַ מאָל בײַ אונדז אין
שטוב אַ הנוכּה-אָוונט און מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט און איך האָב אײַך
נישט געזונגען אַ פּאָר לידער וואָס איז דאָך אויך יענעם אָוונט אויפֿגעזונגען
געוואָרן און פֿאַר מיר וואָלט עס געווען זייער אַ גרויסער זכות און
אַ פּריווילעגיע צו דערמאָנען די לידער פֿון יענער נאַכט איז אייבער פֿון
די לידער געווען איך האָב געהערט דאָן דאָס ערשטע מאָל אַלס אַ קינד
האָט ער מיר פֿאַרכאַפּט און פֿאַר דער פֿאַר מוז איך דאָס איבערחזרען איין
ליד איז געזונגען יאַמע יאַמע (זינגט)

יאַמע יאַמע שפּיל מיר אַ לידעלע וואָס דאָס מיידעלע וויל
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר רינגעלעך האָבן
דאַרף מען שיקן דעם גאָלדשמיד זאָגן
נייַן מאַמעניו נייַן דו ווייסט נישט וואָס איך מיין
דו קענסט מיר נישט פֿאַרשטיין

יאַמע יאַמע שפּיל מיר אַ לידעלע וואָס דאָס מיידעלע וויל
דאָס מיידעלע וויל אַ היטעלע האָבן
דאַרף מען שיקן די (פּוצ)מאַכער זאָגן
נייַן מאַמעניו נייַן דו ווייסט נישט וואָס איך מיין
דו קענסט מיר נישט פֿאַרשטיין

מר (זינגט המשך)

יאָמע יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע וואָס דאָס מיידעלע וויל
דאָס מיידעלע וויל אַ חתנדל האָבן
דאַרף מען שיקן דעם שדכן דאָס זאָגן
יאָ מאַמעניו יאָ דו ווייסט שוין וואָס איך מיין
דו קענסט יִדשוין פאַרשטיין

שיין האָ? אַ זיס לידעלע און איך ווייסט דאָך מ׳זינגט דאָך נעכט נישט אַט אָ די דאָזיקע לידער און דאָס איז פאַרבונדן מיט אַזעלכענע אַסאָציאַציעס אַז מ׳מוז עס פאַראייביקן און מיין שוועסטער האָט ליב געהאַט צו זינגען דאָס ליד מיין שוועסטער אַנאַ ווארשאַווסקי וואָס איך האָב איבן דערציילט די זינגערין פון קאָוונע פלעגט ליב האָבן צו זינגען (זינגט)

לייג איך מיר מיין קעפּאַלע
אויף מיין מאַמעס בעטאַלע
גייט מיין מאַ ע פאַרביי
נאָך אַן אַנד די מוט און קוילט

שלאָף מיין מיידעלע שיינינקע
אייגעלעך האָסטו שיינינקע
שלאָף געזונטערהייט (2)

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף מיין שוויגערס בעטעלע
גייט מיין שוויגער פאַרביי
נאָכאַנאַנד די טוט און שילט

מיין שנור איז קיין בריה נישט
צו קיין מלאָכה טייג זי נישט
נאָכאַנאַנד די טוט און שלאָגט (2)

לייג איך מיר מיין קעפּעלע אויף מיין מאַנס בעטעלע
גייט מיין מאַן פאַרביי נאָכאַנאַנד ער טוט און גלעט
שלאָף מיין ווייבעלע זיסינקע
ציינדעלעך האָסטו ווייסינקע
שלאָף געזונטערהייט (2)

(133)



מר נאָך אַ ליד פֿון מײַן שוועסטער (זינגט)

די מאַמע האָט מיר אַויפגעשיקט קייפֿן אַ יאַשטשיק
האָציך איז מיר איינגעליבט אַ בחור אַ פּריקאָשטשיק
אוי איז דאָס אַ בחורל אַ שיינס און אַ פֿיינס
מיר פֿאַר זיינע אויגעלעך די קעצאַלע די פֿיינס

די מאַמע מיר אַוועקגעשיקט פֿרעגן אַ שאלה
האָציך איז מיר איינגעליבט דער רבי אויף אַ ווײַלע
אוי איז דאָס אַ רבילע אַ שיינס און אַ פֿיינס
מיר פֿאַר זיינע פּאהלע די קעצאַלע די פֿיינס

די מאַמע מיר אַוועקגעשיקט—

שוין דאָס איז שוין געגוג (לאַכט) דאָס איז שוין די שאלה דאָס איז אַ זיס ליד זייער אַ זיס לידעלע יעצט האָב איך פֿאַרגעסן זייער אַ שיין ליד אַ טישליד וואָס איך קער זיך אום צו די טישלידער איר ווייסט עס טוט אַליין קאָנסטרוירן די טישלידער סעפּעראַט און די ליבעסלידער פֿאַרשיידנס ווײַל בײַ מיר קענען זיי נישט צוזאַמען געדאַנקען איז בײַ מיר אַ קליינער מישמאַש ווערט איר דאָס רעספּעקטירן אָקיי? ווײַל למשל דאָס איז אַ וואונדערלעך ליד וואָס איך האָב אײַך פֿאַרגעסן צו זינגען אַ טישליד ווײַל ס׳איז גוואַלדיק אָדער אפֿשר האָב איך אײַך שוין געזונגען עונג-לשבת (זינגט)

[illegible]

גבאַי וואָס וויל דער רבי
דער רבי וויל אַז די רביצין זאָל מוחל זײַן און געבן
ווער ווייס וואָס? (רעפּעטיר׳)
אַ שטיקעלע פֿיש

פֿאַר ווײַמינס וועגן
פֿאַר די חסידימלאַך וואָס זיי זיצן דאָ בײַמע טיש
אָ יאָ

דער כאָר זינג

עונג לשבת בים באַם באָם באַר
(2)
העגוג ליום-טוב בים באַם באָם

מר(זינגט המשך)

גבאי וואס ווילט דער רבי

דער רבי וויל אַז די רביצין זאָל מוחל זײַן און גייבן

וועד ווייסט וואָס

אַ ביטעלע צימעס

פֿאַר ווייסינגס וועגן

פֿאַר די חסידימלעך וואָס זיצן און לערנען בנאימות

אָ יא עונג לשבת ביי באָם באָם באָם

הענוג ליום טוב ביי באָ באָ (2)

גבאַי וואָס וויל דער רבי

דער רבי וויל אַז די רביצין זאָל מוחל זײַן און גייבן

וועד ווייסט וואָס

אַ ביסעלע לאָקשן

פֿאַר ווייסינגס וועגן

דער אַנדערער שטימע זינגט פֿאַר וועסינגס וויינגן

פֿאַר די חסידימלעך וואָס זיצן און לערנען ווי די אָקסן

אָ יע אַ עונג לשבת בים בים בים

הענוג ליום טוב בים בים באָם (2)

און דאָס האָט געפּאַסט אַזאַ שטימונג אין צוויי שטיקעס האָבן מיר געזונגען דער אַלטאָ האָט געזונגען איין שטימע און איך האָב אַליין איבערגעזונגען איך בײדע איר זאָלט דאָס קענען גלייבן × און דאָס פֿאַרשטייט גיט איין אַ בילד מער האָבן מיר ניט געקענט האָבן צו די חסידים און מער האָבן מיר ס'איז געווען אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט צו זיי ווייל אַפֿילו אין דעם אָפּלאַכן אין דער איראָניע איז געלעגן אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט און אַזוי פֿיל דרך-ארץ און אַזוי פֿיל סענטימענט אַז מיר האָבן באַמיט זיך אַרײַנלעבן זיך אין זייער לעבן און ניט אויסלאַכן זייערע שוואַכקייטן נאָר מאַקע דווקא זייערע שטאַרקייטן און מאַכן איינער פֿון די לידער די חסידישע איז געווען אויך (זינגט)

מר(זינגט)

אַז דער רבי קען טאָן ניסים האָב איך אַליין געזען
ער גייט אַריבער איבער וואַסער און קריכט אַרויס אַ נאַסער

נסים נסים נסים נסים ונפלאות (2

אַז דער רבי קען טאָן נסים האָב איך אַליין געזען
ער גייט אַריבער דעם בלאָטע און ריכט איבער זיבן קאַפּאָטע

רעפריין

געגאַנגען אַנדערע פֿערזן אויך נאָר דאָס איז איינער פֿון די נסים(לאַכט)
איך האָב אַליין הנאה ווײַל איך קער זיך אום צו יענע צײַטן און
איך זיץ בײַ יענע טישן און איך וועק אויף אין זיך צוריק די
אַלע וואָס גייען בײַ מײַן זײַט וואָס זײַנען ווײַטער פֿמעט שוין אַלע
שוין נישטאָ אָבער ווי האָט געזונגען מײַן חבֿר דער אַלק וואָס
איך האָב אײַך געזאָגט וואָס ער איז אַ דאָקטער אין תּל-אָבֿיבֿ און
ער פֿלעגט מאַכן זײַער געלונגענע פּאַראָדיעס מיט מיר צוזאַמען אָבער
דאָס איז געווען אַ פּאַראָדיע וואָס ס'האָט אונדז געשאָנקען צו דער
חתונה האָב איך איבער געזונגען און אַלער צוליב דעם האָט ער אַרויס-
גערופֿן בײַ מיר דעם כּח אַז איך זאָל פֿאַרגעדענקען די שליחות וואָס
זיי האָבן מיר געגעבן מײַנע חבֿרים און חבֿרטעס און פֿאַרגעדענקען די
דאָזיקע לידער איז די שליחות געווען (זינגט)

קינדער ס'איז ביטער ווי צו אונדז אַלע
ס'וויל אונדז פֿאַרלאָזן מאַמע די כּלה
אײַ אײַ אאַז"וו

אַ ליד איז איר לעבן הוכן-החיינו
זאָל זי זיך זינגען אונדז אַ לחיים
אײַ אײַ אאַז"וו

און יעצט באַפּי איך זיך זיי נישט צו אַנטוישן אונדז אָנצוזאָגן די וואָס
זײַנען שוין מער נישטאָ און די וואָס וועלן נאָך קומען נאָך אונדז
אַז די לידער וועל איך מיטנעמען מיט זיך ווײַל דאָס האָט באַגלייט
מײַן לעבן אין אַלע צײַטן און דאָס האָט מיר געהאָלפֿן באמת אַריבערגיין
פֿון אַ סך שווערע און קריטישע מאָמענטן אין מײַן לעבן

#5

מר און יעצט דערמאָן איך זיך אין אַ זייער וואַרעמער היים פֿון
צאַשאַ ראָזען אַ פּלימעניק פֿון דעם קלעצקין פֿון באָריס קלעצקין
און ביי אים פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען די ייִדישע אינטעלעקטועלע
יוגנט די ייִדישע אונד צווישן זיי פֿלעגט אויך אַרײַנקומען זייער
אָפֿט איציק מאַנגער ער איז געווען עטלעכע יאָר אין ווילנע און
ער פֿלעגט אַרײַנגיין אין דעם דאָזיקן הויז און איין מאָל האָט ער
געהאַט זייער אַ גוטע שטימונג און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אונדז און
ער האָט אונדז אויסגעלערנט אַ ליד וואָס איז געווען „גרינע בלעטער“
האָט דאָס געהייסן און ער האָט אונדז אויסגעלערנט דאָס ליד און
איך האָב דאָס ליד פֿאַרגעדענקט (זינגט)

שפּיל ציגײַנער מיר דאָס לידל
גרינע בלעטער אויפֿן פֿידל
אײַ אײַ יאַי אאַז"וו

גרינע בלעטער פֿאַלט אַ שטערן
באַלד וועט ער פֿאַרלאָשן ווערן
לאַ לאַ לאַאַז"וו

פֿאַרט אַ שיף אָדער גוויי
און דאָס האַרץ גייט אויס פֿאַר ווייי
אײַ אײַ אײַ אאַז"וו

נאָך אַ מאָל דאָס אַלטע לידל
גרינע בלעטער אויפֿן פֿידל
לאַלאַ אאַז"וו

גרינע בלעטער שוואַרצע מוירן
וואָס געהאַט האָב איך פֿאַרלוירן
לאַלאַל אאַז"וו

וואָס געוועזן דאָס וועט זײַן
רויט איז בלוט און רויט איז ווײַן
לאַלאַלאַ אאַז"וו

נאָך אַ מאָל דאָס אַלטע לידל
גרינע בלעטער אויפֿן פֿידל
לאַ לאַלאַ אאַז"וו

מה דאָס האָב איך באַרגעדענקט פֿון יענע צײַטן ס'איז דאָ נאָך אַ לידל
פֿון מאַנגערן אָבער דאָס האָט ער פֿאַר אונדז נישט געזונגען און כ'האָט
געזונגען אַ מאָל די ליובע קאַדיסאַן אַמאָל איז זי געווען אין דאָן רעאַל
און זי געזונגען דאָס ליד „איך בין אַ ציגײַנערל אַ קלײנער" דאָס איז
באַרימט דאָס דאַרף איך שוין נישט זינגען דאָס איז נישט איבעריק
דאָס האָט מען שוין געזונגען פּאָפּולער דאָס אַנדערע האָב איך באמת פֿון
קײנעם נישט געהערט אין דאָס איז אַ ליד וואָס ער האָט פֿאַר אונדז
געזונגען אין אַן ענגן קרײַז וואָס מיר האָבן געכאַליעט יעדעס ליד
און ווי איך האָב אײַך דערציילט איז אין יענע צײַטן פֿלעגן אָנקומען
אַ סך לידער פֿון רוסלאַנד ס'איז געווען די צײַט פֿון רעוואָלוציע
און דערנאָך איז געווען די צײַט פֿון איבערקערענישן און דערנאָך
קערענסקיס צײַטן און אַלערלײ צײַטן האָבן אַרויסגעבראַכט אַלערלײ לידער
און אַז די לידער פֿלעגן אָנקומען צו אונדז אין ווילנע פֿלעגן מיר
זיי צעצוקערן און מיר האָבן זיי אַזוי איר ווייסט ממש צוגעדריקט צום
האַרצן און געזונגען בײַ יעדער געלעגנהייט ווען מיר האָבן געהאַט די
געלעגנהייט איז הייב איך אָן איצט אויך רוסיש אַ פּאָר לידער וואָס
זענען מיר זייער נאָענט און טײַער איין ליד האָט געהייסן
אַ וויגליד (קאָלעביעלנאַיאַ פּיעסניאַ) און זינגענדיק אַ מאָל דאָס
לעצטע מאָל מײַן מײַבן מאַרע אויף אַ זומער-וווינונג אין, אַ וואַלד
זײַנען מיר געזעסן אונטער אַרום איר אויך חבֿרטעס און חבֿרים
געקומען אונדז באַזוכן צווישן זיי איז אויך געווען דער לײב
סראַצקי וואָס כ'האָב אײַך דערציילט דער בחור וואָס איז געווען זייער
באַגאַבט און וואָס האָט איבערגעזעצט פּושקינען און אַלע לידער די
ראָמאַנסן וואָס כ'האָב אײַך געזונגען און ער איז אויך געווען דערבײַ
האָט מײַן מאַמע מיר געבעטן איך זאָל דאָס וויגליד פֿאַר איר אויפֿזינגען
און דאָס איז געווען זייער אַ נאָענט ליד צו יענע צײַטן צו יענע שטימונגען
און צו יענע וועלטבאַנעם פֿון דער יוגנט (קאָליבעלנאַיאַ פּיעסניאַ זינגט רוסיש)
איך האָב דאָס פֿאַרגעדענקט ווײַל דאָס איז געבליבן אין מיר דאָס צווייטע ליד
וואָס איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויך זייער אַ בילד פֿון ביילד
וואָס איז צו יענע צײַטן געווען צוגעפּאַסט צו זייער צו זייער גײַסט אין
רוסלאַנד קירפּיטשיקי האָט דאָס געהייסן (זינגט רוסיש) דאָס איז געווען זייער
אַ שײן ליד און אַ פּאָפּולער ליד און אַלע די גאַנצע יוגנט האָט דאָס געזונגען און
דערנאָך איז געקומען די צײַטן אַ ביסל ווען מ'האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל
טראַכטן-

(סוף ז' 2)

138 MFS Roskies XXX

אויסגעלאָזט פֿון פילמען [illegible]



VII

(מנחם סטאַניסלאַווסקי מאַשע ראָסקעס באַנד XXX אויגוסט 16 1973 מאָנטרעאָל, זייַט 1)

* מר (זינגט פּאָליטיש ליד אויך רוסיש) = [illegible] ...

(לאַכט) דו ווייסט דאָך דאָס גייט אַזוי באַרג אַראָפּ X איצט אַ קליינינקע ליבעסליד
אַזאַ זייער אַזאַ לירישע (זינגט רוסיש)

איצט קומט אַ ציגיינער-ראָמאַנס איינער וואָס איך איז געבליבן שטעקן אין
מייַן זכרון "ציגאַנסקער ראָמאַנס" (זינגט רוסיש)

איין ליד פֿון ווערטינסקי וואָס איך האָב אייַך דערציילט מנחם וואָס אין
רוסלאַנד הייבט ער אָן צוריקומען וואָסקריסאַיעט ער קומט צוריק מ'אַנערקענט
אים שוין צוריק אַלס אַ פֿאָלקזינגער און אַנדז האָט ער דאָ אַלעמען פֿאַרכישופֿט אין
יענער צייַט איז דאָ אַ ליד וואָס אויך פֿון דער רעוואָלוציע פֿון דער צייַט פֿון.
דער רעוואָלוציע האָט ער אָנגעשריבן אַזאַ ליד "פּאָסליעדני באַל" (זינגט רוסיש)

אַ בילד אַ אמת בילד וואָס? דאָס איז ווידער וואָס מיר האָבן געזונגען פֿאַרשטייט
געזונגען און.. איצט וועלן מיר אַריבער אַ ביסל צו די לידער נאָך ווילנע אין
טשערנאָוויץ אין טשערנאָוויץ האָב איך געזען צוויי פֿילמען רוסישע נו איר
ווייסט דאָך אַז מ'וווינט אין רומעניען און ס'קומען פֿון רוסלאַנד פֿילמען
לויפֿט מען זיי זען דאָס איז געווען די ערשטע פילמען די קלאַנגפֿילמען מ'האָט
זיי באַווּנדערט און פשוט יעדן וואָרט האָט מען געשלונגען און יעדן קלאַנג
האָט מען פֿאַרגעדענקט און מיר האָבן פֿאַרגעדענקט די דאָזיקע לידער איז איין
ליד איז געווען דאָס איז נישט קיין ליד דאָס איז אַ ליד אַרויסגענומען פֿון אַ
פֿילם "ווּיסיאַלאַיאַ ראַביאַדאָ" אַפֿילו ס'איז געווען פּלאַטן דערנאָך אַרויסגעגעבן
פֿון די דאָזיקע לידער וואָס איך וועל אייַך איצט אויפֿזינגען נאָר איך ווייס
נישט צי זיי זייַנען איצט דאָ צי נישט אָבער איך האָב די לידער פֿאַרגעדעקט
איז ווּיסיאַליאָי ראַביע צוויי זייער וויכטיקע לידער איז איין ליד איז ווו
די יונגט מאַרשירט די גאַנצע דער גאַנצער פֿילם איז אַ יוגנטלעכער פֿון יוגנטלעכע
ווי אַזוי זיי גייען אין וואַלד און זינגען און זיי זייַנען זאָרגלאָז און
פֿול מיט לעבן און דער פֿרײלינג פֿון זייער לעבן איז איז אָנגעקומען (זינגט רוסיש)
און דערנאָך קומט סערדצע אַ ליד אַ ראָמאַנטישע (זינגט רוסיש)
יעצט וועל איך אייַך זינגען אַ קליין ליד אַ פיסמאָ אויכעט אַ ליד פֿון אונדזערע
אונדזערע איר ווייסט דאָך איך האָב אייַך דערציילט אַז מיר האָבן פֿלעגן מאַכן
X און מיר האָבן געהאַט קעמפּס סטודענטישע און דאָרטן אין די קעמפּס פֿלעגן מיר
נאָך אוונטברויט פֿלעגן מיר זיצן שעהן לאַנג און זינגען איז איינע פֿון די
לידער [illegible] וואָס איז געווען פּאָפּולער און מיר האָבן ליב געהאַט צו זינגען צווישן

139



אלע יידישע לידער איז געווען א רוסיש ליד "יאנוואר פעווראל מאסא מארעט"
און דאס איז א ליד וואס מיר האבן געזונגען אין טרעקאוואני אין 1936
אנטשולדיקט 1926 (זינגט רוסיש)

(לאכט) דאס איז [...] כין צאסטושקע און צאסטושקעס איז געווען א ים
א ים מיט צאסטושקעס איז א פאר אזעלכע צאסטושקעס ווע איך אייך אויפזינגען
(זינגט רוסיש)

דאס איז אלץ צאסטושקעס איצט וויל איך אייך אויפזינגען א פאר דאס
האב איך אויפגעזונגען די גוראלסקי ליד פון די דאס (רוסיש) ווייסט
דאך דאס איז געווען קאליע דאס איז געווען קאליע מאכט דאס צו א מינוט
(איבעררייס) איצט דאס איז אלץ 1926 אלט אין דער זעלבער קאלאניע
פוילישע לידער (זינגט פויליש)

נאך א ליד "נוי" איך ווייס ניט צי איך געדענק אלע פערזן נאר וואס
איך קען וועל איך אייך זינגען (זינגט פויליש)

און דאס אנדערע וועל איך אייך זינגען שפעטער אויב איך וועל געפינען
אלע ווערטער וועל איך אייך אויפזינגען דאס גאנצע/ יעצט וועל איך אייך
זאגן מיר וועלן זיך אומקערן צוריק אהיים אין ווילנע האב איך אייך
געזאגט ווען די פאליאקן זענען געקומען האב איך אייך אויפגעזונגען
א ליד איר ווייסט דאך מי פירשא בריגאדא איר געדענקט איז נאך דעם
האבן זיי אויך געזונגען גלייכצייטיק די סאלדאטן אז זיי פלעגן דורכגיין
די גאסן פלעגן זיי מארשירן מיט לידער און איינע פון די לידער וואס
איז געבליבן ביי מיר זייער באמת א איינדרוקספול איז געווען א ליד
פון די ס..קאלן איז האבן זיי אזוי/געזונגען (ווינא דאיטא זינגט פויליש) ✗
דאס איז א מארש א מארש מיט וועלכן די פויליש זיי זיינען געגאנגען איבער
די גאסן געזונגען ס'איז אזוי פיל אומעט און דאס איז געווען אין 20סטן
יאר ווען זיי זיינען געקומען איר ווייסט דאך די דייטשן זיינען ארויס
און זיי זיינען געקומען צווישן 1920 און זיי האבן געזונגען אזוי
טרויעריק דאס איז אוקראינער אוקראינישע סאלדאטן וואס זיינען פארלוירן
געגאנגען אין דער פוילישער ארמיי

מס דאס ליד איז א אוקראינישע
מר דאס איז א פוילישע אויף פויליש מיט אוקראינישן אינהאלט און דער
בענקשאפט נאך אוקראינע זיי האבן געבענקט אהיים און דאס ליד איז
געבליבן ווייל ס'איז/א שיינע ליד און דערנאך פארשטייט זיך האבן אלץ
שטענדיק געזונגען ביים טיש אלץ פוילישע לידער איר ווייסט דאך עס זיינען
געווען זייער א סך פוילישע סטודענטן פויליש-רעדנדע פלעגן זיי זייער אפט
זינגען (זינגט פויליש)

דאָס איז להבֿדיל צו אונדזער לאָמיר אַלע אין אײנעם (לאָכט) אַזוי ווי
מיר פֿלעגן זינגען לאָמיר אַלע אין אײנעם (זאָוי פֿלעגן זיי זינגען „סטאָלאַט"
איצט אַזוי איצט וויל איך אײך זאָגן אַז מיר זענען געפֿאָרן פּריוואַט
אויף אונדזערע אויספֿלוגן האָבן מיר ליב געהאַט שטענדיק אין קאַר וואָס
האָבן נישט פֿליען מיט עראָפּלאַנען אַזוי ווי היינט מיר פֿלעגן פֿאָרן ווייטע
שטרעקעס מיט קאַר איז דאַרף מען דאָך מיט עפּעס זיך אונטערהאַלטן פֿלעגן
מיר אויך אָנהייבן זינגען און פֿלעגן מיר זינגען אַזוי איז פֿלעגן מיר
פֿאָרן מיט די קאַרס און זינגען און אַלץ פֿאַרשטייט זיך לידער פֿון אַ מאָל
און איצט וועל איך אויפֿזינגען עטלעכע לידער וואָס גייען צוזאַמען
אַזוי ווי אַ פּאָטפּאָרי (זינגט רוסיש)
יעצט גיי איך איך האָב שוין אײַך געזאָגט מנחם אַז איר וועט מוזן
רעסטאַווירן אַ ביסל מײַנע לידער ווײַל אַז מ'זינגט אַזוי פֿיל אַרײַן
איז האָב איך אַ ביסלע פֿון אָנהייב דערנאָך פֿון סוף און דער מיטן אַלץ
צו נישט איזהאָט איר מיר געפֿרעגט אַ מאָל וואָס פֿאַראַ לידער מײַן מאַמע
האָט געזונגען איז בשעת־מעשׂה האָב איך אַ סך נישט געקענט אויסגעפֿינען
און זיך דערמאָנען אָבער דערנאָך איז דאָס צו מיר געקומען יעצט וויל איך
אײַך זאָגן אַז דאָס איז געווען שוין מסתּמא מיט הונדערט יאָר צוריק
ווען מײַן מאַמע האָט געזונגען דאָס דאָזיקע ייִדישע ליד און דאָס האָט
זיך בײַ מיר זייער אײַנגעבאַקן אין האַרצן איר ליד איר ליד
איז שטענדיק געווען אַ טרויעריקס אָבער פֿול מיט אינהאַלט און עס #1
איז פֿאַרבליבן, איצט ווייס איך נישט ווי דער נאָמען פֿון דאָס ליד איז
ס'הייבט זיך אָן אַזוי (זינגט ייִדיש)

מר(זינגט)

איך מיטן וועג ווו דו גייסט פֿאַרבײַ
ליגט דאָרט אַ בלום ~~אוין~~ ווא[ס] זי פּוילט
זי ליקט און פּוילט שוין צוויי טויזנט יאָר
און קיינער הייבט זי נישט אויף

רחמנות האָט ווער און קומט נאָר אַהער
הייבט אויף אַ בלום וואָס זי פּוילט
טראָגט מיך אַהין פֿון וואַנעט איך בין
ווו מ'האָט מיך צום ערשטנס פֿאַרזייט

איך מיטן וועג און מ'גייט פֿאַרבײַ
ליגט דאָרט אַ בלום וואָס זי פּוילט
זי ליגט און פּוילט שוין צוויי טויזנט יאָר
און קיינער הייבט זי נישט אויף

רחמנות האָט ווער און קומט נאָר אַהער
הייבט אויף אַ בלום וואָס זי פּוילט
טראָגט מיך אַהין פֿון וואַנעט איך בין
ווו מ'האָט מיר צום ערשטנס פֿאַרזייט

דערנאָך האָב איך זיך נישט לאַנג דערוווּסט אַז דאָס איז ווארשאַווסקיס אַ ליד וואָס ער האָט אַ מאָל אַ מאָל איין די ערשטע פֿון זײַנע שאַפּונגען האָט ער דאָס ליד געמאַכט און דאָס בלום איז ישׂראל איר גאָרלטייט און מיר האָבן שוין דערלעבט ישׂראל וואָס איז שוין נישט קיין בלום נאָר אונטער הייליק לאַנג איז נאָך גוט וואָס מ'קען דאָס פֿאַרבינדן איינס מיטן אַנדערן און דערנאָך אַ ניגון וואָס זי האָט מיר געזונגען אַז איך בין געווען נאָך – אַ ניגון וואָס איך געדענק (ברומט) (גיי שוין געשלאָף)

איין סטראָפֿע פֿון מײַן ליד וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט (זינגט רוסיש)
יעצט מײַנע – יעצט מיר וועלן זיך אומקערן צו מײַנע פֿריסטע פֿריסטע קינדעריאָרן די לידער וואָס איך האָב געזונגען אַז איך בין געווען אַ קליין קליין קינד און איינע פֿון די לידער איז געווען (זינגט רוסיש)
נו דאָס איז אַלץ ליזער וואָס איך האָב זיי געזונגען א(זינגט רוסיש )
נו אַזוי ווי מיר גייען שוין אַזוי ווייט וועל איך גצפּינען נאָך אַ פּאָר קינדערי ניגונים און לידער וואָס איך האָב געזונגען און וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט דערעיקר (זינגט רוסיש)

און דאָ איז אויך און איצט וועל איך אײַך אויפֿזינגען מײַן ערשטן ראָמאַנס וואָס איך האָב געזונגען בײַ די תּנאים פֿון מײַן שוועסטער האָט מען מיר אַרויסגערופֿן אַז איך מוז ווײַל דעמ עולם איך בין אַלט געווען דרײַ יאָר און איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט און איך האָב געמוזט זינגען מײַן ערשטן ראָמאַנס וואָס איך האָב געירשנט פֿון די עלטערע פֿון די עלטערע שוועסטער אַלזאָ האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט און דער ראָמאַנס איז געבליבן אין דער משפּחה אַלס אַ אָנדענקונג איז אַלס אַ אָנדענקונג וועל איך דאָס אויך פֿאַר אײַך איבערזינגען איך האָב דאָס פֿאַרגעדענקט איך געדענק דאָס פֿון יענע צײַטן (זינגט רוסיש) –

(סוף ז׳ 1 אָנהייב ז׳ 2)

מר (זינגט פֿון אָנהײם רוסיש קינדערליד)

דאָס זײַנען קינדערלידער – יעצט אַזוי אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט געמאַכט אין בערלין אויך אַ ציגײַנער טאַבאָר האָט דאָס געהייסן אויך אַ פֿילם איך 25סטן יאָר דאָס איז געווען אין 35סטן יאָר 35 אין טשערנאָוויץ גלײַכצײַטיק מיט דעם רוסישן פֿילם איז געווען אויך גראַנאַכס „ציגאַנסקי טאַבאָר“ די הויפּטמאָטיוו איז געווען אַ ניגון ווי ציגײַנער זיצן אויף אַ פֿור און זיי זינגען אַ ניגון דער ניגון גייט אַזוי (ברומט)

דאָס איז אַ ציגײַנער טאַבער האָט געזונגען די גאַנצע צײַט במשך דעם גאַנצן פֿילם האָט איר געזען דעם פֿור אויפֿן פֿור זײַנען געזעסן פֿול מיט ציגײַנער דאָס איז געווען זייער לייטמאָטיף נו האָב איך דאָס געדענקט מיר זענען דאָך אויך צפֿעס שטיקער ציגײַנער וואָס מיר וואַנדערן איבער דער גאַנצער וועלט יעצט וועל איך אײַך אויפֿזינגען לידער וואָס אַמיינסטנס איז דאָס געזונגען געוואָרן בײַ אבֿדז אין טשערנאָוויץ אין טשערנאָוויץ האָבן מיר דאָך געזונגען לידער וואָס מיר האָבן נישט דערזונגען וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן צו דערזונגען אין ווילנע כּדי צו פֿאַראייביקן ווילנע און פֿאַראייביקן אונדזער יוגנט פֿלעגן מיר זינגען אונדזער באַליבטסטע דועט וואָס מיר פֿלעגן זינגען שטענדיק מיט מײַן מאַן און דאָס איז געווען לייטמאָטיף (זינגט יידיש)

פֿילם

AB

In Czernowitz reconnected to Vilna

Krosno = black hole

די לידער וואָס מיר האָבן ניט באַוויזן צו דערזינגען

מר (זינגט)

איך און דו אַ פּאָרעלע
אויף אונדז אַזאַ יאָרעלע
מירביידע וועלן גליקלעך זײַן
ניט וויסן וועלן מיר פֿון קײַן נויט

איך וועל זײַן דײַן ווײַבעלע
שטיל אַזוי ווי אַ טײַבעלע
ביז כ׳וועל ווערן אַ באָבעלע
יאָ ליבן זיך ביזן טויט

איך און דו אַ פּאָרעלע
אויף אונדז אַזאַ יאָרעלע
מיר ביידע וועלן גליקלעך זײַן
נישט וויסן וועלן מיר פֿון קײַן נויט

איך וועל זײַן דײַן ווײַבעלע
שטיל אַזוי ווי אַ טײַבעלע
ביז כ׳וועל ווערן אַ באָבעלע
יאָ ליבן זעך ביזן טויט

אָן לײַבעלען קען איך שוין מער נישט לעבן
עס איז מיר גוט אין דער מינוט
ווען איך אָן אַנדערן מײַן האַרץ וואָלט אַוועקגעבן
(ברומט)

מענטשן זאָגן אַז ליבע איז ערלעך
ליבע איז
זאָגע זייער געפֿערלעך
ליבע איז די ערלעכקייט אַליין
די ליבע איז דאָך שיין
ליבע מאַכט דאָס לעבן ריין
ווען דו ליבסט נאָר אים אַליין
אַז דאָס לעבן מאַכט עס שיין
(ברומט)

[illegible]



מר(זינגט המשך)

#7

איך און דו א פאָרעלע
אויף אונדז אַזאַ יאָרעלע
מירביידע וועלן גליקלעך זײַן
ניט וויסן וועלן מיר פֿון קיין נויט

איך וועל זײַן דײַן ווײַבעלע
שטיל אַזוי ווי אַ טײַבעלע
ביז כ׳וועל ווערן אַ באָבעלע
און ליבן זעך ביזן טויט

דאָס איז אונדזער לײַטמאָטיף און דערנאָך איז ווידער געקומען אַ שווערע צײַט ס׳איז געקומען מײַן שוועסטער אַנאַ וואַרשאַווסקי כ׳האָב איר ניט געזען 16 יאָר און זי איז געקומען סײַ זיך צו באַגעגענען סײַ זיך געזעגענען דאָס איז געווען כמעט אונדזער איינציקער זען דערנאָך האָבן מיר זיך געזען איין ווילנע איין מאָל און דאָס איז אַלץ 16 יאָר נאָך אונדזער צעשיידונג/ און אַזוי ווי איך האָב אײַך דערציילט איז דאָס געווען מײַן דערציִערין מײַן פּרעצעליסטין און מײַן וועגווײַזער אין לעבן ווי אַזוי מ׳קען דורכגיין דאָס לעבן מיט ליד אויך זי האָט דאָס געטאָן און זי האָט מיר געבראַכט אַ פּאָר לידער וואָס איך וויל דאָס פֿאַראייביקן און איינע פֿון די לידער איז געווען – #8
דאָס 1939 טשערנאָוויץ מײַן שוועסטערס לעצטע ליד (זינגט)

זײַ נישט פֿאַרצווייפֿלט ווען דיר גייט שלעכט
ווען דו האָסט זאָרגן אָן אַ שיער
ווייסט נישט וואָס צו טאָן
קענסט צו קיינעם זיך נישט קערן
נעם דײַן האַנט אַראָפּ פֿון האַרצן הער וואָס איך זאָג דיר

זאָל עס גיין זאָל עס גיין ווי עס גייט
ווײַל דאָס רעדל פֿון לעבן זיך דרייט
הײַנט דרייט זיך עס צו דיר מאָרגן קען זיך דרייען צו מיר
קיין מוט אין לעבן קיין מאָל נישט פֿאַרליר

זאָל עס גיין זאָל עס גיין ווי עס גייט
אויך פֿאַר מיר איז דאָס גליק אָנגעגרייט
נעם דײַן האַנט אַראָפּ פֿון האַרץ ווען ס׳געלינגט דיר נישט מאַך שפּאַס
זאָל עס גיין זאָל עס גיין ווי עס גייט

דאָס צווייטע ליד איז געווען "דער פּאַיאַץ" דאָס איז אַלץ אזוי
כאַראַקטעריסטיש געווען פֿאַר איר געמיט (זינגט יידיש)

געזען האָב איך אַ יונגע שיינע פֿרוי
מיט אויגן בלויע ווי דער הימל גאָר בלוי
געלאַכט האָט זי מיט פּערלדיקע ציין
מיט ליפּעלעך אוי איך קען דאָס נישט פֿאַרשטיין

ווען איך בין צו איר אַריינגעקומען
אַן אַנדער מאַן האָט זי ארומגענומען
(ברומט)
ווייל פֿריילעכקייט געהערט דאָך צו מיין שפּיל

איך בין אַ פּאַיאַץ און איך לאַך
אַ מיאוסער עקלהאַפֿטער שפּאַס
ווען ס'ווילט זיך מיר וויינען
מוז איך לאַכן און לאַכן
(ברומט)
ווייל פֿריילעכקייט געהערט דאָך צו מיין שפּיל

איך בין אַ פּאַיאַץ און איך לאַך
אַ מיאוסער עקלהאַפֿטער שפּאַס

דאָס איז די לידער פֿון מיין שוועסטער וואָס זי פֿלעגט זינגען אַ מאָל נאָך
אין ווילנע (זינגט)

וואָזשע ווילסטו מיין טייער קינד
געבן דיר אַ סטאָליערייונג
ניין מאַמע ס'איז/נישט שיין
אַ סטאָליעריונג קלאַפּט די טשוועקלעך און פּאַטשט זיין ווייבל אויס די בעקלע
ניין מאַמע ס'איז נישט גיט

סאָ וואָזשע ווילסטו מיין טייער קינד
געבן דיר אַ לערעריונג
ניין מאַמע ס'איז ניט שיין
אַ לערעריונג קוועטשט דעם און מאַכט דאָס ווייבל זיינע קראַנק
אָ ניין מאַמע ס'איז נישט גיט

מר(זינגט המשך)

טאַ וואָזשע ווילסטו מיין טייער קינד
געפֿינט דיר אַ סוחר-יונג
יאָ אָ מאַמע דאָס איז שיין
אַ סוחר-יונג האַנדלט סחורה און קושט דאָס ווייבל די בעסטע תורה
יאָ מאַמע דאָס איז שיין

זיט נייך? כ'זאָג אייך דאָס איז אַלט און כ'איז אַזוי באַחנט אמת? יעצט אַזוי איר ווייסט כ'האָב שוין אַזאַ רעפּערטואַר פֿאַרשידנאַרטיקע לידער אַז כ'מוז אייך זאָגן אַ ליד האָט פֿאַרנומען אַ גרויס אָרט אין מיין רעפּערטואַר דאָס איז געווען אַ ליד פֿון אַ גאַסנפּרוי ווייל דאָס ליד האָט געזונגען אַנאַ ליליה אַ גרויסע קינסטלערין וואָס האָט געשפּילט אין אונדזער צייט וואָס האָט געשפּילט מיט גאָדיק און זי איז געווען זייער באַרימט אין פּוילן אַלאַ ליליה אַז זי פֿלעגט קומען אין ווילנע האָט זי געהאַט זייער אַ גרויסן פֿוראָר און דעם גרעסטן שלאָגער און דעם גרעסטן שלאָגליד איז געווען טאַקע "די גאַסנפּרוי" מיט יאָרן שפּעטער אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז געקומען מאַלווינאַ ראַפּעל מיט סטרוגאַטש און זי האָט געזונגען דאָס זעלבע ליד אָבער זי האָט מיט אַן אַנדער אויפֿפֿאַסונג און דאַן האָבן זיך געשאַפֿן צוויי שיטות איינע אַלאַליסטן און די אַלע אַנדערע מאַלוויניסטן אַלאַליסטן האָבן געהאַלטן אַז אַלאַ ליליה האָט דאָס בעסער געמאַכט און (מאַנכע) האָבן געזאָגט אַז פֿאַרשטאַנען דאָס ליד האָט מאַלווינאַ ראַפּעל און אַזוי ווי איך בין געווען צווישן אין דעם גאָלדענעם מיטן האָב איך אויפֿגעכאַפּט דאָס דיזאון איך האָב דאָס געזונגען צווישן מיינע חבֿרים און די חבֿרים האָבן זייער ליב געהאַט ווי אַזוי איך פֿלעג דאָס אויספֿירן איך בין געווען לויטן נוסח פֿון מאַלווינאַ ראַפּעל ווייל איך בין געווען מער נענטער צו איר נוסח האָב איך דאָס געזונגען דאָס גאַסנליד האָב איך געזונגען לויטן נוסח פֿון מאַלווינאַ ראַפּעל און ס'איז זייער געווען אין 1928 (זינגט)

Actors Anna Lillis
Godik

147

מר(זינגט גאַסנפּרוי)

אוווייי ס'איז אַ פּראָסט איך גאַס
די לאַמטערנס לײַכטן בלאַס
און די שטערנס לײַכטן מיט אַן אימפּעט
קומט צו מיר אַהער אַ באוויַבטער גראָבער בער (2)
אַ טאַטע שי פֿאַרשטייט איר מיר פֿון קינדער

אוי נאָר בײַ טאָג איז שווער
זדינט מײַן יונג איך מיליטער
זבענקט זיך דאָך אַזוי נאָך מײַן חתן
ווען ער קומט אַהער וואָלט ער זיכער אָן אַ קלער
חתנים טאַטעס אַלע אויסגעשאָסן
ווען ער וואָלט געקוּנען אַהער וואָלט ער זיכער אָן אַ קלער
חתנים טאַטעס אַלע אויסגעשאָסן

מס זייער שיין און וואָס איז דער אונטערשייד פֿון דעם נוסח און דער אַנדערער

מר דער אונטערשייד יענע האָט עס געזונגען ווי אַן אמהע גאַסנפּרוי און די האָט דאָס אידעאַליזירט, פֿאַרשטייט יענע האָט דאָס געזונגען ברוטאַל אַזוי ווי אַן אמהע גאַסנפּרוי קען זינגען און א'יפֿירן אַ ליד אָן רחמנות און זי האָט געהאַט די סענטימענטאַלקייט איז זיך אויסטײַטשן אויסטײַטשן אויף איר אָרט ווי אַזוי זי האָט איר אויפֿגענומען גאָר אַן אַנדער אַרט אַ סך מילעער און א סך צוטריטלעכער פֿאַרשטייט און נישט יעדער קען דאָס אויפֿאַסן אויפֿן זעלבן וועג איך האָב דאָס אויפֿגעפֿאַסט אַזוי ווײַל מיר איז דאָס געווען נעענטער ס'איז געווען זייער אַ שיינע ליד און איך ווייס נישט צי איך האָב דורכגעלאזן עפּעס צי אַנטשולדיקט מיר אָבער דאָס איז געווען אַ ליד פֿון אַ גאַסנפּרוי וואָס איז צעפּט געוואָרן און דיסקוסירט געוואָרן און מ'האָט או. איר ווייסט דאָך צוויי שיטות האָט מען געמאַכט וועגן דער גאַסנפּרוי האָט מען געמאַכט צוויי שיטות (לאַכט) נו איר ווייסט דאָך דערנאָך האָבן מיר געזונגען מיר האָבן זייער ליב געהאַט און אײנע פֿון אירע פֿון אונדזער באַליבטע לידער איז געווען "פּאָטסעלוניקאָכאַנקאַ" דאָס איז געווען אַ טאַנגאָ איז איינע איין קופּלעט וועל איך אײַך אויפֿזינגען (זינגט פויליש)

"אַ פּאָלנדקע"

מ'דאָס איז אויך אַ פּרוי פֿון אַ גאַסנפּרוי און דאָס האָט געזונגען (ראַבינאָווינאַ)
און איך קען אײַך זאָגן אַז דאָ אין אַמעריקע אפשר איז באַרשוהנדען דער
זשאַנר אָבער יעצט ווען מיר זענען געווען אין שווייצאַריע און דאָרטן
זיצנדיק אין אַ קורזאַל און אַ אָרקעסטער האָט געשפּילט איך ווייס נישט
אַזוי האָט זיך מיר אפשר אויסגעדוכט האָט אַ פּידלער קוקנדיק אַזוי אויף מיר
האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבן שפּילן אַ ליד וואָס גאַנץ פּוילן האָט
עס געזונגען יאָרן לאַנג אויך אויסגעפּירט דורך (אַרדזנווונעם) און געשפּילט
האָט ער עפּעס אַזוי ספּעציעל אין מײַן ווינקל און איך זאָג אײַך די נאָסטאַלגיע
איז געווען אַזוי גרויס שטאַרק בײַ מיר אַז איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס טוט
זיך דאָ ווײַל אויף אַ באַשטעלונג האָב איך מער נישט געקענט איבערלעבן
אַ ליד ווי איך האָב דאָס איבערגעלעבט און דאָס איז געווען דאָס ליד איר
ווייסט דאָך ווי הייסט דאָס "מײַן יידשע מאַמע" האָט זי דאָס געזונגען מיט אַ
אויסערגעוויינטלעכע אויספֿירונג און דער מוזיקער האָט געגעבן אַן
אָרדער בעם גאַנצן אָרקעסטער און מ'האָט געשפּילט מײַן יידעש מאַמע (זינגט פּויליש)
דאָס איז דער לינקאָלן וואָס איז אונטערגעגאַנגען די שיף איז אויף דעם
סמך האָט מען געמאַכט אַ ליד "מײַן יידישע מאַמע" ווי אַ יידישער פּאַסאַזשיר
האָט געשריבן אַ בריוו איידער ער איז אַוועק איז דאָס געווען אַזוי שיין און איך
האָב געטראַכט אַז דאָרטן לעבן נאָך די אַלטע ליגער וואָס לעבן נאָך די אַלטע סאַנגאָס
דאָ זײַנען זיי פֿאַרשוואונדן אַזוי אַז איך האָב אײַך יעצט קיין נײַס נישט
געזאָגט נאָר פּשוט דערמאָנט אַז דאָס לעבט נאָך און דאָס איז נאָך דאָ
און מענטשן זינגען דאָס און מענטשן האָבן הנאָה פֿון דעם און איך קען אײַך
זאָגן מ'האָט אַזוי אַפּלאָדירט ווי עס וואָלט געווען אַ נײַ-געשאַפֿן ליד נישט
ווייניקער ווי דאָ פּידלער אין די רוף און ווײַטער איז אַזוי (זינגט פּויליש)
דאָס איז יעצט פֿאַרשטייט יעצט האָב איך שוין נישט קיין נײַע לידער אַלע
לידער זײַנען אַלטע און ס'איז נאָך געווען אַ וווּנדערבאַרע ליד פֿאַר קינדער
נאָר איר פֿאַרשטייט אַלץ אין דער קאָלאָניע דאָרטן אין 26סטן יאָר איז
געקומען אַשעראָוויטש און ער האָט אונדז געלערנט אַ קינדערליד און מיט
דעם קינדערליד בין איך דורכגעגאַנגען די דערציִונג פֿון אַלע מײַנע קינדערלעך
איך פֿלעג זיי דאָס שטענדיק זינגען און הנאָה האָבן מיט זיי צוזאַמען
זינגנדיק אַ מאַרש אַ קינדערמאַרש (זינגט)

[illegible] פון [illegible] 12 [illegible]

ראָסקעס XXX

[illegible], 1926

מר(זינגט)

איינס און צוויי און דרײַ און פֿיר
וואָס מיר זאָגעז זאָגען מיר
כאָטש מיר זײַנען יונג און קליין
ווי די העלדן ווען מיר גייען

מאַרש מאַרש געגאַנגען
די פויקן געזאַנגען
מיר דאַרפֿן נישט פֿרעגן מיר ווייסן די וועגן
כאָטש מיר זײַנען יונג און קליין
ווי די העלדן וועלן מיר גיין
וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר
איינס און צוויי און דרײַ און פֿיר

און דערנאָך קומט פֿינף און זעקס זיבן אַכט דאָס האָב איך פֿאַרגעסן (לאַכט)
און דערנאָך

ניין און צען און עלף און צוועלף
נישט X
טרעפֿסט (פֿאַלפֿסט) אַ פויער זאָג גאָט העלף
טרעפֿסט אַ בלימל –

דאָס איז אַזוי שיין פֿינף און זעקס און זיבן און אַכט נישט געדולדעט
נאָר געלאַכט און איך האָב ניין און צען און עלף און צוועלף נישט געזאָגט
X טרעפֿסט אַ פויער זאָג גאָט העלף טרעפֿסט אַ בלימל זאָג אים בלי

טרעפֿסט אַ פֿויגל זאָג אים פֿלי טרעפֿסט אַ פֿויגל [illegible]
מאַרש מאַרש געגאַנגען
מיט פויקן געזאַנגען
מיר דאַרפֿן נישט פֿרעגן
מיר ווייסן די וועגן
כאָטש מיר זײַנען יונג און קליין
ווי די העלדן וועלן מיר גיין
וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר
איינס און צוויי און דרײַ און פֿיר

מ'קען אַרויסלאָזן דעם גאַנצן מיטן קען מען אַרויסלאָזן פּשוט נאָכן דערפֿון אַ מאַרש
פֿון אָנהייב ביזן סוף אויב איר וועט נישט געפֿינען די ווײַטערדיקע ווערטער
קענט איר מאַכן דערפֿון אַ מאַרש דאָס איז אַ ליד וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט

אַ וויגליד אַ קליין וויגליד פֿאַר די קינדער (זינגט)

שלאָף זשע מײַן קינד מײַן ייִנגעלע שיינס
די אויגעלעך דײַנע מאַך צו (2)
די מאַמע וועט קויפֿן אַ פֿערדל אַ קליינס
סאָ שלאָף זשע מיר אײַ ליו ליו ליו (2)

* דאָס איז אַלץ פֿון דער באַנדע (זינגט)

פֿעטער פֿעטער פֿון אַמעריקע לאַנד
ברענג אונדז דאָלאַרן פֿון דער ווײַט (2)
אַ דאָלאַר איז אַ יחסן בײַ אונדז אין לאַנד
(ברומט)

דאָס איז אַזאַ מ'האָט געטאַנצט דאָס אויך און געזונגען אַזוי
איך וועל זיך מסתּמא דערמאָנען נאָך אַ סך זאַכן אָבער איצט קענט איר פֿרעגן

מס דאָס איז געווען אַ ליד וואָס מ'האָט געטאַנצט

מר יע

מס איר האָט געזונגען דאָס גאַנצע ליד

מר ניין כ'האָב נישט געזונגען דאָס גאַנצע איר וואָלט געוואָלט דאָס גאַנצע ליד
איך זאָל אויספֿזינגען ? כ'קען אײַך זינגען דאָס גאַנצע ליד שפּעטער איך
האָב אײַך נאָר איין קופּלעט געזונגען ס'איז אַ לאַנגע ליד איך געדענק
יע איך געדענק דאָס גאַנצע ליד אויב איר ווילט קען איך אײַך אויספֿזינגען
דאָס גאַנצע ליד אַן אַנדערש מאָל?

מס ווען האָט איר דאָס געהערט דאָס ערשטע מאָל

מר אָ איך האָב דאָס געהערט אין 28סטן יאָר ווען די באַנדע איז געקומען #4
אַ באַנדע פֿון סטרוגאַטשן סטורגאַטש דאָס איז געווען אַ רעזשיסער וואָס
האָט אויפֿגענומען די בעסטע כּוחות פֿון ווילנער טרופּע דאָרטן געווען
די ראַפֿעל אסתר ראַפֿעל מאַלווינאַ ראַפֿעל און הירשפֿעלד וואָס געפֿינט זיך איצט
אין ישׂראל אין אַרגענטינע זייער אַ באַגאַבטער אַרטיסט אַ ייִדישער
און דערנאָך די אַנדערע איך געדענק זיי נישט אַזוי גענוי אָבער זיי
זײַנען אַלע געווען אָ יע וואַרט דער ליבט איז געווען איינער פֿון די

אַרטיסטן וואָס האָבן געשפּילט איך וועל אײַך אַפֿילו אַרײַנגעבן פֿאַרגעט
יִיוואָ דעם בילד מיט ליכטן מיט הירשפֿעלד מיט אַלעמען וועל איך אײַך
געבן דעם דאָזיקן ווי אַזוי מיר הערן זיך צו דעם ערשטן מאָל צו אַ
ראַדיאָ ווי אַזוי די אַרטיסטן צוזאַמען מיט מיר ווי אַזוי דאָס ערשטע
מאָל אַ ראַדיאָ דאָס איז זייער אינטערעסאַנט צו זען דער אויסדרוק פֿון
די פּנימער נו דאָס איז געווען אין ווילנע אַ קלײנקונסט-בינע
גענוי אַזוי ווי אַרט אַזוי ווי אַרט גענוי דאָס זעלבע

מס ווי אַזוי האָט איר זיך אויסגעלערנט די לידער

מר ערשטנס איך האָב זיך נישט אויסגעלערנט איך בין געווען פֿאַרליבט אין
די לידער איז אַז מ'איז פֿאַרליבט גייט מען יעדן טאָג אין טעאַטער איז
אַזוי ווי זיי זענען געווען מײַנע חבֿרים מײַנע זייער נאָענטע פֿרײַנד
איז האָב איך געקענט גיין פֿרײַ ווען איך האָב געוועלט און ס'איז
געווען אַפֿילו אַזוי ווײַט געגאַנגען אַז איין מאָל ווען מאַלווינא ראַפּעל
האָט געדאַרפֿט אויסלערנען אַ ראָל און ס'איז איר שווער געגאַנגען האָט
זי געבעטן אַז איך זאָל שלאָפֿן מיט איר צוזאַמען און איך זאָל איר אויסהערן
בײַ נאַכט דאָס ליד און זי האָט אַזוי לאַנג געזונגען פֿאַר מיר דאָס ליד
ביז זי האָט אין מיר אַרײַנגעזונגען דאָס ליד און אויב איר ווילט וועל איך
אײַך אויספֿזינגען דאָס ליד וואָס זי האָט אויסגעלערנט בײַ נאַכט אויף
צו שפּילן בײַ טאָג און איך האָב דאָס איבערגענומען פֿון איר גענוי מיט
אַלע פּיטשעווקעס מיט אַלע קנײַטשן איז דאָס ליד געווען איך וויל נישט
זײַן קיין רבי (זינגט)

כ'וויל נישט זײַן קיין רבי
כ'וויל נישט לייגן קיין צוויי פּאָר תּפֿילין
כ'וויל נישט אַז קיינער זאָל מיך דילן
כ'וויל זיך נאָר מיט קינדער שפּילן
איך וויל קיין רבי נישט זײַן נײַן

איך אַן אומגליקלעכער שעה בין איך געבוירן
פֿאַר וואָס האָט מיר די מאַמעניו געהאַאַט
מײַנע קינדעריאָרן האָב איך דאָך פֿאַרלוירן
און אַלס קינד האָט מיר שוין דער טאַטע געשיקט צום לערנען

מר(המשך)

צום לערנען אויף דער עלטער זאָל איך אַ רבי זײַן
פֿון לערנען

ווי רשי זאָגט: שלשה שאכלו משולחן אחד חייבים לזמן
אַז דרײַ ייִדן זיצן צוזאַמען בײַ איין טיש מוזן זיי בענטשן מזומן
ווי איז אָבער דער דין אַז איינער עסט פֿאַר צוויי - פֿאַר דרײַ
איז אײַ אײַ אײַ איז אוי אוי אוי
ענטפֿערט רשי: זאָל איט ווײַל באַקימען
אײַ איך וויל נישט זײַן קיין רבי נײַן
כ׳וויל נישט זײַן קיין רבי כ׳וויל נישט לייגן קיין צוויי פּאָר תּפֿילין
כ׳וויל נישט אַז יעדער זאָל מיך דילן
כ׳וויל זיך נאָך מיט קינדער שפּילן
כ׳וויל קיין רבי נישט זײַן נײַן

(לאָכט) און דאָס וואָס איך אויך קענען געבן אַ בילד פֿון מאַלווינאַ ראַפּעל אַזוי ווי זי פֿירט דאָס אויס נאָר איך האָב אַזוי לאַנג מיט איר איינגעלערנט אַז איך האָב פֿאַרגעדענקט ס׳וועט זײַן אינטערעסאַנט בײַ איר צו פֿרעגן צי זי געדענקט דאָס ליד ווייס איך נישט אָבער איך האָב דאָס פֿאַרגעדענקט איך בין געווען פֿאַרליבט אין ליד אַלץ אַזעלעכס איר זעט אַז פֿון דרײַ יאָר אין עלטער גייט מיר נאָך מײַן ליד און אַלע פּעריאָדן פֿון לעבן זײַנען פֿאַרבונדן מיט די לידער און איך און זיי זיי און מיר איך אָפֿן זיי און זיי אָן מיר ווי אַ קלאַטקע אָן אַ טיר איר פֿאַרשטייט אַזוי אַז מיר זײַנען למשל אַזאַ ליד איך ווייס נישט צי צווישן די ליבעלידער צי איך האָב דאָס אויפֿגעזונגען נאָר דאָס איז געווען אַ ליד זייער אַ פּאָפּולער שיין ליד (זינגט)

אַ ליבע אַ ליבע איז גוט צו פֿירן
מיט אַ מענטשן אָבער נישט מיט דיר
געוואָלט מע קען פֿון דיר קראַפּירן
וואָס האָסטו זיך אײַנגעליבט אין מיר (2)

וואָס שטייסטו אייביק בײַ מײַן פֿענצטער
אַזוי ווי אַ זעלנער בײַ דער טיר
צי דען בין איך שוין די שענסטע
וואָס האָסטו זיך אײַנגעליבט אין מיר

וועסט קריגן אַ בעסערע אַ שענערע
און רײַכער וועט זי זײַן פֿון מיר- (סוף ז׳ 2)

[illegible]

MFS XXX III MK Roskies

(153)

ווניגאת ציִנזעמיגסת ס פּונה קלוב



(מפּס xxx111 פּרוי ראָסקעס 22 אויגוסט און 29 אויג׳ 1973 מר 185-195 און
מוזיקאַלישע ביאָגראַפיע ז׳1)

ער -אָנגעשטויסן זײַינענדיק אויף אַזאַ הויף און כ׳בין זיכער אַז ס׳זענען געווען מענטשן א יפּן הויף וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט ייִדיש אַפּילו אין ווילנע אויף (זיוואָלנע) גאַס זיי זענען געווען אַסימילירט און זיי האָבן נישט געקלערט אַז מ׳דאַרף קענען ייִדיש אָדער מ׳דאַרך מיט די קינדער רעדן ייִדיש אָדער

דאָס איז אַ וויכטיקע זאַך איז אַז זיי האָבן געזען די קינדערלעך שטייען אויף דער גאַס און זינגען די פּרעכטיקע ייִדישע לידער אָדער (זינגט) גרינינקע

ביימעלעך אָדער דינ(לקע צווייגאַליך זאָגט מיר אָ זאָגט מיר ווי קום איך אַהיים איר ווייסט איר וועט פֿרעגן די זאַל דאס אײַך אויפֿזינגען ז׳איז געווען דאַן אַ קליין מיידעלע אָ זי פֿלעגט די אַלע לידער זינגען זי געדענקט אַזוי די ווערטער דאָס איז ווונדערלעך צוגעצויגן הונדערטער הונדערטער מענטשן מיט דעם געזאַנג האָט מיר צוגעבונדן צו דער שפּראַך צוגעבונדן צו אייגנס מ׳האָט געפּילט אַז דורך אַ ליד אַ ייִדיש ליד קען מען אויסדרוקן דאָס וואָס מ׳קען בשום אופֿן נישט אויסדרוקן אין אַן אַנדער לשון

מס געצומען אָנטייל אין געזאַנג-גרופּעס

ער ערשטנס האָב איך גענומען אָנטייל אין אַ זשאַקס זשאַקס דאָס איז געווען זשידאָווסקע אַקאַדעמיצע קאָלאַ ספּאָרטאַווי אין ייִדיש האָט מען גלײַך איבערזעצט מיר זענען געווען אזוי פּרעציז אַז זשאַקס האָבן מיר גלײַך געמאַכט יאַסק וואָס איז יאַסק ייִדישער אַקאַדעמישער ספּאָרטקלוב דאָס איז זשאַקס אויף פּויליש און יאַסק אויף ייִדיש גלײַך אויף גלײַך דאָס איז געווען אַ גרופּע-סטודענטן וואָס אין אָוונט פֿלעגן מיר קומען מאַכן גימנאַסטיק מיר האָבן זיך זייער זייער אַ סך אָפּגעגעבן מיט ספּאָרט יענע צײַטן און דער הויפּטספּאָרט איז געווען גימנאַסטיק איז בײַ נאַכט אַזוי דרײַ פֿיר מאָל אַ וואָך פֿלעגן מיר זיך צוזאַמענ-קומען גרופּנווײַיז מיר פֿלעגן איבן מיט אינסטרוקטאָרן x זייער געניטע אַלץ אין ווילנע זאָלט איר וויסן איז אַלץ געווען עכט ווילנע איז עכט אַלע ערשײַנונגען אין ווילנע זענען געווען עכט די מענטשן זענען געווע זייער אידעאַליסטיש מוסר-נפֿשדיק און ק׳ינער איז נישט געווען מאַטעריאַליסטיש געשטימט און אַזוי אַז איינער האט זיך אויסגענומען אַ פֿאַך אָדער געטראַכט וואָס וועט ער האָבן פֿון דעם פֿאַך וויפֿל ער וועט גאַרדינען/וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון דעם באַלקע (לאַכט) ער האָט נאָר געקלערט וואָס ער קען אויפֿטאָן פֿאַר דער מענטשהייט פֿאַר דער וועלט פֿאַר דער יוגנט און מיט דעם האָט ער שוין אויפֿגעטאָן פֿאַר זיך אַליין אויך

(154)



מר(המשך) דער ספּאָרטסמאַן דער אינסטרוקטאָר פון ספּאָרט איז ממש איקוויסט איינגעבאַקן אין האַרצן איך געדענק אים נאָך עד-היום ווען איך וואָלט געווען היינט א מאָלער וואָלט איך זיכער געמאָלן פּנימער פּנימער פון מיינע לערערס פּנימער פון מיינע אינסטרוקטאָרן אָדער זיי אַלע זענען געווען אַזוי אידעאַליסטיש און אַזוי איבערגעגעבן זייער פאַך און זיי האָבן געהאַט איין פאַך זיי זענען נישט געווען קיין דילעטאַנטן וואָס זיי האָבן זיך נישט אַריבערגעוואָרפן פון איין פאַך אויפן אַנדערן איבערפלאַך זיי האָבן נישט געכאַפּט דאָ און דאָ געשנאַפּט אַ ביסל און דאָ אַ ביסל און היינט איז גוט דאָס טוט מען דאָס און מאָרגן איז גוט אַן אַנדערע זאַך דרייט מען זיך אַריבער דעם דישל און מ'טוט אַן אַנדערע זאַך מ'האָט אַ גאַנצע לעבן געטאָן איין אַרבעט פאַרשטייט דאָך אַז מ'שטעיט די גאַנצע צייט ביי איין אַרבעט פּערפעקציאָנירט מען זיך און לאַ פעטי ווי מען זשאַן מ'גיסט אַריין אין קאַמף מ'גייט אַריין אין געשמאַק און דאָס גיט זיך איבער און קינדער נעמען איבער קינדער פיל איך קען מען נישט אָפּנאַרן און קינדער קען מען נישט פאַרפירן זיי פילן דערפילן גלייך די עכטקייט אַזוי פלעגט זיין למשל זייער קינד זייער אַ לעבעדיקע זייער אַ צאַפּלדיקע און אַ פריילעכע און זייער אַ שטיפערקע אַ גרויסע און געדענק איך איין מאָל האָב איך זיך געוואָלט שטיין אויפן הויף פון דער גימנאַזיע איז געווען אַ וווּנדערבאַרער באַרג און איך האָב זיך געשליטלט און געשליטלט און פאַרגעסן אַז איך כאָרגעזאַנג און ס'איז פאַר מיר געווען זייער וויכטיק די כאָרגעזאַנג אָבער אַ קינד בין איך געווען אַ איך האָב זיך פאַרגעסן אַז ס'איז געווען אַ קלונג די גלאָק האָט געקלונגען און מ'דאַרף גיין (לאַכט) מ'האָט געדאַרפט גיין זינגען האָב איך זיך געשליטלט האָט מען מיר באַמערקט דורכן פענצטער און מ'האָט מיר געדאַרפט האָבן ווייל איך האָב דאָך געזונגען סאָלאָ האָט עמעצער מיך דערזען אַז איך שליטל זיך און מיר אַריינגערופן אין צימער און איך קען אייך זאָגן אַז כ'האָב אַזאַ חרטה געהאַט אויף דעם וואָס איך האָב אָפּגעטאָן כ'האָב געטראַכט אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט עס שטייט בלעפ) און איך פאַל אויס ווי דער רעכטער האַנט זיינע און מיר האָט זיך פאַרגלוסט שליטלען דערפאַר ווייל ס'איז געווען אַ גוטער וועטער און ס'איז געווען פּונקט אונטער דער האַנט אָבער ס'איז דאָך דאָס איז אייגענטלעך דער ציל איך דאַרף דאָך זינגען און איך דאַרף דאָך זינגען און כאָר האָב איך זיך גלייך פאַרגעסן אין מיין שטיפעריי כ'האָב זיך אַריינגעלאָזן אין דער ערנסטקייט פון דעם געזאַנג און איך האָב דאָס זייער ערנסט גענומען יעדע זאַך האָב איך גענומען ערנסט

slep

מס אָנטייל גענומען אין מוזיקאַלישע גרופּעס

רפ ניין כ'האָב אייך דעם ספּאָרט נאָך נישט פאַרגעסן איז טאַקע נאָכן ספּאָרט

פר(המשך) פֿלעגן מיר טאָקע אַוועקגײן אין וואַלד און אַ מאָל טאָקע דעם
אין פֿרילינג דעם 21סטן מאַרטש ס'איז געווען אַ וווּנדערלעכסטע פֿרילינגסנאַכט
האָבן מיר באַשלאָסן מיר גייען באַגעגענען פֿרילינג אין וואַלד און דאַן
זענען מיר אַוועק אין וואַלד און דאַן האָב איך פֿון ערשטן מאָל געזונגע. עה
„גאָלדענע קינדהייט דערמאָנט מיר אצינדער פֿאַרלאָפֿענע יאָרן" גאָרניט x דאָס
האָב איך געזונגען בײַ נאַכט איז דאַן האָב איך זיך באַקענט מיט מײַן געוועזענעם
חתן און צוליב דעם טאַקע צוליב דעם יאַסק צולים דעם ליד צוליב דעם וואַלד
צוליב אַלע אומשטענדן האָב איך חתונה געהאַט אַ קינד מיט מײַן מאַן און דאָס
זײַנען די רעזולטאַטן (לאכט) אַ ביסל ראָמאַנטיש און אַ ביסל ערגיש) זייער ערגיש) עכט
זייער עכט און נאַטירלעך און איך ווייס דאָס איז געווען און דורכן ספּאָרט
איז זײַנען מיר טאַקע געווען שטאַרקער מיר זײַנען געווען פֿיזיש זייער
שטאַרק מירהאָבן קאַלאָריעס נישט געציילט מיר האָבן נאר נישט געציילט די
קרויטן איך טאָמ אַז ס'איז געווען פֿרישע ברויט און ס'איז געווען וואָס צו עסן
האָבן מיר געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און מיר זײַנען געווען אַלע שטאַרק און
געזונט און איך אַ געזונטער קערפּער איז אַ געזונטער גײַסט מיין איך אַז מיר
האָבן געהאַט געזונטע גײַסטער מיר האָבן אויסגעקליבן דעם וועג און מיר האָבן דאָס נישט
פֿאַרלאָזן האָבן מיר געהאַט אַ אויסדויער דער אויסדויער קומט פֿון אַ געווייסן
גײַסט און וועגן מוזיקאַלישע זאָג איך אײַך איך בין די גאַנצע צײַט נאָכגעגאַנגען
דאָס ליד און אַז איך ווילנע זענען אָנגעקומען די אַרטיסט און אַזוי ווי איך
בין געווען שטענדיק אין טרויער לײַדער מײַן מוטער איז געשטאָרבן אַך בין
אַלט געווען נישט אין גאַנצן זעכצן יאָר כ'האָב נאָך נישט געהאַט געענדיקט
גימנאַזיע מײַן מאַטורע האָב איך באַקומען נאָכן טויט פֿון מײַן מאַמען נו איז
איר ווייסט דאָך פֿאַרלאָרן די מאַמע פֿאַרלאָרן די היים אונד איך האָב געזוכט
אַ תיקון און כ'האָב געפֿילט אַז דאָס גרעסטע וואָס קען מיר אויפֿהאַלטן איז
געזאַנג איז ווי זאָל איך זוכן געזאַנג אין טעאַטער האָט זיך געמאַכט אַזוי אַז
פּונקט ווען ס'איז געווען שלושים נאָך מײַן מאַמעס טויט איז אין ווילנע דאָס
ערשטע מאָל אויף דער אמתן אַזוי אַ פּאָר חדשים געקומען די ווילנער טרופּע
און אין ווילנער טרופּע איז געווען דער דירעקטאָר פֿון ווילנער טרופּע איז
געווען מײַן לערער פֿון גימנאַסטיק אין ווילנע אַלס אַ קינד אין קינדערגאָרטן
איך וועל אײַך ווײַזן דעם בילד און וועל איך אַרײַנגעבן אין ייִוואָ
כ'וועל אײַך זאָגן דאָס איז געווען מאַזאָ און מאַזאָ איז געווען מײַן לערער פֿון
ג'מנאַסטיק און לויט מײַן מיינונג איז דאָס געווען דער איינציקער מענטש
וואָס איך האָב געקענט וואָס האָט זיך אָנגעשטעלט פֿון אַ לערער פֿון גימנאַסטיק
איז ער געוואָרן אַ דירעקטאָר פֿון "ווילנער" טרופּע אין וואַרשע און ער איז

P.S. [illegible]

ער(המשך) אַראָפּגעקומען מיט דער ווילנער טרופּע מיט די גאַנצע מעט אָרלעסקא
אונד מיט דאַמאָלס איז געווען די שטיינס און געווען ווינטער און ס'איז געווען
איינע נאָומי נאומי איז געווען די שוועגערין פֿון מײַן שוועסטער אײַזענבאַרג
איר מאַן איז געווען זייער אַ באַרימטער סקולפּטאָר אײַזענבאַרג אַבֿרהם אײַזענבערג
אונד זי איז געווען לאה נאומי איז גווען אַ גרויסע אַרטיסטקע פֿון ווילנער
טרופּע נו אַזוי ווי זי זי איז געקומען צו אונדז און זי האָט געזען אַ קליין
מיידעלע פֿון אַ 15 16 יאָר עלנט און אַן אַ מאַמע האָט זי מיר געוואָלט טרייסטן
האָט זי מיר אײַנגעלאַדן אויפֿן „דיבוק" כ'האָב מער ביז דאַמאָלס קיין דיבוק נישט געזען
ביז 15 יאָר האָב איך דעם דיבוק נישט געזען און זי האָט מיך אײַנגעלאַדן אַלס איר
גאַסט צו קומען צו זען בין איך געקומען אונדס'האָט געמאַכט אויף מיר אַ גרויסן
רושם און אינטערעסאַנט איז אַז דעם גרעסטן אײַנדרוק האָט געמאַכט אויף מי (ווייס'ך)
אַלס משולח און פֿון די גאַנצע דיבוק איז מיר געבליבן דער פּראָטאָטיפּ פֿון משולח
אַז אייגנטלעך דאָס וויל איך זײַן אין לעבן, איך וויל זײַן אַ משולח. איך וויל נישט
זײַן לאה, איך וויל נישט זײַן די מאַמע, איך וויל נישט זײַן די שוויגער. איך
וויל זײַן דער משולח. איך ווייס ס'איז מיר געפֿעלן גוואָלן זײַן שליחות איך בין
געקומען אַהיים זייער אַ באַצויבערטע מײַן פֿאָטער האָט מיר געמאַכט אַ גרויסן פֿאָרוואָרף
צו שלושים בין איך שוין אַוועק אין טעאַטער, האָב אים אים געזאָגט אַז איך ווייס אַז
מײַן טרויער וועט אין אַ יאָר אַוועקגיין וואָלט איך זיכער נישט געגאַנגען נאָר
מײַן טרויער וועט מיטגיין מיט מיר מײַן גאַנצע לעבן, און אַזוי איז דאָס געווען
ס'איז נאָר געגאַנגען אויף מיר אַלע יאָרן און איך טעאַטער בין איך געגאַנגען אַלע
טאָג וואָס מער איך בין געגאַנגען אַלץ מער האָב איך בעפֿילט די פֿאַריומסקייט
איז די ווילנער טרופּע זאָג איך אײַך האָט מיך ממש דאַן געראַטעוועט איך בין
געגאַנגען יעדן טאָג אין טעאַטער אַרײַן און כ'האָב געזען אַלע פֿאָרשטעלונגען
די לעצטע די „גרינע פֿעלדער" און דעם די גרינע פֿעלדער און „דער וואָס קריגט די פּעטש"
זיי האָבן געשטעלט דאָרט אַ גאַנצע סעריע מיט לידער מיט זייערע קאָמישע וועקק
אונד אַלע אַלץ זאַכן וואָס זיי האָבן אויסגעפֿירט מורעווסקי דאַן געווען אין דער
הויפּט ראָל מורעווסקי פֿון ווילנע איז דאַמאָלט געווען דער אַרטיסט ער האָט
אויסגעפֿילט די הויפּטראָל איך האָב זייער הנאה געהאַט אָבער פֿאַרשטייט זיך צו דער
דראַמע בין איך קיין מאָל נישט געקומען ס'איז געקומען דאָרטן די ניגונים און
ס'איז געווען „ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" איז געקומען דער ייִדן פֿון ביי נאַכט
אויפֿן אַלטן מאַרק דאָס האָט מיר אויפֿגעשוידערט דאָס האָט מיר אויפֿגערודערט און
דאָס איז געבליבן איך האָב אײַך געזונגען דאָס ליד איך האָב אײַך דאָס אויפֿגעזונגען

Нашу землю-Нам

ער (המשך) איר האָט עס ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק (נאַשו זעמליע נאַם)
וואָס עס גייט אַ לאַנגע ליד דעם בערנמאַנען איך האָב איך בערצייל דעם
בערנטאַנען אַלץ וואָס זיי האָבן דאָרטן געזונגען האָב איך אַריינגעזונגען
פֿריער אין דער ערשטער פּלאַטע איז די ניגונים זיינען געבליבן אָבער דאָס
איז נישט געווען געננג פֿאַר מיר דאָס איז געווען בלויז דער אָנהייב
פֿלעג איך גיין אין יידישן טעאַטער דערנאָך איז געקומען יע אין דעם יידישן
טעאַטער האָט אויך געשפּילט דאַן הירשפֿעלד זלמן הירשפֿעלד ער איז געווען
דאַן זייער אַ יונגער עס און ליכט דער ליכט וואָס פֿירט אָן איצט מיט די בינע
אונדזער פֿאָלקסבינע דער ליכט איז געוועזן אַ יונגער זייער און ער האָט
געשפּילט דאַן איך ווילנער טרופּע ווען איך האָב אים דאָן דערזען צום ערשטן
מאָל און איך האָב זיך מיט די מענטשן פֿאַפֿריינדעט ס'איז אויך געווען אסתר
אַפּעל אסתר ראַפּעל איז געווען דאַן נאָך אַ יונגע מיידעלע און זי האָט געשפּילט
דאַן קלענערע ראָלן אָדער זייער חנוודיק האָט זי געשפּילט און זייער טאַלענטירט
און דער הירשפֿילד האָט מיר זלמן הירשפֿילד ער איז איצט אין ישראל און ער
רעזיסירט אין פֿאַרשידענע שטעט דוד האָט אים געהערט אין ירושלים אַזוי איך
דעם זעלבן זשאַנער וואָס גראָסבאַרד אָבער איר ווייסט דאָך יעדער מאַכט עס אויף
זיין אייגענעם אופֿן און זייער אַ טאַלענטירטער מענטש און איך קען אייך
זאָגן אַז דער הירשפֿעלד האָט מיך דאַמאָלס זייער אויפֿגערודערט פֿאַר וואָס ווייל
כ'האָב געוווסט אַז ער איז געווען אַ סטודענט פֿון רעכט אַדוואָקאַט און ער איז
שוין געווען אַוואַנסירט האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן זיין שטודיום און ער איז
געקומען אין ווילנער טרופּע און ער איז געוואָרן אַן אַרטיסט אַ יידישער אַרטיסט
און דאָס איז ווי זאָל איך אייך דאָס זאָגן דאָס איז געווען גרויס מסירת-נפֿש
וואָס מ'האָט געדאַרפֿט זיין זייער אַ גרויסער אידעאַליסט אַ חוץ אַ טאַלאַנט האָט
מען געדאַרפֿט האָבן אַ גרויסער באַגער מ'זאָל איבערבייטן דעם פֿאַך און ער האָט
חתונה געהאַט נאָך מיט אסתר אַפּעל און זיי זענען געווען מיינע נאָענסטע
פֿריינד און זיינענדיק מיינע פֿריינד זענען זיי געקומען קיין ווילנע מיט
דער באַנדע מיט סטרוגאַטשן און ס'איז ווידער געווען נישט לאַנג נאָכן טויט
פֿון מיין פֿאָטער און איך בין שוין געווען איך גאַנצן אַליין ( אָן עפּטוב)
* אַן עלטערן און אָן אַ היים און מיין היים איז געוואָרן דער טעאַטער און איך
פֿלעג גיין אין טעאַטער יעדע נאַכט ווען איך האָב נאָר געקענט בין איך
געגאַנגען און דאָרטן האָב איך געשעפּט יעדן וואָרט און יעדן קלאַנג ווייל
ערשטנס איז עס געחען די צייט ווען איך האָב געקענט מיין אויפֿנאַמס-אַפּאַראַט

פר(המשך) איז געווען אפן אזוי ווי איינער מאשין איז אפן אזוי איז געווען מיין קאפ אפן פאר דעם ווייל אזוי האב איך זיך געניישיקט אין דעם כ׳בין געווען אויס־געהונגערט נאך א ליד ווייל דאס ליד איז מיין לעבן תוך־מן־החי איז האב איך א סך געגנאסן פון זיי פריער איז געווען דער ארטס און אין ארטס איז געקומען (אנא) לילית און באדיק און זיי האב איך אויך געהערט טאקע דאס פון באדיק האב איך איך נישט ארייגעזונגען דאס ליד באדיק מיט ארא לילית זיי האבן געמאכט א פוראר ווייל דאס איז געווען די ערשטע קליינקונסט־בינע וואס איז געקומען צו אונדז אין די אנהייב צוואנציקער יארן זיי פלעגן קומען (זינגט)

איך דרויסן פאלט א רעגן (2)

איך דרויסן פאלט א רעגן מיט א קליין ביסעלע שניי (2)

און אלע מיינע יארן בין איך אין טורמע געזעסן

און אלע מיינע ביינער טוען מיר וויי אוי וויי

דער יאלט איז מיר מקנא (2)

דער יאלד איז מיר מקנא אויף מיין דאר שטיקעלע ברויט (2)

און אז איך בין געווארן עלטער

בין איך געווארן קעלטער

און גנבנען האציך מיר פארגלוסט אוי פארגלוסט

די לידער האבן זיי געזונגען מערסטנס גנבים־לידער און דאס ליד פון די גאסנפרוי און לידער שיינע און לידער זאכלעכע פאלקסטימלעכע אבער צו מיר האט עס נישט אפעלירט איר ווייסט דאך פעטער כעטער פון אמעריקעלאנד מיט אנדערע לידער אבער אז די זינגען געקומען פון די באנדע זענען געקומען מיט משה בראדערזאנען און משה בראדערזאן און געבירטיג האבן געוואלדיק געווירקט אויף מיין פסיכיק אויף מיין שטימונג און אויף מיין געמיט און דורך זיי האב איך געזען אז ס׳איז דערגאנגען אזוי ווייט אז איר שוועסטער איז אויך געקומען זי איז געווען חתונה־געהאט מיט געבירטיג האט איר געבעטן זי זאל ארייגקריכן אין דער שפיל ווייל ער האט זייער געוואלט זי זאל אויספירן זיינע לידערזי איז געווען זייער א באגאבטע ארטיסטין פון א מאל דערנאך האט זי איבערגעריסן דעם געזאנג און מיט דער סטרוגאטשן איז אוועק אין ווילנע גלייך אויף דער בינע אין אוי ווי זי האט זייער ליבגעהאט די בינע מאדורנא באמא וואס זי איז איצט אין נים־יארק זי האט זייער לאנג געזונגען פארן ראדיא אפילו פראגראמען געגעבן ראדיא־פראגראמען זייער א גוטע אקטריסע און אן עכטע זייער א טאלענטירטע און א שיינע און זי האט מיך זייער פארכאפט אז א מענטש קען איבערלאזן א מאן מיט א היים מיט

159

באַ מינדערס מאַזלטינס 7 דרייסטקייט

ער/המשך) באַקוועמלעכקייטן און וואַלגערן זיך מיט אַ טרופּע ווו׳ געגעכטיקט ווו׳ געטאָגט צווישן געסלעך און שטעטלעך און ווו׳ זענען זיי ניש אויסגעפאָרן און דער מאַן האָט זייער געליטן פֿון דעם און געוואָלט זי זאָל קומען אַהיים נאָר זי איז געווען אַזוי פֿאַרליבט אין יידישן טעאַטער אַז זי איז נישט אַוועקגעגאַנגען פֿאַר יאָרן לאַנג האָט זי געזונגען אין דער באַנדע האָט זי

= משולח

מיר זייער זייערן/אַפּעלירט צו מיר אַז מ׳קען אַוועקוואַרפֿן עפּעס צוליב בינע אָדער צוליב געזאַנג צוליב מיסיע דאָס איז געווען באמת שליחות אָדער זי האָט אויפֿגערודערט ווילנע גאַנץ ווילנע האָט דאַן געזונגען עס איז געווען אַפילו אַ פּאַראָדיע (זינגט)

עס איז גאַנץ ווילנע אַראָפּ פֿון זינען
עס האָבן אַלע שרעקלעך ליב מאַלווינען (לאַכט)

אַ פּאַראָדיע האָט מען געמאַכט איך האָב אַ גאַנץ ליד געמאַכט און געווידמעט מאַלווינען פֿאַר וואָס ווייַל מ׳דאַרף האָבן בלויז איין צינדער מ׳זאָל אָנצינדן מ׳דאַרף דאָך נאָך האָבן דעם פֿונק דעם געטלעכן פֿונק מ׳זאָל אָנצינדן און זי האָט אָנגעצונדן דאַמאָלס גאַנץ ווילנע אַראָפּ פֿון זינען אַלע שרעקלעך ליב מאַלווינען און איך האָב איר אויך ליב געהאַט און ליב געהאַט איר געזאַנג ביז איך איר נאָכגעגאַנגען דאָס פֿון איר האָט זיך אָנגעהויבן מייַן (באמנות) מייַן שטעקן אין דעם איך האָב אָנגעהויבן שטעקן אין דעם ליד ווייַל פֿריער האָב איך געזונגען פֿאַרלאָזן אַוועקגעגאַנגען ווייַטער געקומען אָבער זייַט דאַמאָלס ביז איך געבליבן שטעקן אין דעם ליד און דאָס ליד איז אַדורכגעגאַנגען דורך דאָס לעבן אין

Krosno
KROSNO

גראָסנע מיר זענען געווען אין גראָסנע 5-6 יאָר זייער אַסימילירט שטעטל און נאָך אַסימילירטער איז געווען דער קרייַז און די פֿאַבריק ווו׳ מיר האָבן געוווינט מיר האָבן געוווינט אויף דער פֿאַבריק און איך זאָג אייַך ווען נישט דאָס ליד און ווען נישט דאָס יידישע וואָרט דאָס יידישע בוך וואָלטן מיר אין גאַנצן פֿאַרגרעבט געוואָרן (לאַכט) דורך דעם טאַקע וואָס מיר האָבן געהאַט דאָס ליד און מיר האָבן געהאַט דאָס געזאַנג געהאַט דאָס יידישע בוך די ליטעראַטור און די קולטור האָבן מיר נישט נאָר אויפֿגעהאַלטן זיך אַליין די גאַנץ גוט אונדזערע און די שטאַרקייט

קרײַזן
אַסימילאַציע

מיר האָבן נאָך אָנגעשטעקט אַנדערע און מיר האָבן אויף אַזוי ווייַט אָנגעשטעקט אַז איך האָב אייַן דערציילט אַז אַ דאָקטער איז געקומען אַהער איז דאָס ערשטע וואָס ער האָט מיר געזאָגט דייַן רייזעלע האָט מיר געהאָלפֿן דורכגיין דעם קריג נו איך ווייס נישט אויף וויפֿל אמת עס איז געווען גענוג אַז ער איז געקומען מיט דעם געדאַנק און די ווערטער איז דאָס אויף אַ גרויסע זאַך אַז ער געדענקט ווילנע איז שטענדיק מיר צוריק אונדזערע קרייַזן האָבן אַ סך

מס צי האבן טייל מענטשן עס געזונגען מער ווי אנדערע

פאר פארשטייט אזוי איך געהער צו די מענטשן אז מיר דאכט זיך אלץ ווו איך

געהער זענען אלע איך קען נישט זען אנדערע מיר דאכט זיך אז איר פרעגט ביי

מיר וועל איך אייך זאגן אז גאנץ ווילנע האט געזונגען און גאנץ ווילנע

האט גערעדט יידיש און גאנץ ווילנע איז געווען פרום און גוט און יידיש

(איבערריים)

מיין מאמע קומט פון מינסק און איך האב געהערט פון דעהווייטנס איך האב

נישט באוויזן קיין סך צו הערן פון איר פארגאנגענהייט אבער געהערט האב איך

אז איר זיידע איז געווען א מאל א חזן אין רוסלאנד א גרויסער חזן און

די מאמע האט גערשנט פון אים זייער א גרויסן און א שטארקע שטימע און

מ'האט איר אפילו צוגעזאגט א גרויסע קאריערע און צוקונפט און די קאריערע

איז געווען וואס זי איז אוועקגעפארן קיין ווילנע און זי איז געווארן א

מאמע פון א סך קינדער און פון א דרוק וואס האט געהייסן דרוקעריי מאן - מ״ץ

אין ווילנע פון די דריי דרוקן ראם, ראטנקראנץ און מאץ דאס איז געווען

דריי יידישע דרוקן וואס האבן געשפיצט גאנץ יידישע פועלט מיט × מיט

זייערע ספרים שוועסטער האט געזונגען און אויף אזוי ווייט אז מיין שוועסטער

אנע איז געקומען זעכצן יאר האט זי מיר ליכט געזען איז זי געקומען איך

טשערנאוויץ און דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מיר האבן זיך געקענט ווידער

באמת ארומנעמען איז אייך נאכט האב איך געווידמעט די דערינערונגען פון

דער משפחה און אזוי ווי איר זאגט געווען זעקס שוועסטער מיט פיר ברידער

איז ווי אזוי דערוועקט מען אין די געדאנקען מענטשן וואס זיינען נישטא

דערביי האב איך באשלאסן דורך געזאנג ווייל א יעדע איינע האט געהאט אן

אנדערע זשאנער אן אנדערע כאראקטער האט זי געהאט אן אנדער זשאנער פון איר

געשמאק איך וועלכן זי האט אויסגעדריקט איר ליד אנדערע האבן געזונגען

אפערא די שוועסטער מיינע (מינא) האט געזונגען אפערע זי איז געווען אין

אפערן זינגערין אן אמתע אפערן-זינגערין האט זי קענען זינגען אפערעס

אויסווייניק פון אנהייב ביזן סוף און זי איז אויך געווען א לערערקע פון

מוזיק זי האט זייער גוט געשפילט איך ווילנע און דער נאך האט זי געוווינט אין

ווארשע כ'האב אייך געזאגט זי איז געווען די שוועגערין פון נאומי פון די

ארטיסטן איז זי געווען אן אפערען-זינגערין און די אנדערע איז געווען

אן אפערעטן-זינגערין די דריטע איז געווען ציגיינער-לידער דאס איז געווען

איר זשאנער אויף רוסיש און יידיש אויך אנע ווארשאווסקי האט געזונגען יידיש אלע

די גאנצע צייט האט זי געהאט צו טאן מיט יידיש אבער די אנדערע שוועסטער האבן

געזונגען אמיינסטנס רוסיש און ראמאנסן און אנדערע האבן געזונגען און איך

בין געווען פאלקסלידער איך אז איך פון קינדווייז אויף האב איך ליב געהאט

Mina

פֿאָלקסלידער = לידער וואָס האָבן צו טאָן מיט מײַן לעבנסוועג

פר(המשך) פֿאָלקסלידער קינדערלידער אַזעלכע זאַכן וואָס האָבן געהערט צו מײַן לעבנסוועג

מס טייל משפּחות מער מוזיקאַליש ווי די אַנדערע

פר ניין אַלע זענען געווען מוזיקאַליש אַלע אונזערע די גאַנצע משפּחה איז געווען זייער מוזיקאַליש שוועסטער נא איך מיין אַז מוזיקאַלישקייט געהערט צו ירושה דאָס גייט בירושה אָ יע ווײַל אי ווייס מײַנע קינדער זענען אויך זייער מוזיקאַליש יע זייער מוזיקאַליש

מס ווי דערקענט מען אויב אַ מענטש איז מוזיקאַליש

פר די ערשטע זאַך לויט מײַן מיינונג איז אַז מ׳פֿאַלשט נישט קיין טענער איך האָב למשל קיין מאָל איך לעבן כ׳האָב געקענט זיך נישט אויסלערנען אַ ליד נאָר ס׳איז נאָך נישט געשען אַזאַ זאַך אַז איך זאָל פֿאַלש זינגען אַ ליד אַז איך זינג עפּעס זינג איך בדיוק אַזוי ווי דער ניגון גייט איך וויל עס אויספֿירן לויט מײַן פֿאַרשטאַנד לויט מײַן געשמאַק אָבער פֿאַלשן אַ מעלאָדיע למשל איך שפּיל פּיאַנאָ און איר מאַכט אַ פֿאַלשן טאָן און איר גייט ווײַטער און עס גרילצט אײַך נישט איך אויער דאָס הייסט אַז זענט נישט מוזיקאַליש ווידער בײַ אונדז האָט עס געהייסן אַז אַ העלפֿאַנט האָט אַריבערגעפֿאָרן אײַער אויער אַזוי פֿלעגט עס הייסן (לאַכט

מס זינגט איר מער ווי אַנדערע מענטשן

פר נו אַוודאַי זיכער אי ווועל אײַך זאָגן ווײַל דאָס איז מײַן לעבנס דאָס איז מײַן טעמפּעראַמענט איך לעב זיך אויס איך געזאַנג אַנדערע לעבן זיך אויס למשל איך דעקלאַמירן איך האָב פֿרײַנד למשל וואָס האָבן געקענט דעקלאַמירן לידער פֿון פּושקינען פֿון לערמאַנטאָוון פֿון אַלע פּאָזיער זיי האָבן ליב געהאַט פּאָעזיע און זיי דעקלאַמירן פּאָעזיע טאָמער האָב איך געקענט אַ ביסל פּאָעזיע האָב איך לאַנג לאַנג שוין פֿאַרגעסן ווײַל מיר האָט דאָס נישט אינטערעסירט עס אינטערעסירט מיך צו הערן אַ מאָל אַ ליד אָבער פֿאַרגעדענקען אַ ליד אינטערעסירט מיר נישט

מס ווערן האָט ערשט באַמערקט איר זענט מוזיקאַליש

פר איך האָב דאָך אײַך דערציילט אַז בײַ צוויי און אַ האַלב דרײַ יאָר האָט מען מיך שוין אַרויסגעשטעלט אַלס אַקטריסע פֿאַר די תּנאָים פֿון מײַן שוועסטער מײַנע שוועסטער האָבן מיר אַרײַנגעשטופּט איך זאָל אַז איך זאָל ווײַלן דעם עולם האָב איך שוין געווײַלט דעם עולם צו דרײַ יאָר האָב איך אײַך געזונגען מײַנע רוסישע לידער און דערנאָך קינדערגאָרטן אין קינדערגאָרטן האָב איך דאָך שוין געזונגען סאָלאָ „אלי אלי למה עזבתני" אַז איך האָב נישט געוווסט וואָס דאָס איז עזבתני וואָס איז דאָס צו ווען איך זינג כ׳האָב געוווסט פֿאַרשטייט זיך

מר(המשך) קריאת-שמע כ׳האָב געוווסט מודה אַני לפֿניך אָבער אַז איך זאָל זינגען דאַמאָלס צו גאָט אלי אלי למה עזבתני צו 6 יאר האָב איך דאָס מיט א חברטע געזונגען סאָלאָ און איך האב אייך דערציילט מנחם אַז דורך דעם ליד האָבן מיר זיך דאָ געטראָפֿן און מיט אַזוי פֿיל צענדליקער יאָרן שפּעטער און דאס האט אונדז ווידער פֿאַרבונדן אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך קיין מאָל ניש צעשיידט און א ליד פֿאַרבינדט אויף אייביק אַ ליד און אַ ניגון פֿאַרבינדט אויף אייביק ווייל דאָס הייסט אַז מענטשן קומען פֿון די זעלבע קרייזן מ׳האָט דעם זעלבן בעקגראונד ווייל דער געשמאַק אַנטוויקלט זיך נאָר אין געוויסע באַדינגונגען ס׳איז נישטאָ למשל מענטשן פֿון פֿאַרשידענע קרייזן מיט די זעלבע געשמאַקן אַ געשמאַק איז שטענדיק מוז ער דערנענטערן פֿום קרייז צו וועלכן ער געהערט

מס וואָסערע מענטשן זענען ספּעציעל פֿעיק אויף זינגען

פר איך מיין אַז לויט מיין איבערצייגונג די וואָס ליידן אַ סך די זענען מער פֿעיק צום זינגען די וואָס ליידן

מס ווי דערקענט מען עס

פר דורכן ליד דורכן ליד אַ משל איר הערט אַ מענטש איר זעט אַ מאָל אַ מענטש אויף דער בינע ס׳גייט אַרויס אַ אַרטיסט און ער האָט אַ געשולטע שטימע און ער האָט אַ גוטע שטימע און אַ שטאַרקע שטימע אָבער ס׳איז נישטאָ קיין אויספֿירונג וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ קיין אויספֿירונג ער האָט נישט קיין געפֿיל פֿאַר וואָס האָט ער נישט קיין געפֿיל ער איז צו זאַט ער איז זאַט מיטן טאָג-טעגלעכן לעבן וואָס ס׳גייט נישט צו אים עס גייען צו אים נאָר די ווערטער וואָס ער האָט אויסגעלערנט אויסנווייניק און מיט די מוזיק וואָס ער האָט אויסגעלערנט אין שולע ער זינגט דאָס ריכטיק ער זינגט דאָס קלאַסיש אָבער אָן געפֿיל און אָן איבערגעגעבנקייט און אָן איבערצייגונגס-קראַפֿט נעמט למשל איך בין איצט געווען אין אייראָפּע און כ׳האָב געהערט ציגיינער-מוזיק ציגיינער האָבן אויפֿגעטראָטן ציגיינער פֿון רוסלאַנד ציגיינער פֿון אונגאַרן און אַ ציגיינערן פֿון רומעניען איך זאָג אייך ס׳איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט די זעלבע ציגיינער מיט די זעלבע ציגיינערישע טעמפּעראַמענט מיט אַזוי פֿיל שטימונג אָבער אַנדערש איז אַ ציגיינעריך פֿון רומעניען אַנדערש איז אַ ציגיינעריך פֿון אונגאַרן און גאָר אַנדערש פֿון רוסלאַנד די רוסישע ציגיינעריך האָט געקענט זיין אַ רוסישע זינגערין רוסיפֿיצירט אין גאַנצן און דאָרטן האָט זי זיך קאָנסערווירט פֿון רומעניען האָט זי זיך קאָנסערווירט און אונגאַרן אויך דאָרטן האָט זי אַ צוקונפֿט און אין רוסלאַנד איז זי אין גאַנצן פֿאַרשווונדן אינטערעסאַנט און איך האָב דאָס

163



חסידישער ניגון = תמצית פון ייִדישן לב

מר(המשך) נישט נאָר באַמערקט נאָר כ׳האָב געלייגט אַכט אויף דעם כ׳האָב גערעדט
מיט מײַן מאַן וועגן דעם אַז ס׳איז קוק דרײַ ציגײַנערינס אין זעלבן
אָוונט טרעטן אַרויס אויף איין פּראָגראַם און ס׳איז אַזאַ אונטערשייד די עכטסטע
איז געווען די אונגאַרישע די צווייטע איז געווען די רומענישע און דאָס
סאַמע שוואַכסטע די רוסיפֿעצירסטע איז געווען די רוסישע זי האָט געזונגען
מ׳האָט געזאָגט אַז זי איז אַ ציגײַנערין אָבער נישט געגלייבט אַז דאָס זינגט
אַ ציגײַנערין
מס האָבן געווייסע פֿעלקער אַ בעסערן חוש פֿאַר מוזיק
מר איך גלייב אַז רוסן זענען זייער מוזיקאַליש זייער פֿילבאַר צו מוזיק און
זייער געשמאַקפֿול דאָס איז לויט מײַן מיינונג דערפֿאַר אַז איר הערט למשל
רוסישע מוזיק אין אַ קנייפּע אין אַ קאַבאַרע אָדער אין אַזאַ זאַל ווו מ׳שפּילט
רוסישע מוזיק איז פֿאַרכאַפּן זיך אַפֿילו מענטשן וואָס פֿאַרשטייען זיך נישט אויף
געזאַנג וואָס ס׳אינטערעסירט זיי נישט געזאַנג דאָס רוסיש ליד (געזעצי)
דאָס רוסישע פֿאָלק איז זייער מוזיקאַליש זיי האָבן ליב מוזיק די אוקראַיִנער
איך קען זיי נישט נאָר איך ווייס אַז פֿון די די פּאָלאַקן ווייס איך זיכער
נישט זיכער נישט דאָס האָט עס נישט דעם זעלבן טעם ס׳האָט נישט דעם זעלבן
טעם די ייִדן איך מיין אַז די שטאַרקסטע דער שטאַרקסטער טאָן ביי די ייִדן
איז חסידישע מוזיק די ניגונים דאָס איז די שטאַרקסטע די לידער זײַנען
דאָך לידער שטימונגסלידער ווייסט דאָך לידער פֿון צײַט און לידער פֿון
דורות אָבער ניגונים דאָס איז אַ גרויסע זאַך דאָס איז אייביק כ׳האָב אײַך
געזאָגט אַז אַ שטימע קען מען פֿאַרלירן אָבער אַ ניגון פֿאַרגעדענקט מען אויפֿן
גאַנצן לעבן און ייִדן האָבן ניגונים
מס פֿאַר וואָס האָבן געווייסע פֿעלקער מער חוש פֿאַר מוזיק
מר היסטאָריש קען איך אײַך דאָס נישט דערקלערן איך קען אײַך נאָר דערקלערן
אַזוי לאָגיש איז אַזוי איך זאָג דאָך אײַך ביי אונדז פֿלעגט מען זאָגן אַזוי „ווען
זינגט די ציגײַנער ווען ער איז הונגעריק" דאָס רוסישע פֿאָלק האָט אַ סך געליטן
רעוואָלוציעס איבערקערענישן בלוטפֿאַרגיסונגען מלחמות הונגער נויט אין די
מאָמענטן אַנטוויקלען זיך די באַציִונג די באַציִונג פֿון געזאַנג אַנטוויקלען זיך
מײַנסטנס אויפֿן הונגעריקן מאָגן אויף אַ הונגעריקן מאָגן פֿלעגט זיך אַוועק-
זעצן אַ בחור און שפּיל אויף אַ פּשוטע האַרמאָניקאַ אָדער אויף אַ באַלאַלײַקע
(סוף ז׳1)

(אנהייב ז׳2)

ער (המשך) יע מיין טייערער איר פארשטייט ליידן און אזוי נעמט למשל די
תפילות און וועלכע תפילות זענען אמשטארקסטנס די ווו מ׳בעט גאט דארטן
ווו מ׳שרייט מ׳וויל עפעס אראפנעמען פאר זיך עפעס א ברכה א סגולה עפעס
א נס איז בעט מען נישט מיט ווערטער נאר אז מ׳קען דאס אראפנעמען מיט א ניגון
איז דאס א דערהייבונג ס׳איז א גרויסע דערהייבונג איר זעט דאך אז דער
דיבוק איז דער שטארקסטער מאמענט דארטן ווו זיי זינגען דארטן אלע צוזאמען
זינגען די חסידישע ניגונים דאס בלייבט דאך דאס באווייזט דאך די גאנצע אט-
מאספער די גאנצע שטימונג פון די ישיבות און פון די איר ווייסט דאך איך
גלייב אפילו ליידער אז ער איז פארצווייפלט און אז ער האט א ניגון נעמט
דאס אוועק קען דאס אוועקנעמען פון א פארצווייפלונג מ׳קען כאטש ברומען
נישט זינגען נאר ער קען עפעס ברומען איז שוין אויך א גרויסע זאך און
זאטע פעלקער זינגען נישט גאנץ פשוט אין אמעריקע זינגט מען נישט ווייל מ׳איז
צו זאט גאנץ פשטט און דא איז מען נישט דערגאנגען דערצו ווייל מ׳איז נאך
נישט געוועז/איר ווייסט דאך פסיכיש צוגעגרייט דערצו איר/ווייסט דאך דאס איז
קולטור איך האלט די געזאנג איז א גרויסע קולטור א קולטור וואס ציט זיך
דורך טויזנטער יארן נעמט למשל אז איך האב איין אויפגעזונגען אזא ליד
אזא ווארשאווסקיס ליד וואס איז איבער הונדערט יאר אלט איז שטעלט איין
פאר אז איך געדענק דאס כמעט ווי פון וויג ווי מיין מאמע אז זי פלעגט שוין
זיך זייער טרויעריק געקומען א מאל און פארטראכט און פארזארגט פלעגט זי
זינגען (זינגט)

איך מיטן וועג און מ׳גייט פארביי
ליגט דארט א בלום וואס זי פוילט
די (היקט) און פוילט שוין צוויי טויזנט יאר
און קיינער הייבט זי נישט אויף
רחמנות האט ווער און קומט נאר אהער
הייבט אויף א בלום וואס זי פוילט
טראקט מיך אהין פון וואנעט איך בין
און מיר האט מיר צום ערשטנס פארזייט

איר ווייסט זייענדיק א קינד און הערנדיק אז מיין מאמע איז אוועקגעגאנגען
אזוי ווייט מיט צוויי טויזנט יאר צוריק האב איך באקומען זייער גרויס דרך-
ארץ סיי פאר די 2,000 יאר סיי פאר דעם ליד און איך האב געקלערט אפשר וועט
עס קומען צוריק זעט איר דאך איך האב דערלעבט נאך די סגולה (די-גאולה) און די שבועה

[illegible]
[illegible]

165



ער (המשך) אַז משיחס צײַטן אַז מ׳דאַרף שוין דאָס ליד נישט זינגען אַז ס׳איז אַ מאָנומענט פֿאַרשטײט און בײַ מײַן מאַמען וואָלט נאָך געהאַפּט צו דעם און געגלויבט אין דעם און אַך נעב נאָר פֿון אונדזער גוטב אַרויס אַז מײַן שוועסטער פֿלעגט למשל וועלן געפֿעלן ווערן מײַן מאַמען פֿלעגט זי זיך אַוועקזעצן בײַם פּיאַנאָ געהאַט זייער אַ גוטע שטימע פֿלעגט זי זינגען (זינגט

אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו נישט פֿאַרזאַמען
נעם נעם נעם

אַ פּראַכטפֿול ליד איך האָב דאָס קיין מאָל ניט געזונגען נאָר כ׳האָב געפֿילט אַז דורכן ליד וויל זי נושא-חן זײַן בײַ מײַן מאַמען זי האָט געצווייפֿלט איר וויסן דאָך ס׳איז דאָ קינדער וואָס צווייפֿלען אין זייער אין די ליבע פֿון דער מאַמען מײַן מאַמע האָט געהאַט אַזוי פֿיל קינדער האָט זי אפֿשר געצווייפֿלט אַ ביסל איך איך ליבשאַפֿט איז האָט זי געוואָלט אַרויסרופֿן בײַ איר עמאָציעס איז מיט וואָס האָט זי אַרויסגערופֿן דורך אַ בריוועלע דער מאַמען אונדזער מיט איר שיינער שטימע מיט די וואונדערבאַרער אויספֿירונג דערגייען צו איר האַרצן און איך בין שטענדיק געשטאַנען בײַ דער זײַט און געקוקט וואָס אַ מענטש קען אויפֿטאָן מיט אַ ליד ער קען דאָך ערשטנס קען ער לויט מײַן מיינונג אַ טויטן לעבעדיק מאַכן ווײַל שטעלט זיך פֿאָר אַז מײַן מאַמע האָט געזונגען איך קען נישט די ווערטער פֿאַרגעסן די מאַמע האָט זייער ליב געהאַט צו זינגען לערמאָנטאָוס ליד (זינגט רוסיש) דאָס איז לערמאָנטאָווס אַ באַרימט ליד איך האָב דאָס קיין מאָל נישט געזונגען מײַן מאַמע האָט געהאַט זייער אַ גוטע שטימע און דאָס ליד איז געווען איר באַליבטסטע ליד און איר מאַמע איר מאַמע שטעלט אײַך פֿאָר מיט אַזוי פֿיל יאָרן שפּעטער סך-הכל מיט אַ צען יאָר צוריק ווען איז חיים גרינבערג געשטאָרבן איז געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער און אַ שרײַבער חיים גרינבערג אין ניו-יאָרק און ער איז געשטאָרבן לייען איך איבער אין צײַטונג אַז ער האָט אין צוואָה זײַנער אָנגעשריבן אַז ער וויל נישט קיין הספדים און ער וויל נישט קיינע (שולד-תפֿלות) נאָר אויף זײַן קבֿר זאָל מען זינגען (זינגט רוסיש) שטעלט אײַך פֿאָר אַ ייִדישער פֿירער אַ ייִדישער מנהיג אַ שרײַבער אַ ייִדישער וואָס איז געווען דורך און דורך ייִדיש וואָס איז געקומען צום סוף האָט ער געוואָלט דעם אָנהייב אַז ס׳איז געקומען צו זײַן סוף האָט ער קיין זאַך נישט געוועלט נישט קיין תהילים נישט קיין הספד נישט קיין דרשות נאָר (רוסיש) און דאַן האָט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט אין מיר מער דער גלויבן וואָס דאָס ליד באַדײַט פֿאַר דער מאַמען פֿאַרשטייט זיך מײַן מאַמע

פר(המשך) וואלט נישט געהאט דעם מוט צו בעטן אז מ'זאל ביי איר זינגען
דאס ליד וויל זי איז נישט דערגאנגען צו זיין הויך און אחן אירער
באשיידענעם לעבן האט זי זיך נאר ערלויבט זיך צו זינגען דאס ליד
פאר זיך אליין און איך האב דאס קיין מאל נישט פארגעדענקט ווייל
איך בין נישט געווען נאענט צו דעם ליד אבער כ'האב געדארפט דאס
פארגעדענקען און דא די ווערטער כ'וועל דאס א מאל זינגען (לאכט)
כ'האב אייך געזאגט אז כ'בין צו יונג צו אויפן פריפיטשיק בריט א ביי־ערל און מסתמא
בין איך נאך צו יונג צו דעם סוף פון דער ליב לערמאנטאוו אבער אינטערעסאנט
איז וואס א ליד איז אז ס'איז אומגלויבלעך איך האב פשוט נישט געקענט גלויבן
אז אזא מענטש האט זיך געוווּנטשן אז זיין קבר זאל מען אין צייטונג
איז דאס געשטאנען אז מ'זאל זינגען אז דאס איז זיין לעצטער ווונטש (רוסיש
איז איך מיין אז אז ליד איז א גרויסע זאך איז א תפילה איך האב אייך געזאגט
אז איך קען נישט בעטן גאט דורך א תפילה בעט איך דורך א ליד און מיר דאכט
זיך אז פונקט אזוי ווער קען מיר דערהערן דורך א תפילה קען מיר דערהערן
דורך א ליד און איך גלייב אין א ליד זייער שטארק און איך זאג דאך אייך
אז ס'איז נישטא קיין לידער זייער טרויעריק און דערפאר דערשרעק אין זיך א מאל
אז איך קלער אז איך קענאדע האב איך זיך נישט אויסגעלערנט קיין נייע לידער
אפילו איך זאג דאך אייך איך שולע די קינדער האבן געזונגען די שוללידער
אבער דאס איז אלץ אויף אפצופטרען דאס איז נישט געווען קיין לידער וואס
מ'האט נאך א נאנד' געזונגען ביי געוויסע געלעגנהייטן אפגעזונגען דאס
ליד און וויי־טער געגאנגען און מיר האבן זיך שטענדיק אומגעקערט אומגעקערט
צו אונדזערע לידער און אזוי ווייט זיך אומגעקערט אז מ'טרעפט זיך יעצט
נאך צענדליקער יארן זינגט מען נאך די זעלבע לידער און דוכן ליד פארבינדט
מען זיך און טאקע מיט די חברים מיט וועלכן מ'האט נישט קיין געמיינזאמע
לידער האט מען נישט קיין הברשאפט דאס איז א פאקט
מס א שיינעם דאנק
פר איך דאנק אייך טייערער איך וויל אייך זאגן אז דאס ליד זאג נישט קיין מאל
אז דו גייסט דעם לעצטן וועג איז דאס גרעסטע ליד וואס האט אונדז באגלייט
פאר א סך יארן דא, איך מאנטרעאל און ביי יעדן יזכור־אוונט איר ווייסט
דאך זינגט מען דאס און נישט מ'זינגט נאר מ'וויינט און מ'וויינט אויס דאס ליד
און זינגנדיק ערוואכן די זעלבע בעדאנקען די זעלבע געפילן ביי אבער נאך
דא אייך גליק וואס עס קומט פסח א מאל און מ'קלייבט זיך צוזאמען און מ'זינגט
אני מאמין" איז דאס פארדעקט די ווונדן צייטווייליק אבער ס'איז כ'וואלט

ער(המשך) געוואָלט אַז די קינדער זאָלן געפֿינען נײַע לידער און זיי זאָלן זיך קענען פּונקט אַזוי אָנהאַלטן אין די לידער און אַזוי גלויבן אין אַ ליד ווי איך האָב דאָס געטאָן איך משך פֿון מײַן גאַנצן לעבן יע מײַן טײַערער טאַמער ווען זײַן נאָך אַ פּאָר לידער וועל איך אײַך אָנזאָגן אָ קיי? אָנזאָגן שפּעטער הייסט עס אָפּהאַלטן פֿאַר אַ צווייטע מאָל (איבעררײַס)

איז כאַפּ איך דאָך אַרײַן אַ ליד וואָס איך האָב זיך דערמאָנט אַפֿילו צוויי לידער אײַ[illegible] וועט דאָס אינטערעסירן מנחם איך ווייס דאָך אַז איר זענט פֿאַראינטערעסירט אין מײַן שטימונג און מיר וועלן דאַרפֿן אַרײַנכאַפּן אַז אײַך ליד איז פֿאַרבונדן נאָך מיט די טישלידער (זינגט)

גייציך אַ גוי אין/שענקל אַרײַן (3)
גיסטער זיך אָנע/אַ גלעזעלע ווײַן (3)
אוי שיכור איז אַ גוי
שיכור איז ער טרינקען מיז ער ווײַל ער איז אַ גוי (2)

גייט זיך אַ ייד/אין שילעכל אַרײַן (3)
כאַפּט ער זיך/אַ קדישל דערבײַ (3)
אוי ניכטער איז אַ ייד
ניכטער איז ער דאַווענען מיז ער ווײַל ער איז אַ ייד (2)

שיין קליין און קלאָר און דאָס איז אַ ליד וואָס אַ[illegible]ע ווייסן זאָס וואָס איך פֿלעג דאָס שטענדיק זינגען דאָס ליד לאָמיר זיך איבערבעטן טאָמער וועלן מיר זיך אַ מאָל צעקריגן וועט איר קענען מיט מיר ז[illegible] איבערבעטן (זינגט)

לאָמיר זיך איבערבעטן איבערבעטן
שטעל דעם סאַמאָוואַר (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן זײַ דאָך נישט קיין נאַר (2)

לאָמיר זיך איבערבעטן איבערבעטן
קויף אַ פֿונט מאַראַנצן (2) קויף אַ פּאָר מאַראַנצן
לאָמיר זיך איבערבעטן לאָמיר גיין טאַנצן (2)

לאָמיר זיך איבערבעטן איבערבעטן
וואָס שטייסטו בײַ דער טיר (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן גיב אַ קוק אויף מיר (2)
(איבעררײַס)

פֿר גוט מאָרגן טײַערער פֿאַר אײַך האָב איך מער פֿון אַ ליד איך מוז אײַך זאָגן

ער(המשך) אז א מענטש גלייבט זייער טיף באמונה שלמה קומט דער נס אים אנטקעגן און מיט מיר האט פאסירט א גרויסער נס איך האב די גאנצע וואכן געטראכט וועגן איך האב מיין אריגינעלן בוך פון געבירטיגן און פון דער היים נאך פון טשערנאוויץ פון די ערשטע אויסגאבעס ווי וווּנדערבאר עס וואלט געווען אייך איפזינגען די לידער וואס האבן מיר אינספירירט וואס האבן מיר ממש אויפגעהאלטן פאר א סך טרויעריקע יארן איז עס געווען בלויז א טרויט א ווונטש א הייליקער ווונטש און שטעלטס אייך פאר אז מיט צוויי טעג צוריק האב איך געמאכט דעם לעצטן פרווו אויפזוכן אין מיינע ארכיוון אפשר און שטעלטס אייך פאר אז דער נס איז מיר אנטקעגנגעקומען איך האב געפונען אן אריגינעלן בוך פון געבערטיגן פון 36סטן יאר מיינע די לידער איר זעט מיינע לידער הייסט דאס געבירטיגן ארויסגעגעבן דורך געבירטיג-קאמיטעט אין קראקע אין טויזנט ניין הונדערט זעקס און דרייסיק און דאס בוך איז געווען ווי א העפט ווייל איר זעט דאס איז אן א טאוול אן גארנישט איז דאס געווען אזוי ווי א העפט באהאלטן אין מיין ארכיוו און כ'האב די אלע יארן 33 יאר דעם נישט געוווסט אז איך האב דעם בוך און איך האב געהאט 2 עקזעמפלארן דא פארשאפט און נאכן קריג ווען איר ווייסט דאך עס ברענט ברידערלעך עס ברענט די אלע לידער אבער מיין בוך איר ווייסט דאך יעדער קען דאווענען פון דער מאמעס סידור קען מען בעסער דאווענען דאס איז געווען מיין סידור פון טשערנאוויץ נאך פון 36סטן יאר און איך האב אייך דערציילט אז דאס בוך מיטן אונטערשריפט געבירטיגן וואס ער האט מיר אריגינעלן אריינגעשיקט איז געבליבן ליגן ביי דער גרויסער מגפה און איך האב דאס נישט מיטגענומען נאר דער בוך איז פארוואגלט געווארן דורך אלע צייטן און אייער נעכטן האב איך דאס געפונען און פון דעם בוך האב איך געזען דאס גאנצע לעבן מיינע וואס איז דורכגעפלאסן טשערנאוויץ איך משך פון די זעקס יאר און כ'האב אייך געזאגט ווו איך האב געשטעלט מיין לעבן אין ליכט פון זיין אדער נישט זיין און אלץ דורך די לידער און אמיינסטנס דורך געבירטיגס לידער בין איך דא דורכגעגאנגען די שבעה-מדורי-גהינום די לידער האבן מיר געטרייסט זיי האבן מיר געשפייזט זיי האבן מיר געגעבן יניקה און האפנונג און אך האב דאס בוך געפונען

(169)



ער(המשך) איז פונקט אַזוי ווי איך וואָלט געדאַוונט היינט פֿון מיין מאַמעס סידור איז אַ ליד וואָס איך האָב איין בלויז אַ פֿראַגמענט אויפֿגעזונגען וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט וואָס איך האָב געזונגען פֿאַר מיינע קליינע קינדערלעך איצט יעצט האָב איך דאָס אָריגינעל ווי איך האָב דאָס געזונגען שלאָף זשע מיין קינד דאָס איז אַ וויגליד (זינגט)

שלאָף זשע מיין קינד מיין יינגעלע קליינס
די אייגעלעך דיינע מאַך צו
די מאַמע וועט קויפֿן אַ פֿערדל אַ שיינס
נאָר שלאָף זשע מיר איילו לו לו (2)

אַ פֿערדל אַ שיינס סוועסט קאָסטן פֿיל געלט
אַ וועגעלע אויך אויף מיין וואָרט
דו וועסט קאָנען פֿאָרן אַרום אין דער וועלט
אויפֿזוכן דיין טאַטישי דאָרט (2)

דיין טאַטע מיין קינד איז לאַנג שוין אַוועק
אַ בריוול געשריבן נישט מער
געפֿינסטו אים דאָרטן דאַן פֿרעג אים אוי פֿרעג
צי ליבט ער דיין מאַמע נישט מער (2)

צי האָט ער פֿאַרגעסן זיין ווייב און זיין קינד
אַ צווייטע פֿאַרטרעט דאָרט מיין אָרט
צי אפֿשר חלילה אוי ווײַ מיר און ווינד
געשטאָרבן דיין טאַטעשי דאָרט (2)

איי לו לו שלאָף מיין יינגעלע קליינס
אַ יתומל נעביך ביסטו
איך וועל דיך לערנען אַ קדיש אַ שיינס
סאָ שלאָף זשע מיר איי לו לו לו (2)

## די זון איז פֿאַרגאַנגען

די זון איז פֿאַרגאַנגען שוין טריבלעך געוואָרן
ווי אײַנזאַם פֿאַראומערט בײַם וואַלד
און טראַכט פֿונעם מײַן יוגנט און גליקלעכע יאָרן
אַ בענקשאַפֿט נאָך זיי מיך באַפֿאַלט

נאָר פּלוצלונג דערזיי איך עס ווילט זיך נישט גלויבן
צי זאָל דאָס אַ חלום זײַן בלויז
עס קומען צו שוועבן פֿיל ווײַסינקע טויבן
און שטעלן אַרום מיר זיך אויס

און כ׳פֿיל אַזוי יונג ווי ס׳וואָלט מיר זיי קומען
מײַן יוגנט צוריק פֿון דאָס נײַ
און כ׳הער ווי די טײַבאַליך וואָרקען און ברומען
פֿאַרנעם איך די ווערטער און ווײ

דו האָסט פֿאַר אַ ווײַל אונדז דערמאָנט אין זכרון
דערקענסט אונדז קוק אײַן זיך גענוי
דאָס זאַנען מיר דאַנע פֿאַרגאַנגענע יאָרן
נאָך וועלכע דיר בענקט זיך אַזוי

מיר האָבן דעם רוף פֿון דײַן האַרצן פֿאַרנומען
דײַן אומעט דײַן בענקען אָן שיעור
נו זאַנען מיר טײַבאַליך ווידער געקומען
און בלײַבן שוין אייביק מיט דיר

איך שטעק מײַנע הענט אויס און גיב זיי אָפּ שלום
ביסט יונג הער איך וואָרקען אין וואַלד
און פּלוצלונג דערוואַך איך געווען בלויז אַ חלום
כ׳ליג אײַנזאַם פֿאַראומערט און אַלט

1993

פֿער יעצט וועל איך אײַך אויפֿזינגען אָריגינעל דאָס ליד מאָטעלע אַ דועט
וואָס איך האָב געזונגען מיט אַ חבֿר אַ לאָיער אַדוואָקאַטאין טשערנאָוויץ אין
מסדה אויף אַן אָוונט אויפֿגעטראָטן איך האָב אײַך דערציילט אַז אַזוי האָבן
מיר זיך געוויילט מיר פֿלעגן מאַכן אָוונטן מיר פֿלעגן אויפֿטרעטן דועטן
אונד די דרײַ נעטעריגס האָב איך אײַך אויך דערציילט און דאָס איז געווען
מאָטעלע איך מיט אַ חבֿר אַ מאָל האָבן אַדוואָקאַטן געלעכצט צו זײַן אַרטיסטן
הײַנט איז דאָס מסתמא יקירי-מציאה מ׳קען דאָס נישט געפֿונען אַז אַ לאָיער
אָדער אַ דאָקטער זאָלן טרוימען צו זינגען גוט געבירטיגס אַ ליד און דאָס מסתמא
זוכן מיט ליכט און מיר איז דאָס געווען זייער אײַנגענעם ווײַל די אַלע מענטשן
וואָס האָבן מיט מיר מיטגעזונגען דאַמאָלס אין מסדה זײַנען געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן
און זיי האָבן גערעדט דײַטש אָבער יידיש איז בײַ זיי געווען מאַמע-לשון זייער
הייליקע שפּראַך פֿון זייער היים פֿון זייערע עלטערן און זיי האָבן דאָס
געוואַלדיק ליב געהאַט ווען זיי האָבן זיך געקענט אָנהענגען און אָנבינדן
אין פֿער גאָלדענער קייט האָבן זיי דאָס שטענדיק געטאָן אין מיטן וואָך
אין מיטן מיטוואָך דאָס איז מאָטעלע (זינגט)

וואָס ווערט דער סוף זיבן מאָל זאָג זשע מיר
ביסט ערגער נאָך פֿון פֿריִער געוואָרן
באַקלאָגט האָט זיך דער רבי הײַנט אָף דיר
אַז דו דערגייסט אים זײַנע יאָרן

סיז נישט גענוג דו ווילסט נישט לערנען גאָר
דעם רבין נעבעך טוסט דערצערנען
שלאָגסטו זיך אַרום און שפּילסט זיך גאָר
און שטערסט די קינדערלאַך דאָס לערנען

נישט אמת מאָטע וואָס דער רבי זאָגט
אַ שלעכטער מענטש נישטאָ זײַן גלײַכן
פֿאַר וואָס דערציילט ער נישט ווי (ערן) שלאָגט
זע מאָטעניו דעם בלאָיען צייכן

כ׳האָב מיט אַבֿרהמלען זיך צעווערטלט בלויז
ער האָט מײַן חומשל צעריסן
דערפֿאַר האָט אונדז דער רבי אויף זײַן שויס
נאָך ניט אַ ניגונדל געשמיסן

פר(זינגט המשך)

וואָס וועט דער סוף זײַן מאָל ענטפֿער דרויף
די שכנים זאָגן כ׳מוז זיי גלייבן
דו יאָגזיך גאַנצע טעג אַרום אין הויף
און חבֿרסט זיך מיט יאַנעקס טויבן

צי איז דאָס שיין פֿאַר ייִדן זאָג אַליין
מיט טויבן זיך אַרומצויאָגן
האָסט נעכטן מאָל ווידער מיט אַ שטיין
דעם שכנס טויבן אויסגעשלאָגן

נישט אמת טאַטע ס׳איז נאָך קוים אַרויס
אַ שטיקל טויב מען קען צוקלעפּן
איך יאָג זיך נישט איך קוק זיך צו נאָר בלויז
ווי שיין די טייבאַלעך זיי שוועבן

ווי פֿרײַ זיי שפּרונגען זיך אַרום אין הויף
ווי שיין די קיערנדלעך זיי|פּיקן
ווי שנעל זיי גיבן זיך א לאָז אַרויף
ווען זיי אַ פֿרעמדער טויב דערבליקן

וואָס וועט דער סוף זײַן מאָל כ׳פֿרעג דיר נאָר
אַ גרויסער יונג קיין איין עין-הרע
ווען איך בין אַלט געוועזן דרײַצן יאָר
בעקענט ווי וואַסער די גמרא

א ייד מוז לערנען תורה מיט גרויס פֿרייד
נישט האָבן נאַרישקייט אין זינען
אַז ווויל דעם מענטש וואָס איז צו גאָט צו לײַט
וואָס קען גוט לערנען און בעלט פֿאַרדינען

דער זיידע האָט אַ מאָל דערציילט פֿון דיר
פֿלעגסט אויך נאָך טייבעלעך זען יאָגן
ביסט אויך פֿיל בעסער נישט געווען פֿון מיר
דײַן רבי האָט דיך אויך געשלאָגן

מר(זינגט המשך)

היינט קענסטו לערנען און האָסט געלט דערצו

האָב מאַטפּניו פֿאַר מיר קיין מורא

ווען איך וועל ווערן גרויס וועל איך ווי דו

פֿאַרדינען געלט אונזע לערנען תורה

יעצט אַן אנדער ליד שטיל איז אין געסל מיר פֿלעגן גיין זומערנאַכט שפּאַצירן קומענדיק אַהיים פֿלעגן די פֿענצטער אין טשערנאָוויץ זיין אָפֿן און פֿון די פענצטערס האָבן מיר געהערט יונגנט זינגען וואָס? געבירטיגס אַ ליד שוין שטיל איז אין געסל דאָס האָבן זיי זייער אָפּט געזונגען מיט גרויס ליבשאַפֿט (זינגט)

שטיל איז אין געסל

פֿאַרמאַכט שוין אַלע קראָמען

דער זייגער שלאָגט אויס שוין ערגעץ (איינס)

ער זאָגט מיר אָן די בשורה

אַז באַלד(דער אָפּ)וועט קומען (2)

מיין טייער שרהלע געזונט זאָל זי מיר זיין

איי לאַ לאַ ..

אָט זע איך איר שאָטן

אין שטוב אַרויס שוין שפּרינגען

זיי 'אַלט) זיך אָט עפֿנט זי די טיר

שוין הער איך איר געלעכטער

ווי סוואָלטן גלעגלעך קלינגען (2)

און אָט שטייט מיין שרהלע אַ פֿריילעכע פֿאַר מיר

איי לאָ לאָ..

איך בין היינט מאַקע פֿריילעך

ס'וועט יאָסל זיך אויך פֿרייען

כאָב שוין מיין אויסשטייער אויפֿגעניים

פאָך מעבל 'אוןדירה

און דאַן נעם איך זיך נייען (2)

צו אונדזער חתונה מיין אייגן חופּה-קלייד

ליי לאַ לאַ..

שר(זינגט המשך)

און דאַן צו דער חופה
ס'יז ליכטיק ווי בני שׂררים
נאָך איין אויגנבליק צו הרי-את
און דאַן דאָס מצווה-טענצל
אַ פריילעכס שפילט קלעזמאָרים (2)
כ'האָב מיט מיין שׂרהלען שוין חתונה געהאַט
ליי לאָ לאָ..

און דאַן וועט מיין יאָסל
אָף אויסהאַלטונג פאַרדינען
און איך וועל חוץ טנייען פירן הויז
און שׂרהלע מיין ווייבל
צום יאָר וועט מיר געווינען (2)
א טייער יינגעלע אים האַלטן אויף (דעם) מיין שויס
לאַ לא ליי..

און זינגנדיק דאָס לידל
פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
וועלן קוקן ווי יינגעלע שלאָפט איין
אַ וויגעלע מיין שׂרהקע
איין שיינס וועל איך אויסהאַנדלען (2)
ווי ביי דעם גרעסטן גביר אַ וועגעלע מוז זיין
אי ליי לא לא..

דו האַנדלסט שוין אַ וויגל
פאַרגעסן האָסט אַ פנים
מיר האָבן נאָך נישט יאָטעלע דו מיין
קיין מעבל און קיין דירה
מיר זיינ(ע)ען צוויי קבצנים (2)
כ'מיין אונדזער חתונה וועט אַזוי גיך נישט זיין
ליי ליי..

(סוף ז"2)

175 ARMFS XXXI



(מאַמע ראָסקעס מנהם סטאַניסלאַווסקי בxxx 16 אויגוסט 1973 מאָנטרעאַל זײַט 1)

מר (זינגט)

וועסט קריגן אַ שענערע אַ בעסערע
און רײַכער וועט די זײַן פֿון מיר
אַ בריה וועט די זײַן אַ גרעסערע
געוואַלד האָסט זיך אײַנגעליבט אין מיר
אַ בריה וועט די זײַן אַ בעסערע
געוואַלד האָסט זיך אײַנגעליבט אין מיר

אַ ליבעסליד שײַן און "בראָנפּעלע" (זינגט)

ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט בײַ נאַכט
ס'איז יאַנקאַלע וואַלאַנטשיק
אַ עפֿן עפֿן בראָנפּעלע
איך בין דאָך דײַן קאַכאַנטשיק (2)

ווי זאל איך דיר עפֿענען
כ'האָב מורא פֿאַר דער מאַמען
אַ עפֿן עפֿן בראָנפּעלע 2)
כ'וועל זיך מער ניט זאַמען
אַ עפֿן עפֿן מיר
איך וועל זיך מער ניט זאַמען

ווי זאָל איך דיר עפֿענען
כ'האָב מורא פֿאַר דעם טאַטן
אַ עפֿן עפֿן בראָנפּעלע
ס'וועט דיר גאָרניט שאַטן
אַ עפֿן עפֿן מיר
כ'וועל דיר גאָרנישט שאַטן

אַזוי פֿאָלקסטימלעך און אַזוי שײַן אַז באַמאַ עס רײַסט זיך אַרויס פֿון האַרצן און נו איר פֿאַרשטייט דאָך מיר האָבן דאָס אַלצדינג אויפֿגענומען מיט גרויס ליבשאַפֿט און מיר האָבן דאָס אויסגענוצט. אויסגענוצט צוזאַמען מיט דער צײַט מיט אונדזער יוגנט, דאָס איז געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מס צוריק צו x

מר x קום (ליגבקע) טאַנצן x ס'גוט וואָס איר האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין דעם ווײַל דאָס ליד האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מײַן לעבן (לאַכט) אַ גרויסע ראָלע ווײַל מײַן געוועזענער חתן לייבל פֿלעגט קומען אַהיים און זינגען

קאַ ליאַקע טאַנצן 176-180 2

מר(המסך) "און לייבקע טאַנצט דעם סטאַרלסטאָן" און זײַן מאַמע איז געווען זייער אַ צנועהדיקע און פֿרומע פֿרוי און זי פֿלעגט הערן ווי ער פֿלעגט דאָס זינגען און פֿײַפֿן "קוב לייבקע טאַנץ דעם סטאַרלסטאָן" און דאָרטן איז דאָך דאַ אַ מאָמענט (זינגט)

נעם פֿעסט ארום איך לייבקע קרוין

דאָס ווייסט איך זיכער קענסטו שוין

יעצט לאָמיר שוועבן אַן סאַראַ לעבן

עס טאַנצט אַ פּאָרל טשאַרלסטאָן

איז דאָס האָט זי געזאָגט זאָל מען אויסלאָזן דאָס איז איר ניטט שטאַרק געפֿעלן געוואָרן (לאַכט) דאָס איז געווען צו שטאַרק פֿאַר איר...

מס געדענקט איר נאָך ×

מר איך פֿלעג זינגען נאָר איך הײמען נאָר אויף פּאַרטיס אויף × צוזאַמענקומען און אויף חתונות אויף אייגענע חתונות אויף אייגענע חתונות אויף צוזאַמענקומען ספּעציעל בײַ מײַן ברודער פֿלעג זיך שטענדיק צוזאַמענקומען די יוגנט און בײַ אים האָב איך זיך זייער גוט געפֿילט אַזוי ווי בײַ מיר אין שטוב און דאָרטן בין איך געווען אַ גאַנצע איר ווײַסט דאָך איך האָב דאָך אײַך אויסגעזונגען די פּאַראָדיע אַז פֿאַר גאַסטבריינדשאַפֿט האָט ער שטענדיק געהאַט מיר מיט אַ ראַדיאָ מיט אַ פּאַטעפֿאָן איך האָב געוויילט די געסט און אַזוי בין איך שוין געבליבן איר ווייסט יע איך האָב נאָר ליב געהאַט אַלצדינג נאָר אינטים איך אַן אײַנכימען קרײַז נישט אָבער ווי ~~עולם~~ אינטים עס זאָל נישט זײַן האָב איך אײַך דערציילט שוין אײַן מאָל איך כיין איך אײַער יענעם
1937 באַזוך אַז דער סטייך יוסף שטיין און קאַרעני זײַנען געווען אין טשערנאָוויץ אין 37סטן יאָר זײַנען זיי געווען בײַ אונדז בײַם סדר מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען אונד איך פּשוט צוליב דעם ווײַל איך האָב איר געוואָלט אויפֿוועקן איר פֿאַרגאַנגענהייט און זי טאַקע די קאַרענין האָט געזונגען בײַ סטרוגאַטשן אין דעם קליינקונסט-בינע זי איז געווען די דריטע ס'איז געווען מאַלווינאַ ראַפּעל אסתר אַפּעל און אַנאַ קאַרעני זיי זײַנען שוין געווען אַלע צוזאַמען אויפֿגעשפּילט איז איך האָב געוועלט איר אויפֿזינגען איר ליד וואָס זי פֿלעגט זינגען און איך האָב דאָס אויפֿגעכאַפּט און איר ווייסט דאָך "ברענגט דער שדכן מיר דעם שידוך" האָב איך דאָס אויפֿגעזונגען און זי איז דאָס געווען מסתמא אַזוי איבעראַשט אַז זיי זענען געפֿאָרן צו געבורטיגן און אים דערציילט מיט אַזאַ התפּעלות אַז ער האָט מיר געווידמעט אַ בוך זײַן בוך און אַחוץ דעם

עטלעכע זייער שיינע ניט קיין געדרוקטע לידער ליידער זענען זיי
געבליבן שטעקן אויבן מיט און איך האָב זיי נישט מיטגעבראַכט היינט
קען איך דאָס נישט פֿאַרגעסן ווײַלע ס'איז געווען מיט אויפֿשריפֿטן
מיט זייערע פּערזענלעכע אויסבונג און צוגאַנג נו

מט איז דאָס אַ ליד וואָס מ'האָט געזונגען בסדר

מר דאָס איז אַ ליד פֿון געבירטיגן נאָ דאָס איז אַ ליד וואָס צווישן אַלע מיינע
לידער איז געווען דאָס אויך

מט ס'איז נישט געווען אַ צייט וואָס X

מר יע יע יע איך מאָמענט איך האָב פֿאַרגעסן איך האָב איך דערציילט
דאָס אַלץ חזר איך זיך איבער זאָג איך איך איך האָב איך דערציילט
מיר האָבן פֿאַרלוירן אַ קינד איך סטערנאָוויץ זעקס וואָכן נאָך אונדזער
✗עמיגראַציע און מיר זײַנען געווען זייער צעבראָכן און כדי זיך אַליין
צו באַווייַזן אַז מיר זענען נאָך פֿעיִק אָנצוהויבן פֿון דאָס נייַ
האָב איך זיך אַליין געוועלט קאָנטראָלירן אונד זען וו✗ איך האַלט
און דאַן האָב איך באַשלאָסן אַזוי ווי מיר האָבן ג האָט אַ מסדה" וואָס
איז געווען אַ לאָזשע וואָס האָט געהערט צו טשערנאָוויצער פּראָפֿעסיאָנאַלן
דאָקטוירים אינזשעניערן לערערס און פֿאַרשיידענע אַדוואָקאַטן איז מיר
האָב אויך געהערט צו די דאָזיקע לאָזשע אונד פֿון צייט צו צייט פֿלעגט מען
מאַכן אָוונטן און די אָוונטן פֿלעגן מען אַזוי איינאָרדנען אַז יעדער
איינער האָט געגעבן פֿון זיך דאָס וואָס ער האָט געקענט איז פֿלעג איך
אויך אויפֿטרעטן ✗צווישן די פֿלעג איך זינגען פֿאַרשיידענע לידער יע
פֿלעג איך זינגען פֿאַרשיידנ X

מט ס'איז נישט געווען קיין צייט ווען איר האָט אויפֿגעהערט זינגען קום לייבקע

מר ניי וואָס? נאָ דאָס ניט דאָס ליד אַליין האָב איך קיין מאָל נישט געזונגען
אפֿשר מיטגעזונגען אין אַ רעפּערטואַר פֿון אַ סך אַ סך לידער צווישן די
אַלע לידער האָב איך דאָס אויך

מט איר האָט אויפֿגעהערט זינגען קום לייבקע טאַנצן

מר די לידער גייען שטענדיק נאָך דאָס און ביי אַ גלעזעלע טיי און
די אַלע לידער וואָס איך האָב איין איצט געזונגען דאָס איז די גאַנצע
צייט גייען זיי נאָך דה גאַנצע צייט גייען זיי נאָך אַלע לידער גייען זיי נאָך

מט צי איז/דאָכליד געווען פּאָפּולער

מר אין ווילנע איז דאָס געווען זייער פּאָפּולער און אין טשערנאָוויץ זייער זייער אין טשערנאָוויץ אין אַלגעמיין ניט נאָר קינדער ליבקע טאַנצן נאָר אַלע געבירטיגס לידער זענען געווען אויסער-

מט איר האָט דאָס אויך געהערט פֿון אַ סך מענטשן

מר אַנדערע האָבן פּראָבירט דאָס אויך זינגען איר ווייסט דאָך אַז איך פֿלעג זינגען די ייִדישע לידער און האָב געהאַט כּמעט זיי דערפֿאָלג איז אַנדערע וואָס האָבן געזונגען דייטש אַריבערגעזעצט אויף ייִדיש כּדי זיי זאָלן אויך האָבן ערפֿאָלג נו אַ מאָל איז דאָס געלונגען און אַ מאָל איז דאָס אַ פּראָוו בלויז וויבאַלד איר ווייסט דאָך אַ ליד מוז מען דאָך דורכלעבן און דורכפֿילן מ׳דאַרף דאָך דאָס דורכדרינגען אַ ליד און ס׳איז זייער שווער אַריבערגיין אַפֿילו פֿון איין שפּראַך אויף אַ צווייטער ספּעציעל פֿון איין ליד צו אַ צווייטע אַ ליד דאַרף מען זיך אויסלעבן און אינטערעסאַנט איז אַז אין די אַלע דריי שפּראַכן האָב איך זיך גלײַכצײַטיק אויסגעלעבט איך האָב קיין מאָל ניט איבערגעזעצט פֿון איין שפּראַך צו אַ צווייטער מײַן זכּאָנר אָדער מײַנע שטימונגען די שטימונגען זענען שטענדיק געקומען פּראָפּאָרציאָנעל איך ווײַל האָב איך געהאַט מײַן צוגאַנג ווײַל רומעניש איז געווען מײַן צווייטע מוטערשפּראַך און ייִדיש איז געווען מײַן ליבע (לאַכט)

מט צי האָבן אַלע געזונגען דאָס ליד צי נאָר טייל מענטשן פּרובירן

מר אַך וואָס רעדט איר אין אונדזערע קרײַזן מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן כאָר ליבהאָבער און אַך האָב אײַך געזאָגט אַז די ערשטע פֿידל האָט געשפּילט מײַן מאַן ער פֿלעגט שפּילן שטענדיק לעבן בײַ מײַן רעכטער זײַט און ער האָט מיטגעזונגען ער האָט זייער אַ גוטע שטימע אַזן מיר פֿלעגן זינגען אַפֿילו אין צוויי שטימען אין אַלטאָ און סאָפּראַן שטענדיק האָבן מיר געהאַט צוויי שטימען (לאַכט) און אַחוץ דעם צווישן אונדז גערעדט איז אין דער משפּחה האָבן מיר אויך דעם זעלבן כאָר אַז מיר קומען זיך צוזאַמען פּסח-צײַט אָדער חנוכּה אָדער ווען עס זאָל ניט זײַן אין אַ יום-טוב אין אַ טראַדיציאָנעלער פֿײַערונג איז דער כאָר שטענדיק גרייט שטענדיק מ׳דאַרף נאָר האָבן דעם חוש און די שטימונג דערצו איז האָבן מיר אַן אייגענעם כאָר יע

מס ווער פֿלעגט אײַך ספּעציעל בעטן צו זינגען קוב לײַבקע טאַנצן

מר נײַן איך האָב זיך אַלײן געבעטן (לאַכט) און ס׳איז געווען מײַן באַליבטע ליד

מס ווער האָט זיך דאָס ליד אויסגעלערנט פֿון אײַך

מר ווער האָט זיך אויסגעלערנט פֿון מיר? אַלע אַלע די וואָס האָבן געוועלט האָבן זיך אויסגעלערנט (לאַכט) ווער ס׳האָט געהאַט אַן אינטערעס און טאַקע יעצט װאָז איר פֿרעגט בײַ מיר האָב איך נאָך עטלעכע לידער פֿאַר אײַך כ׳וועל אײַך שפּעטער –

מס און ווי אַלט איז דאָס

מר אַ דאָס ליד אַ בײַ מיר פֿון 23סטן יאָר

מס צי קענט איר אַנדערע מעלאָדיעס צו די ווערטער אָדער אַנדערע

מר צו קוב לײַבקע טאַנצן נײַן ס׳איז נישטאָ דאָס איז אָריגינעל אַ נאָ נאָ דאָס איז אָריגינעל געבוירטיג איז אָריגינעל אַזוי ווי אַ פֿאָלקסליד פּונקט ער איז אַ פֿאָלקסזינגער

מס אַנדערע וואַריאַנטן

מר נאָ נאָ שפּעטער אויב איר וועט וועלן וו ל איך אײַך אויפֿזינגען אָריגינעל די גאַנצע ווײַל ס׳איז זייער אינטערעסאַנט עס גייען דאָ באַרטייען פּאַרטייען גייען דאָ אַרײַן איז דאָס האָב איך אײַך נישט אויסגעזונגען ווײַל איך האָב נישט געוועלט פֿאַרנעמען אַזוי פֿיל פּלאַץ

מס וואָס פֿאַראַ מין ליד איז דאָס

מר לויט מײַן מיינונג איז דאָס אַ 100%יקע פֿאָלקסליד ווען איך וואָלט נישט געוווּסט אַז דאָס איז געבוירטיג וואָלט איך געזאָגט אַז דאָס איז אַ פֿאָלקסליד

מס וועלכע געפֿילן רופֿט אַרויס דאָס ליד

מר אַלערליי אַלערליי געפֿילן מײַן פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט און סײַ פֿון איר ווייסט דאָך אומיטלבאַרקייט אונד ייִדיש ס׳איז זייער ייִדיש ס׳איז דורך און דורך ייִדיש

מב צי האָט איר ליב דאָס ליד מער ווי אַנדערע

מר פֿאַרשטייט אַזוי ס'איז אַזוי ריכטיק און ס'איז זייער ראַפֿינירט ס'איז ביידע זאַכן צוזאַמען ס'איז זייער אַפֿינירט ליד און גלייכצייטיק איז עס אַזוי פּשוט און איך האָב זייער ליב לידער וואָס זענען צוטריטלעך וואָס יעדער קען דאָס פֿאַרשטיין און יעדער קען דאָס באַנעמען און דאַרפֿסט דאָס ניט אַריינטיטשן מיטן גראָבן פֿינגער איר פֿאַרשטייט

מב און דאָס איז איינע פֿון אייערע באַליבסטע לידער

מר איינער פֿון מיינע באַליבסטע לידער (לאַכט) זיבער איינע פֿון מיינע זיבער איינע פֿון מיינע באַליבסטע לידער

מב ווען געפֿעלט אייך בעסער די ווערטער צי די מעלאָדיע

מר אַלץ צוזאַמען אַלץ גאַנצעס אַלץ גאַנצעס

מב איר מיינט די מעלאָדיע איז אַ יידישע

מר צוגעפּאַסט שור אַוודאי געבירטיג האָט דאָס געמאַכט ער האָט דאָך געשריבן די דריי טעקסטערלעך ער האָט דאָ משהלע איר ווייסט דאָך נאָך עד-היום עס קומען דאָך אַרטיסטן איצט פֿון רוסלאַנד פֿון ריגע איז יעצט געקומען אַלעקסאַנדראָוויטש געזונגען משהלע דער חבֿר מיינער דאָס איז דאָך עפּעס איבערגעווייטלעך דאָס רופֿט אַרויס אוזי פֿיל עמאָציעס ספּעציעל ביי אונדזער דור אַז מער ווי דער פּדי-עטישק ס'זאָג אייך פֿאַר אונדזער פּריפּעטשיק ס'האָב פֿאַר דעם זייער גרויס דרך-ארץ קיין נאָסטאַלגיע האָב איך נישט ווייל ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין קאַריערע איז פּריפּעטשיק געווען פֿאַר מיר אַזוי פֿאַרלעגן אַז ס'האָב געמיינט אַז דאָס איז הונדערטער הונדערטער יאָר צוריק און דאָס יידישע פֿאָלק האָט געלעבט נאָך אין גליק ס'האָב זיך נישט פֿאַרגעשטעלט ווי ס'האָט מען געזעסן אויפֿן פּריפּעטשיק פֿאַרשטייט ס'איז נישט דערגאַנגען צו מיר איך האָב זיך געפֿילט אַזוי נייַ פֿון אונדזער נייעם דור אַז צו מיר איז נישט דערגאַנגען ערשט דאָ געקומען ס'האָב איך דערציילט ס'האָב דאָס ערשטע מאָל דערהערט פּריפּעטשיק טראַכט איך מיר מיינע גאָט ווי האָט זיך קאַנאַדע צוריקגעגאַנגען ווייל הונדערטער יאָרן צוריק ווייל איך בין נאָך נישט דערגאַנגען דערצו שטעלט זיך פֿאַר און דאָ זינגען קינדער אויפֿן פּריפּעטשיק יעצט הער איך אויפֿן פּריפּעטשיק און איך פֿאַרשטיי אַז ס'דאַרף דאָס אַריינעמען אין רעפּערטואַר אין אונדזער רעפּערטואַר איז דאָס נישט אַריין ווייל מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן פֿון זיך פֿאַרשטייט מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פֿון זיך און איר גייען אויף

מר (המשך) צוריק אַז מיר גייען אויף צוריק גייט מען צוריק צו די מאַמעס ווערטער צו די אַלטע ניגונים גייען צוריק און איר פאַרשטייט למשל איך האָב אייַך געזונגען "קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ" דאָס איז טייַך געניגון אַלט דאָס איז טייַך אַ ליד וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין צייַט פון דער דייַטשער אָקופּאַציע אין 16טן יאָר אין 15טן יאָר איז עס דאָך געניגון אַלט פאַר אייַך איז דאָס זיבער אַ יאָרהונדערט און בייַ מיר איז דאָס אויך אַלט איז טייַך געווען געניגון און אויך פּראַקטיש דאָס איז אַן אויסערגעוויינ לעבעדיק ליד אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען נישט צופעליק פּשוט כ'האָב דאָס קיין מאָל נישט געזונגען און ס'איז אינטערעסאַנט און אַז מ'פלעגט זינגען אויך פּריפּעטשיק ברענט אַ פייַער פלעג איך זיך צוהערן ווי עמעצער פון אַ ווייטער קלאַנג פון אַ מאָל פון מיינע עלטער

מס צי קען מען זיך עפּעס אָפּלערנען פון דעם ליד קום לייבקע טאַנצן

מר צי מע קען זיך עפּעס אָפּלערנען נו איך וועל אייַך זאָגן מ'קען אָפּלערנען אַז מ'קען אָנשרייַבן אַ ליד וואָס דאָס איז אי צום טאַנצן אי אַ ליבעסליד אי דאָס איז נישט /ווולגער אי דאָס איז נישט שמאַלצי איר פאַרשטייט דאָ רופט מען דאָך אַלעדינג אַן גלייַך שמעקט מען זיך צו צו דעם דאָס וואָרט שמאַלצי אויך איך האָב אַזוי מורא פאַר דעם וואָרט ווייַל איר פאַרשטייט מאַך איינער איז דאָס שמאַלצי פאַרן צווייטן איז דאָס אַ ווייטיק אין האַרצן ווייַל דאָס איז זייַן ליד און דאָס איז זייַן איבערלעבונג דאָס גייט אַרויס פון האַרצן און דאָ גיט מען אַ זאָג שמאַלצי און פאַרטיק און אויסער קאַפּעליוש-מאַכער איז דאָס איז זייער געפערלעך פאַרשטייט ווייַל קום לייבקע טאַנצן שאַרלסטאָן פאַרשטייט איר צו גאָט און צו לייט אי דאָס איז אַ טאַנגאָ אי דאָס איז אַ ליבעסליד אי דאָס איז אַ פאָלקסליד אי דאָס איז צוגעפּאַסט די ווערטער און דאָס איז פריילעך און אַלע קענען דאָס זינגען

מס ווילט איר עס זינגען איצטער

מק יע ביטע זייער און אויב איר האָט ווען איז אייהר וואָס איידער ווען האָב איך נאָך דאָ דאָס ליד וואָס איך פלעג דאָס זייער גערן זינגען און האָבן הנאה פון דעם און אַלע פלעגן האָבן הנאה (זינגט)

מר (זינגט המשך)

דאָס זי האָט אָנגעשיקט די הנאינ
ווײ איז מיר און ווינד
אויף האַרצן איז מיר אַזוי פּוסט

דער פּאָדיב דער פּאָדיב פון טרערן נאַס
דער פּניב דער פּניב פון טרערן נאַס

ניט גוט אויסגעזונגען

דער פּאָדים דער פּאָדים פון טרערן נאַס
דער פּניב דער פּניב ווי דער טויט בלאַס
דער פּאָדיב דער פּאָדים פון טרערן נאַס

דאָס איז אַ ראָמאַן ווי אַזוי זי וואַרט אויף איר חתן און דער דאָ די האָט אָפּגעשיקט די הנאיב און ער קומט נישט מער צוריק (זינגט)

ער נעמט אַן אַנדער מיידל אַ מיידל יאָ מיט געלט
אויף האַרצן איז מיר אַזוי שלעכט

און דאָן איז מיר איינגעפאַלן איך ווייס ניט וואָס איז מיר איינגעפאַלן גראָדע דאָס ליד איר אויפצוזינגען נאָר בשעת איך האָב דערמאָנט דאָס ליד האָב איך עס דערמאָנט איך צוזאַמענהאַנג מיט סאָניאַ מאַרקאָווונא גורעיעוויטש פֿאַר דער מאַר האָב איך איר געוואָלט זייער שטאַרק אויפזינגען דאָס ליד אָבער איך האָב ניט די ווערטער איצט אַז איך וועל געפינען די ווערטער אין מיין קאָפּ איך זען דאָס איך ערגעץ נישט געפינען וועל איך זיך דערמאָנען די ווערטער וועל איך עס פאַר איר ווידער אויפזינגען איצט וועל איך איר אויפזינגען קום לייבקע טאַנצן יע? קום לייבקע טאַנצן

לייבקע מיין לעבן
עס וועט קיין גיטס נישט געבן
דו ברענגסט מיט דיין עקשנות מיר פון געדולד אַרויס
דו מוסטזיך לערנען טאַנצן
איך שווער ביי אונדזער לעבן
אַלע נישט איז היינט מיט אונדז שוין אויס

מעגסטו זיין ווער דו ביסט
אַ פאַרברענטער ציוניסט אַ בונדאָוויעץ וועמען גייט דאָס אָן
אַלע יססן? אין דער צייט
און אויך די אַגודה-לייט לערנען טאַנצן טשאַרלסטאָן

מר(זינגט המשך)

קום לייבקע טאַנצן שעם זיך נישט
איך וועל דיר פירן טריט ביי טריט
שטעל זיך מיין ליבער אַקעגנאיבער
און הייב צוזאַמען מיט מיר אָן

נעם פעסט אַרום מיך לייבקע קרוין
דאָס ווייס איך זיכער קענסטו שוין
יעצט לאָמיר שוועבן
אַך סאַרע לעבן
עס טאַנצט אַ פּאָרל טשאַרלסטאָן

לייבל בעקער אַ רעבעטער און בריינדל זייער אַ רויטע
ערשט נעכטן אַף דע מיטינג געקריגן האָבן זיי גאָר מיאוס
און היינט אַנטקעגער מיט בריינדלען
ער איז ב'לעבן גאָר קיין שוטה
ווייל נאָר טאַנצן מאַכט דאָס לעבן זיס

מעגסטו זיין ווער דו ביסט
אַ באַרברענטער ציוניסט
אַ בונדאָוויעץ וועלכן גייט דאָס אָן
אַלע איסטן זינד דער צייט
און אויך די אַגודה-לייט
לערנען טאַנצן טשאַרלסטאָן

קום לייבקע טאַנצן שעם זאַך נישט
איך וועל דיר פירן טריט ביי טריט
שטעל זיך מיין ליבער אַקעגנאיבער
און הייב צוזאַמען מיט מיר אָן
נעם פעסט אַרום מיך לייבקע קרוין
דאָס ווייס איך זיכער קענסטו שוין
איצט לאָמיר שוועבן אַך סאַראַ לייבן
עס טאַנצט אַ פּאָרל טשאַרלסטאָן

מר(זינגט המשך)

און לייבקע ביי מענער זיי גרינגלעך צו דעקענען
דער בעסטער טערמאָמעטער איז ווען איך טאַנץ מיט זיי
וועלכע יוין באַוויַבטע און וועלכע פריי נאָך זענען
דאָס דער קען איך טאַנצנדיק מיט זיי
ווער עס איז אַ לייַנער מאַן ווער אַ לופט טאַרלאַטאַן
דאָס דערקען איך גלייַך פון אָנהייב אָן
און דערפאַר אַ לייבקע קרוין
מוזטו זיך און טאַקע שוין
לערנען האַנצן טשאַרלסטאָן

קוב לייבקע טאַנצן קען זיך ניט
איך וועל איך פירן טריט ביי טריט
שטעל זיך מיין ליבער אַקעגנאיבער
און הייבטזאַמען מיט מיר אָן
נע פעקט אַרויס מיר לייבקע קרוין
דאָס ווייס איך זיכער קענסטו שוין
יעצט לאָמיר שוועבן אַך נאַרא לעבן
עס טאַנצט אַ פּערל טשאַרלסטאָן

און די צווייטער מאָל צו-
(עס פעלן לעצטע 5 מינוט ביז סוף צ׳ 2)

(ז״2)

מט מיר רעדן ווייַטער מיט פרוי רובקעס

מר יע און עס איז אַ גרויסער יום-טוב ביי מיר היינט אַ יום-טוב איך מיטן דער וואָך דאָס איז אַ גרויסע זאַך אין מיטן וואָך אַ יום-טוב ווײַלע נישט איך האָב דערוואַרט אויף אַזאַ מין זכיה און נישט איך האָב זיך צוגעגרייט דערצו אָבער איר האָט ביי מיר אויפגעוועקט אַזוי פיל זכרונות און אַזוי פיל עמאָציעס און אַזוי פיל אינספּיראַציע אַז פשוט ס'האָט מיר אומגעקערט צוריק אַהייט און איר ווייסט דאָך אַלע וועגן פירן קיין רוים און מיינע אַלע וועגן פירן צוריק קיין ווילנע איז טראַכטנדיק צוריק וועגן ווילנע וואָס איך בין סך-הכל געווען 23 יאָר און דאָ בין איך שוין 33 יאָר און דאַכט זיך מיר איך בין פון ווילנע נישט אַוועק אַפילו אויף איין טאָג און דורך די לידער און דורך די דערינערונגען אַזוי ווי נעכט נאָך איך ווילנע געווען דערמאָן איך זיך

186

XXX1) א

מר(המסך) דעם יאָר 27 ווען ס'איז געקומען אַ חברטע פון וואַרשע און זי האָט מיר איבערגעגעבן אַ ליד וואָס איך האָב אַ סך יאָרן געזונגען מיט גרויס איבערלעבונג אונטער פאַרשפּונג און דאָס ליד איז פון אברהם רייזען

דו פרעגסט מיר מיין פריינד (זינגט)

דו פרעגסט מיר מיין פריינד ווי אַלט בין איך שוין
איך וואָלט דיר עס גערן דערציילט
נאָר גלויב מיר מיין פריינד איך ווייס ניטש אַליין
עס האָט נישט געלוינט זיי צו ציילן

אויב לעבן הייסט ליידן דאַן לעב איך שוין לאַנג
דען האָב איך גענוג זיי די יאָרן
אויב לעבן הייסט פריינד הייסט הערן פון גליק כאָטש אַ קלאַנג
דאַן בין איך נאָך גאָר נישט געבאָרן

דער קאַרגער ציילט געלט און דער גליקלעכער טעג
ער ציילט וואָס איז ליב וואָס איז טייער
מיין לעבן מיין פריינד איז אַ לאַנגווייליגער וועג
דאָס זעלבע פאַר אַ יאָרן ווי היינט יאָר

דו פרעגסט מיר מיין פריינד ווי אַלט בין איך שוין
איך וואָלט דיר עס גערן דערציילט
נאָר גלויב מיר מיין פריינד איך ווייס ניטש אַליין
עס האָט נישט געלוינט מיר צו ציילן

איך בין געווען איין יאָר איך בין 35 איך געווען אין ביאַלאָסטאָק אויף אַ סדר ביי דעם שווער ביי דעם זיידען איך דער אונד ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ ניגון בעסנדיק פאַראייבין איך די מוחות איך די זיכרון פון מיינע קינדער און איך האָב איך געגעבן אַ וואָרט אַז מיינע אייניקלעך ספּעציעל דער עלטסטן אייניקל וואָס ער האָט נאָך געקענט זאָל איך אויסלערנען דעם דאָזיקן ניגון כ'האָב וואָרט געהאַלטן כ'האָב אים אויסגעלערנט דעם ניגון אונד אויף זיין חתונה איז דאָס געווען דער לייטמאָטיף (ברומט)

35'
seder in
Bialystok

דער זיידעניו פלעג זינגען דאָס לידעלע דאָס שיינס
דער זיידעניו דער גוטער דער פרומער

ווען מיר זענען געקומען קיין טשעבנאָוויץ כ'האָב איך דערציילט שוין און מיר האָבן פאַרלאָרן זעקס וואָכן נאָך אונדזער עמיגראַציע האָב איך זיך געוועלט קאָנטראָלירן אויב איך בין נאָך פעיק צו לעבן פעיק הנצוהייבן פון דאָס ניי אונד דאָס איז געווען מיין פּרווו כ'בין געגאַנגען אין אונדזער קלוב

מר,המסך) איך אונדזער "מסדה" וואָס האָב געהערט צו טשערנאָוויצער אינטעליגענץ די אינטעלעקטועלע האָבן געהערט דאָרטן און יעדער פון זיי איז געווען זייער ייִדיש געשטימט און פאַר יום-טובֿים פאַר געוויסע געלעגנהייטן פֿלעגט מען מאַכן אָוונטן און יעדער איינער האָט צוגעטראָגן צו דעם אָוונט וויפֿל ער האָט געקענט וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט האָב איך באַשלאָסן אַז מיר וועלן זינגען אַ ביסל פון ס'איזגעווען אַ קליינע קונסט בינע מיר האָבן געמאַכט אַזאַ פּאָפּורי פון לידער און יעדער איינער האָט געגעבן פון זיך וואָס ער האָט געקענט ס'איז געווען גוטע צייטן און גוטע שטימונגען און גוטע געפֿילן אונד דאָ האָבן דריי חבֿרטעס איך צווישן זיי האָבן אויפֿגעפֿירט פּרצעס דריי נייטערינס און מיר זענען געזעסן אויף דער בינע און פּראָבירט קאָפּירן די באַנדע דעם אַזזל און דעם אַררט און אַליין אויף אונדזער אייגענער אופֿן האָבן מיר פּראָבירט אויפֿפֿירן דאָס דאָזיקע ליד <דריי נייטערינס>(זינגט)

די אויגן רויטע די ליפּן בלוי
קיין טראָפּן בלוט איך באַק נישטאָ
דער שטערן בלאַס באַדעקט מיט שווייס
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס

עס זיצן דריי מיידלעך און נייען
(ברומט)

די ערשטע

די נאָדל לאַנג די לייוונט שניי
איינע טראַכט איך ניי און ניי
איך ניי באַ טאָג איך ניי באַ נאַכט
קיין חופּה-קלייד זיך נישט געמאַכט
וואָס קומט אַרויס איך ניי
(ברומט)

נישט איך שלאָף און נישט איך עס
כ'וואָלט געגעבן אַף מאיר בעל-נס
אפשר וואָלט ער זיך געמיט
אַז אַלטן כאָטש אַז אַלטן ייִד
מיט קינדערלאַך קינדערלאַך אַ שאָק

די צווייטער נייטערין (זינגט)

די צווייטע נאַכט איך ניי און שטעך
און שטעט מיר אויס נאָך גרויע צעט
דער קאָפּ דערברענט די שלייף די האַקט
און די מאַשין קלאַפּט צו צום טאַקט
טאַ טאַ טאַ טאַ טאַ טאַ טאַ טאַם

איך פֿאַרשטיי דאָך יענעמס ווונק
אָן אַ חופּה אָן אַ רונק
וו[illegible]ט געווען אַ שפּיל אַ טאַנץ
אַ ליבע אויף אַ יאָר אַ גאַנץ
נאָר דערנאָך דערנאָך דערנאָך
(ברומט)

די דריטע שפּילט מיט בלוט און זינגט
איך ניי מיך קראַנק איך ניי מיך בלינד
עס וויגט די ברוסט בײַ יעדן שטאָך
און ער האָט חתונה די וואָך
איך ווינטש אים ניט קיין שלעכטס
עס פֿאַרגעסט עס פֿאַרגעסן וואָס אַ מאָל
הכריכים וועט מיר געבן קהל
אויף אַ קליינטשיק ביצל ערד
איך וועל רוען אונגעשטערט
כ׳וועל שלאָפֿן כ׳וועל שלאָפֿן כ׳וועל שלאָפֿן

מס זייער שיין זייער שיין

מר (איינינקע נובער) פֿון גערשטיינס כאָר וואָס איך האָב פֿאַרגעדענקט און כ׳האָב זי זייער ליב געהאַט און די קינדער האָבן דאָס זייער שיין געזונגען און איך האָב דאָס אויך פֿאַרגעדענקט בײַ דעם שטעטל שטייט אַ שטיבל דאָס האָט גערשטיין אָנגעפֿירט אַ כאָר אין רעאַל-גימנאַזיע (זינגט)

מר (זינגט המשך)

אוי ווײ ברײנגע די בעסטע שכנטע מײנע
די האַרץ ווערט איך מיר פֿאַרברענט
ווען איך האָב דעם מערדער דערקענט

נעכטן האָט ער מיך געשלאָגן
ברוין און בלוי האָט ער מיך געמאַכט
ס'איז אַ חרפּה אויסצוזאָגן
האָב זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט

אוי ווײ ברײנגע די בעסטע שכנטע מײנע
די האַרץ ווערט איך מיר פֿאַרברענט
זינט איך האָב דעם מערדער דערקענט

(לאַכט) און אַזוי ווי איך וויל דאָס דינגען בריילעכס אַ ביסל און פֿריילעכס הייסט דער פֿאָלקסלידער וואָס ווי אומעטיק עס זאָל נישט זיין מוז מען פֿאַריאָגן פֿאַרטרײבן די שוואַרצע מחשבֿות און זיך פֿאַרגעסן אַ ביסל איז איך וועל אײַך נאָר אויפֿזינגען קליינינקע פֿערזן פֿון געוויסע לידער וואָס מיר האָבן געזונגען וואָס לויבן זיי נישט צו זינגען גאַנצערהייט ווײַל מען קען זיי מסתּמא ערגעץ געפֿינען נאָר פּשוט וואָס מיר האָבן געזונגען (זינגט)

אוי אוי אוי יאָשקע פֿאָרט אַוועק
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש דער פֿאַיעץ גייט אַוועק
לאָמיר זיך געזעגענען יאָשקע פֿאָרט אַוועק
אוי לאָמיר זיך געזעגענען דער פֿאַיעץ גייט אַוועק
אוי אוי אוי יאָשקע פֿאָרט אַוועק
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה דער פֿאַיעץ גייט אַוועק

(בײַ דעם [illegible] זיך [illegible]) חסידיש - פֿריילעך

אַז"וו (לאַכט, זינגט)

שאַ שטיל מאַך נישט קיין גערודער
דער רבי גייט שוין טאַנצן ווידער
שאַ שטיל מאַך נישט קיין געוואַלד
דער רבי גייט שוין טאַנצן באַלד

און אַז דער רבי טאַנצט טאַנצן דאָך די ווענט
און אַלע חסידימלעך פּאַטשן מיט די הענט
און אַז דער רבי טאַנצט טאַנצן דאָך די ווענט
און אַלע חסידים פּאַטשן מיט די הענט

מר(זינגט המשך)

שאַ שטיל מאַכט נישט קיין געוואַלד
דער רבי גייט שוין טאַנצן באַלד (2)

שוין דאָס וואָס וועט זײַן אַז משיח וועט קומען מאַך צו אַ מאָמענט (איבעררײַס) אינטערעסאַנט מ'האָט אַ מאָל נישט געדאַרפט האָבן קיין שום ווערטער ס'איז געווען לידער וואָס זינגען באַשטאַנען בלויז פון דרײַ ווערטער און אַזאַ ליד פון דרײַ ווערטער האָב איך פאַרגעדענקט (זינגט)

גאָטעניו טאַטעניו באַווײַז דײַן נס (4)

גאָרנישט דרײַ ווערטער און זיי האָבן אַלץ געזאָגט און יעצט אַ ליד וואָס מסתמא איז אַ ליד אַמאָליקע צײַטן אין 10טן יאָר האָט מען צו ערשט אַרײַנגעשטעלט טעלעפאָנען איז געווען אַ גרויסע זאַך וואָס ס'האָט געמאַכט לידער וועגן טעלעפאָנען ווײַל (לאַכט) איך דערמאָן זיך אַלס אַ קינד מ'האָט געבראַכט מײַנע חבֿרטעס צו אונדז אין דרוק מיר האָבן געהאַט אַ דרוק אין ווילנע איז מיר אָבער געהאַט אַ טעלעפאָן און כ'האָב געבראַכט מײַנע חבֿרטעס באַווײַזן דעם גרויסן וווּנדער אַז מיר האָבן אַ טעלעפאָן און איך קען אַפילו רעדן פון דער דרוק אַהיים צו מיר מיט דעם זעלבן שרײַבל הערן פון שטוב וואָס מײַן מאַמע רעדט צו מיר פון דרוק איז דאָס געווען די גרעסטע סענסאַציע מער ווי הײַנט אַז מען פאָרט אויף דער לבֿנה (לאַכט) איז דאָס האָט געהייסן משה זײַער שיין אויך אַ קליין לידעלע וואָס כאַראַקטעריזירט דעם יאָר ווען מען האָט אַרײַנגעשטעלט אַ טעלעפאָן אין ווילנע (זינגט)

משה (4)
קום צום טעלעפאָן
משה (4)
רוף מיר גיכער אָן
משה איז אַ ווילער יונג
משה רוף מיר שנעלער אָן
משה (4)
קום צום טעלעפאָן
משה(4)
קום צום טעלעפאָן
משה (4)
רוף מיר שנעלער אָן
משה איז אַ בראַווער יונג

מר(זינגט הבשך).

משה קומט צום טעלעפֿאָן

משה (4)

קומט צום טעלעפֿאָן

(לאַכט) ס׳איז אינטערעסאַנט און מ׳האָט עס געזונגען און מיט גרויס איבערלעבונג ווײַל אַ טעלעפֿאָן איז געווען אַ איבערלעבונג איז שוין דאָס ליד במילא געווען פֿאַרבונדן מיטן ווונדער-טעלעפֿאָן און זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַך וועל איך אײַך איצט דערציילן פֿאַר אַ יאָרן אין דער צײַט האָב איך עפּעס געהאַט אַן אַטאַקע און איך האָב געמוזט פֿאָרן אין שפּיטאָל און ס׳איז מיר געווען זייער שלעכט אויפֿן האַרצן און איך האָב געהאַט גרויסע ווייטאָקן אונד מײַן מאַן האָט מיר געפֿירט אין שפּיטאָל און כ׳האָב זייער רחמנות געהאַט אויף מײַן מאַן וואָס ער דאַרף מיט אַזאַ שליחות זײַן באַשעפֿטיקט נישט ער איז געווען צוגעוווינט דערצו נישט איך האָב איך געוואָלט באַלעסטיקן מיט אַזאַ שווערער איבערלעבונג איז פֿאָרנדיק אַזוי צום שפּיטאָל איז פּלוצלונג האָב איך דערזען פֿאַר זיך די ווילנער פֿענצטערס ברייט פֿונאַנדערגעעפֿנט און אַ גרויסע טראָמבע פֿון אַן אַלטע גראַמאַפֿאָן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און דורך דער טראָמבע האָב איך געהערט בשעת-מעשה דאָס ליד און הערנדיק דאָס ליד האָב איך אָנגעהויבן אַליין צו זינגען דאָס ליד און איך האָב געפֿילט ווי די ווייטאָקן גייען אַוועק לאַנגזאַם לאַנגזאַם ווײַט פֿון מיר זיי ס׳פֿאַרלײַכטערט מיר דער ווייטאָק ס׳פֿאַרלײַכטערט מיר דעם מײַן סיטואַציע און איך האָב אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד וואָס איך האָב געהערט דורך דער אַרויסגעשטעלטער טראָמבע פֿון דעם אַלטן גראַמאָפֿאָן אין ווילנע (זינגט)

האָט אַ ייִד אַ ווײַבעלע האָט ער פֿון איר צרות (3)
האָט אַ ייִד אַ ווײַבעלע שלאָגט ער מיט איר כּפּרות
(ברומט)

(לאַכט) איר פֿאַרשטייט אַ ליד קען אפֿילו ראַטעווען אַ מענטשנס לעבן איך האָב אײַך פֿאַרגעסן צו זאָגן אַז איך האָב אײַך געזונגען דאָס ליד דו פֿרעגסט מיר מײַן פֿרײַנד ווי אַלט בין איך שוין האָב איך אײַך פֿאַרגעסן צו דערציילן זייער אַן אינטערעסאַנטע צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן ליד מיט צוויי דרײַ יאָר צוריק איז געקומען דאָ אַ פֿרוי פֿון ווילנע און מיר האָבן זיך צופֿעליק באַקענט און זי איז געקומען צופֿעליק צו מיר אין שטוב און מיר זענען געבליבן אַליין בײַ נאַכט און זי האָט זייער גוט געקענט זינגען און זי האָט פֿאַרגעדענקט אַ סך לידער נישט געוווּסט ווער זי איז וואָס זי איז פֿון וואַנען זי איז כ׳האָב איר אַלץ געגלייבט אויפֿן וואָרט נאָר אינעם מאָמענט ווען זי האָט

מר(המבך) אַנג.הויבן צו זינגען (זינגט) דו פֿרעגסט מיר מײַן פֿרײַנד ווי
אַלט בין איך שוין און זי האָט אַזוי געזונגען דאָס גאַנצע ליד מיט אַלע
ווערטער איז זי מיר געוואָרן אַזוי נאָענט און ס'איז געוואָרן די גרעסטע
און די בעסטע אידענטיפֿיקאַציע (איבעריקס? זינגט)

דו פֿרעגסט מיר מײַן פֿרײַנד ווי אַלט בין איך שוין
איך קען דיר דאָס הײַנט נישט דערציילן
איר ווייסט דאָך
אויב לעבן מײַן פֿרײַנד הייסט הערן פֿון גליק כאָטש אַ קלאַנג
דאַן בין איך נאָך גאָרנישט געבאָרן

איר פֿאַרשטייט איז דאָס דאָך דער קאָנטאַקט דער קאָנטאַקט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט
דער קאָנטאַקט מיט הײַנט און די אידענטיפֿיקאַציע פֿון מענטשן וועלכע קענען
קומען פֿון דער גאַנצער וועלט אויב עס בינדט אונדז אַ ליד דאָס הייסט אַז
מיר געהערן צו איין קרייז צו איין שיטה און צו איין פֿאַרגאַנגענהייט
א סימליד איין מאָל קו. איך מיר באַנייען דאָס איז אויך איינע איר ווייסט
דאָך איך האָב אײַך געגעבן אַ גאַנצע סעריע סימלידער וואָס איר ווייסט דאָך
מע זינגט ביי חתונה ביי שימחות און איינע פֿון די לידער האָב איך אײַך
טאַקע באַגעגנט צו פֿאַר יאָר פֿאַראייביקן און דאָס איז (זינגט)

אַ גאַנצע וואָך האָרעוועט מען דאָך
אַף שבת דאַרף מען לייען (2)

לייען לייען־לייען
לייען זאָל מע נישט באַדאַרפֿן (2)

אָן פֿיש און אָן כריין
קען מען זען באַגיין (2)
אָבער נישט אָן בראָנפֿן

בראַנפֿן (3)
בראַנפֿן דאָס איז דער עיקר (2) (אָדער: בראַנפֿן איז דאָך דער עיקר)

און אַז איך נעם אַ כוס נאָך אַ כוס
ווער איך תיכף שיכור (2)

שיכור (3)
שיכור איז אַ גוטע מידה (2)

און אַז איך נעם אַ כוס נאָך אַ כוס
טאַנץ איך מיט אַ חסידה
און אַז איך נעם אַ כוס נאָך אַ כוס

מר/זינגט המשך)

גיי איך טאַנצן מיט אַ חסידה

דאַרט האָב איך האָב איין געזונגען אַ מאָל אַז אונגזער ליטסמאַטיך בעטה מיר זינגען געווען פּאַרצווייפלט בלעג איך זינגען (זינגט)

הולע קבצן הולע

אוי אוי אוי הולע קבצן הולע

אוי אוי אוי לאָז איבער דיינע זאָרגן

אוי אוי אוי גאָר אויך איבערטאָרגן

(רעטשיטאַטיוו:)הולע קבצן פרייי זיך דלות,

ווער ס'האָט גאָרניט איך האָב אַלעס

ווי לאַנג לעבט מען (2)

איי איי איי הולע קבצן הולע (2)

אוי אוי לאָז איבער דיינע זאָרגן

וי אוי אוי גאָר אויך איבערטאָרגן

און לאָז זשע מיר טאָקע איבער און וואָס זשע ווילסטו מיין טייער קינד דאָס איז אויך אַ ליד וואָס אויך מיין שוועסטער אַנע די זינגערין פון קאָוונע און פון ווילנע און אויך מיין האַרצן האָט שטענדיק געזונגען (זינגט)

וואָס זשע ווילסטו מיין טייער קינד

געבן דיר אַ שניידעריונג

ניין מאַמע ס'איז נישט שיין

אַ שניידעריונג-

דאַכט זיך מיר ס'האָב עס איין שוין געזונגען יע דאָס האָב איך איין געזונגען ביידע ביינע דאָס האָב איך אַ טעות געהאַט דאָס איז אויך אַ ליד פון אַ שניידער אָבער אַן אַנדער זאַך (זינגט)

זיץ איך מיר אַף אַ שטיין און קוק אַראָפּ און וויין

אַלע מיידאַלעך האָבן חתונה נאָר איך בלייב אַליין

איי איי איי אַלע מיידאַלעך האָבן חתונה נאָר איך בלייב אַליין

וואָס זשע ווילסטו וואָס זשע ווילסטו אַ שניידער פאַר אַ מאַן

אַ שניידער פאַר אַ מאַן וויל איך נישט אַ שניידערס טאָכטער בין איך נישט קליידער נייען קען איך נישט

זיץ איך מיר אַף אַ שטיין און קוק אַראָפּ און וויין

אַלע מיידלעך האָבן חתונה נאָר איך בלייב אַליין

אוי אוי אוי אַלע מיידעלעך האָבן חתונה נאָר איך בלייב אַליין

מר(זינגט המשך)

וואָס זשע ווילסטו וואָס זשע ווילסטו אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן
אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן וויל איך נישט אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן
דרעטווערס נייען קען איך נישט אַ שוסטערס טאָכטער בין איך נישט
זיץ איך מיר אויף אַ שטיין און קוק אַראָפּ און וויין
אַלע מיידעלעך האָבן חתונה און איך בלייב אַליין
אוי אוי אוי אַלע מיידעלעך האָבן חתונה און איך בלייב אַליין

וואָס זשע ווילסטו וואָס זשע ווילסטו אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן
אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן וויל איך דאָך אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן
תורה לערנען קען איך דאָך אַ לערנערס טאָכטער בין איך דאָך
זיץ איך מיר אויף אַ שטיין און קוק אַראָפּ און וויין
אַלע מיידעלעך האָבן חתונה און איך אויך מיט זיי
אוי אוי אַלע מיידלעך האָבן חתונה און איך אויך מיט זיי

(לאַכט) און דאָס פּלעגן מיר זינגען זייער אָפֿט ווײַלע מיר האָבן מורא געהאַט אַז מיר וועלן נישט חתונה האָבן האָבן מיר אַזוי לאַנג געזונגען ביז מיר האָבן געפֿונען אונדזערע לערנערס (לאַכט) יעצט איז זייער אַ ווי זאָל איך אײַך זאָגן אַ איבעריק ליד אַ ליד וואָס איז גוט פֿאַר אַלע צייטן פֿאַר אַלע דורות און אין 100 יאָר אַרום הלוואַי זאָלן מיר נישט דאַרפֿן זינגען דאָס ליד אָבער זי איז פֿאַר יידן געווען רעלעוואַנט אַקטועל אַבן הײַנט און דאָס האָט געזונגען מײַן שוועגערין נאַדינקע ווילנע אין 28סטן יאָר זי האָט געענדיקט קאָנסערוואַטאָריע אין ווילנע ייִדישע קאָנסערוואַטאָריע און כ'האָב אײַך געזונגען אַ מאָל אַ פּאַראָדיע וועגן דעם רובינשטיין וואָס איז געווען דער דירעקטאָר פּראָפֿ' ניגדאַל זײַן ווײַב איז געווען דער פּראָפֿעסאָר און מײַן שוועגערין נאַדינקע האָט געהאַט זייער אַ גוטע סאָפּראַנאָ און זי האָט קיין ייִדיש נישט געקענט און דערנאָך ליד און דורכן ליד זיך אויסגעלערנט ייִדיש און דאָס איז געווען איר ערשטע ייִדישע ליד מיט וועלכע זי האָט אויפֿגעטראָטן און פֿאַר דערפֿאַר איז עס מיר נאָך טײַערער און ליבער און דאָס איז געווען דאָס ליד דאָס שטערנדל פֿון קולבאַק פֿון משה קולבאַק (זינגט)

Rubinstein
Mr. Nigdal
Jew. Music conservatory

שטערנדל שטערנדל בלויע שטאַבעטעלע
זײַ מיר אַ שליחל פֿאַל אין מײַן שטעטעלע (2)
זען וועסט אַ געסעלע נאָך דעם אַ גריבעלע
דאָרטן געפֿינסט זיך מײַן חרובע שטיבעלע (2)

מר(זינגט הכסך)

עלנט אַליין ביי דער פֿינצטערן טיזבאַלע -

(סוף ז׳2)

(197) MFSMR XXXII



(מנחם סטאַניסלאַווסקי מאַכט ראסקעס ג׳11xxx המכך פֿון 1xxx 22אויגוסט1973מאָנטרעאל ז׳1

מר  שטערנדל געזונגען אין ווילנע אין 23סטן יאָר דורך מײַן שוועגערין

איר ערשטע אויפֿטריט מיט אַ יידיש ליד און איך האָב זייער זיך איבערגעלעבט

דאָס ליד אַ ליד פֿון אַלע צײַטן (זינגט)

שטערנדל שטערנדל בלויע שטאַפֿעטעלע

זײַ מיר אַ שליחל פֿאַל אין שטעטעלע (2)

זען וועסט אַ געסעלע נאָך דעם אַ גריבעלע

דאָרטן געפֿינט זיך מײַן חרובֿע שטיבעלע (2)

עלנט אַליין בײַ דער פֿינצטערער שײַבאַלע

זיצט דאָרט אַ טרויערט און דעגהט מײַן ווײַבאַלע (2)

טרייסט איר דו שטערנדל לײַכט איר אין שטיב אַרײַן

זאָג ער דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זײַן (2)

פֿרעג וואס מאַכט יאַנקאלע לאהלע ראָבעלע

זאָג זיי איך גריען און קוש זייער בריוועלע (2)

זאָג זיי אַז יאַנקאַלען זאָ מען ניסט זשאַלעווען

געבן אין חדר גענוג איב צו באַלעווען (2)

זאָל ער זיך אויסלערנען קדיש ווי ס׳דאַרף צו זײַן

אפֿשר מען וויסטעניטש נאָר גאָט וועט מרחם זײַן (2)

שטערנדל שטערנדל בלויער שטאַפֿעטעלע

זײַ מיר אַ שליחל פֿאַל אין מײַן שטעטעלע

מט זייער שיין

מר נו דעם פֿרײַטיק צו נאַכטס דאָס האבן מיר אויסעט געזונגען דאָס איז געוועזן

געשאַפֿן אין ווילנע אויך פֿון די אָנהייב 20ער יאָרן פֿון אַ זייער פֿעיִקן

באַגאַבטן בחור ברויד האָט ער געהייסן און ער האָט געהאַט גרויס דערפֿאָלג

מיטן ליד אַפֿילו איצט זינגט מען דאָס דאָ אויך מיט אַנדערע וואַריאַנטן אָבער

דאָס זעלבע ליד איך פֿלעג דאָס שטענדיק זינגען פֿאַר מײַנע קינדער פֿרײַטיק

צו נאַכטס און זיי האָבן דאָס אויך געֶרנט געהאַט און זיי האָבן דאָס ממשיך

געווען אין זייער באַפֿערטואַר פֿאַרגעכט דאָס ליד אויך זייער אַ גרויס אָרט

אַ בכבֿודיק אָרט (זינגט)

?

מר(זינגט)

איך געדענק נאך דעם פרייטיק צו נאכטס
אוי סאַראַ עשירוה
דער טאַטע מיט די קינדער זאַלבע אַכט
פלעגן בראַווען זמירוה
פלעגט די מאַמע מיט די אוירינגלעך אַ באַמקע מיטן לעפעלע
פלעגט מאַן מיט די פינגערלעך אַ קנאַק
פלעגט די באָבע אינעם ווידערל אַ שאָקלען מיטן קעפעלע
אוי וויי ווי געשמאַק (2)

יאַ די באַם אאַז"וו

סי שבת היינט אין חדר גייט מען נישט
אוי סאַראַ פאַרגעניגן
דער טאַטע גייט פון דאַווענען טריט ביי טריט
און מורמלט צו אַ ניגון

פלעגט דער פעטער זיך אוועקזעצן פאַרהערן מיר גמרא
פלעגט מאַן מיר אַ קניפעלע אין באַק
ס'וואַקסט. פלעגט ער זאָגן אַ תנא אָן איין עין-הרע
אַ וויי ווי געשמאַק (2)

יאַ די באַם באַם אאַז"וו

סיז געקימין שבת צו נאַכטס
פלעגן מיר זיך אין אַ ווינקעלע פאַרוקן
די מאַמעלע ביים פענצטערל פאַרטראַכט
און די באָבע פלעגט אין צאינה-ראינה קוקן

פלעגט די באָבע אונדז דערציילן אַ מעשה מיט דריי פריצימלעך
וואָס בלאָנדזשען אין דער פינצטער מיט אַ האַק
פלעגן קינדער באַגעסן זען מיט טרערעלעך ווי פערעלעך
אוי וויי ווי געשמאַק (2)

יאַ די באַם באַם אאַז"וו

מיין באַליבטסטער זינגער פון מיין טרויער איז געבירטיג ער איז סטי פון טרויער סטי פון פרייד אונד ווען איך וואָלט נישט געוווסט ס'איז געבירטיג וואָלט איך געביינט אַז ס'איז עמעצער פון פאָלק האָט דאָס געשאַפן דאָס ליד ס'איז אַזוי פאָלקסטימלעך און מ'האָב איין שוין געזאָגט און ס'איז אַזוי עכט

199

1st Immigration: Vilna – Krosno
2nd " Krosno – Czernowitz
3rd Czernowitz – Mtl



מר(המשך) ס'איז אַזוי ריין ס'איז אַזוי ציכטיק אַז ס'נעמט אײַך ס'נעמט אײַך יעדעס ליד איז צוגעפּאַסט צו אײַך צו אײַער געמיט אין פֿאַרשידענע צײַטן או די גאָלדענע לאַנד האָב איך געזונגען נאָך אין טשערנאָוויץ און מיט דעם ליד האָב איך געזונגען אויף אונדזער (דריטער עמיגראַציע) קיין מאָנטרעאָל האָב איך מיטגעבראַכט דאָס ליד און דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליד וואָס איך האָב דאָ געזונגען פֿאַר זיך און פֿאַר אַ פּאָר נאָענטע פֿרײַנד כדי אָנצוהאַלטן די גאָלדענע קייט (זינגט)

אָ נעט גוטער קלעזמער דעט פֿידל אין האַנט
און שפּיל מיר דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד
אַ מאָל פֿלעגט מײַן מאַמע מיט האַרץ און געפֿיל (2)
דאָס לידעלע זינגען טאָ שפּיל זשע מיר שפּיל

און הער איך דאָס לידל דאַן שוועבט פֿאַר מיר באַלד
מײַן טײַערע מאַמע איר ליבלעך געשטאַלט
(x2: ליבלעכער)
איר האַרציקער שמייכל דער לויטערער בליק (2)
זיי וועקן אין מיר מײַן פֿאַרגאַנגענע גליק

און הער איך דאָס לידל דערזע איך אַ שטייט
מײַן מאַמע די נאַכט בײַ מײַן וויגעלע גרייט
און קושט מיך און גלעט מיך מיט צערטלעכער האַנט (2)
און זינגט מיר דאָס לידל פֿון גאָלדענע לאַנד

אַ מאָל איז געווען אין גאָלדענעם לאַנד
אַ קלוגער בן-יחיד אַ שיינער בריליאַנט
זי זינגט און עס טיק-טאַקט דער זייגער אין אומרו
און קלינגט און זינגט עס און טיקט-
און טיק-טאַקט דער זייגער לו לו לו לו
זי זינגט און עס טיק-טאַקט דער זייגער אין אומרו
לו לו לו לו לו לו לו לו לו לו

און הער איך דאָס לידל דאָס זיסע געזאַנג
און ווערט אויפֿן האַרץ אַזוי אומעדיק באַנג
און ס'ווילט זיך ווי מײַן מאַמע מיט האַרץ און געפֿיל (2)
דאָס לידעלע זינגען אוי שפּיל זשע מיר שפּיל

מס זייער שיין

Lyric must be followed by lively

מר שטענדיק נאָך אַ לירישע ליד מוז איך זיך דערמאָנען אין אַ טיש־ליד
עפּעס אַ פֿריילעכס כ׳זאָל נישט אײַך מצער זײַן (לאַכט) און כ׳וויל
אײַך זאָגן אַז די טישלידער האָבן פֿאַרנומען סוף־כּל־סוף אַ גרויסן
פּלאַץ אין מײַן לעבן ווײַל כ׳האָב אײַך געזאָגט דאָך ס׳איז געווען
שטענדיק הולע קבצן האָט מען געדאַרפֿט זינגען פֿריילעכע לידער און
ווען מיר פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען בײַ מײַן ברודער אין היים
האָט ער שרעקלעך ליב געהאַט אָנצוהייבן דאָס געזאַנג מיט איין ליד
און דאָס איז זײַן ליד פֿון מײַן ברודער גרישע מײַן באַליבטן ברודער
און מיר האָבן געהאַט אַזאַ געלעגנהייט זיך צו טרעפֿן אַלע סטודענטן
און אַלע אַרטיסטן נאָך די פֿאָרשטעלונגען און נאָך אַנדערע גרויסע איבערלעבונגען
פֿלעגט מען קומען צו אים און פֿלעגט ווערן אַ פּראָוויזאָרישע בינע און
מ׳פֿלעגט אַוועקשטעלן אויפֿן טיש גוטע זאַכן און הערציקייט און פֿרײַנדשאַפֿט
און גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט און מיר האָבן בכלל זיך אָנגעטרונקען פֿון דער וואַרעמקייט
און פֿון דער גוטסקייט פֿון דער היים און מיר פֿלעגן אַלע מאָל זינגען
ביז שפּעט בײַ טאָג בײַ אים אין שטוב און זײַן ליד איז געווען „טײַערע
מלכּה געזונט זאָלסטו זײַן" און איך האָב זיך דערמאָנט דאָס ליד ווײַל
דאָס איז זייער פֿאַרבונדן מיט אים מיט מײַנע איבערלעבונגען אין זײַן היים (זינגט

Warshawski (= SA's favorite [illegible])

טײַערע מלכּה געזונט זאָלסטו זײַן
גיס אָן דעם בעכער דעם בעכער מיט ווײַן
אײַ אײַ אַז"וו

דער דאָזיקער בעכער ער גלאַנצט אַזוי שיין
האָט געטרונקען, דער זיידע אַליין
אוי אײַ אַז"וו

טײַערע מלכּה געזונט זאָלסטו זײַן
פֿאַר וועמען זאָל איך טרינקען דעם דאָזיקן ווײַן
אײַ אײַ אַז"וו

איך געדענק אַז איך האָב אײַך דערציילט אַז מײַן שוועסטער האָט געמאַכט אַ
פּלאַטע פֿאַרן אָנהייב פֿון קריג און איך זוך אַרום די פּלאַטע מיט אַן אַרבעטער-
כאָר האָט זי געזונגען עטלעכע זייער באַדײַטנדע לידער און איינע
פֿון די לידער איז געווען „אָ העכערל העכערל קלאַפּ" פֿון רייזענען און די
מוזיק האָט געשריבן בערנשטיין איז יעצט האָב איך זיך דערמאָנט די פּאָר פֿערזן
און איך וויל דאָס אײַך אויספֿזינגען אין אָריגינאַל דאָס ליד וואָס זי האָט

מר(המשך) געזונגען מיטן אַרבעטער-כאָר און זייער זייער אַקטועל און באַליבט און לעבעדיק ליד אָ העמערל העמערל קלאַפּ (זינגט)

אָ העמערל העמערל קלאַפּ
עס שלאָגט פֿון דער זייגער באַלד עלף
די אויגן זיי מאַכן זיך צו (2)
גיב רוה אוי גאָטעניו העלף

אָ העמערל העמערל קלאַפּ
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס שלאָג גיך
ביז מאָרגן מוז פֿאַרטיק פֿון זיין (2)
דער געבירנטעס טאָכטערלס שיך

קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ
קלאַפּ שטאַרקער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק
ביז מאָרגן מיז פֿאַרטיק פֿון זיין
דער געבירנטעס טאָכטערלס שיך

קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ

אָ העמערל העמערל קלאַפּ
נישט גליטש פֿון מיין האַנט זיך אַרויס
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו (2)
פֿון הונגער און נויט גיי איך אויס

קלאַפּ העמערל העמערל קלאַפּ
קלאַפּ שטאַרקער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו
פֿון הונגער און נויט גיי איך אויס

Igor Kuchinsky taught her the ghetto songs in WC ח׳׳

יעדער ליד האָט געהאַט אַזוי פֿיל זין און אַזוי פֿיל תוכן און אַזוי פֿיל אַטמאָספֿערע און דערפֿאַר האָט זיך דאָס אַזוי פֿאַרגעדענקט איך האָב איין געזאָגט פֿרייער אַז 23 יאָר ווילנע איז אַן אייביקייט און 33 יאָר איך מאָנטרעאָל איז בלויז אַ פּאָר לידער פֿון די פּאָר לידער דאָס ער מע ליד וואָס איך האָב גוט פֿאַרגעדענקט אויך שטענדיק איז געווען אַ וויגליד פֿון חורבן-צייט און דאָס ליד האָט געזונגען מיט אונדז יצחק קוטשינסקי ווען ער איז געקומען פֿון די לאַגערן פֿלעגט ער אונדז צוזאַמענעמען פֿרייטיק צו נאַכטס אין אַרבעטער-רינג דאָס איז געווען מן-הסתם אַרום 49סטן יאָר און בציבור האָבן מיר אַלע מיטגעזונגען

מר(המשך) און ער האָט אונדז געלערנט נאָך אויסגעלערנט אַ וויגליד פֿון די חורבן-ציַיטן (זינגט)

מאַך צו די אייגעלעך
אָט קומען פֿייגעלעך
און קרײַזן דאָ אַרום
צו קאָפּנס פֿון דײַן וויג
דאָס פּעקל אין דער האַנט
דאָס הויז איז אַש און בראַנד (2)
מיר לאָזן זיך מײַן קינד צו זוכן גליק

די וועלט האָט גאָט פֿאַרמאַכט
און אומעטום איז נאַכט
מע וואַרט אויף אונדז מיט מורא און מיט שרעק
מיר שטייען ביידע דאָ
אין שווערער שווערער שעה (2)
און ווייסן נישט וווהין עס פֿירט דער וועג

מאַך צו די אויגעלעך
אָט קומען פֿויגעלעך
און שטעלן זיך אַוועק אַקעגן פֿון דײַן וויג
און קרײַזן דאָ אַרום
צו קאָפּנס פֿון דײַן וויג
און קרײַזן דאָ אַרום דײַן וויג

מען האָט אונדז נאָקעט בלויז
פֿאַריאָגט פֿון אונדזער הויז
אין פֿינצטערניש געטריבן אונדז אין פֿעלד
אין שטורעם האָגל ווינט
האָט אונדז באַגלייט מײַן קינד (2)
באַגלייט אונדז אינעם אָפּגרונט פֿון דער וועלט

מאַך צו די אויגעלעך
אָט קומען פֿויגעלעך
און קרײַזן דאָ אַרום צו קאָפּנס פֿון דײַן וויג
דאָס פּעקל אין דער האַנט
די הויז איז אַש און בראַנד
מיר לאָזן זיך מײַן קינד צו זוכן גליק

מר מאַפּצפּענטאַלע לידער אמה? אַרום און אַרום איז דאָך נאָך געווען זייער
טרויעריק אונד מיט די לידער און מיט די האָט געשאַלט איך דעם מוח די גאַנצע
צייט איין מאַרש מיט וועלכער ס'איז אָנגעקומען אַהער קיין קאַנאַדע און
דער מאַרש האָט אונדז באַגלייט אַהער (זינגט רוסיש)
דאָס איז געווען דער מאַרש מיט וועלכע די רוסן זענען אַוועק אין זייער
קריג אַריין אין 41סטן יאָר אין סטערנאָוויץ און מיט דעם בין איך געקומען
אין מאָנטרעאָל מיט דעם בין איך געקומען אין מאנטרעאָל און פֿאַרענדיקט
האָב איך „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" נאָר אַזוי ווי
איך פֿאַרענדיק נאָך נישט דעם זינגען וועסטו זיין דאָס לעצטע ליד וויילע
מיט דעם האָבן מיר פֿאַרענדיקט אונדזער קריגגעזאַנגען און די סאַמע לעצטע
מיט וואָס מיר טרייסטן זיך יעצט אַז דאָס לעצטע ליד האָט געדאַרפֿט זיין
און איז און וועט זיין „אני מאמין" און דאָס זינגען מיר יעדן יאָר בשעת
סדר ווען מיר זאָגן די דריטע קשיא איר ווייסט דאָך אַז מ'זאָגט די ספּעציעלע
תּפֿילה איר ווייסט דאָך פֿאַר די זעקס מיליאָן ייִדן איז דאָן זינגען מען
אני מאמין און איינגעטלעך דעם אמת זאָגנדיק זיינען דאָס די דריי לידער
וואָס זיינען מיר געבליבן אין מאָנטרעאָל עס איז גאָרנישט דערגאַנגען צו מיר
איך האָב ס'איז אַ סך צו רעדן איך ווייס נישט פֿאַר וואָס ס'איז נישט דערגאַנגען
צו מיר און מיר האָבן דאָ געהאַט דעם ייִטעק און ס'איז געווען צוויי יאָר
וואָס איך האָב זייער ענערגיש געאַרבעט בײַם ייִטעק און איך האָב אַ סך באַוויזן
אויך וויפֿל איך האָב נאָר געקענט אויפֿצוהאַלטן די דאָזיקע סטודיע ווו יונגע
מענטשן האָבן געלערנט בינע פֿון דעם איז דאָך אויסגעוואַקסן אַ פּאָר אמתע
אַרטיסטן וואָס זיי רעכנט אַרויס אין ניו-יאָרק איר ווייסט דאָך דער
דאָדיק ראַבינאָוויטש דער עלין און רחלע זיינען ווײַב זיי קומען פֿון ייִטעק
און איך מיינע צייטן זיינען געוואַקסן אויף אונדזערע הייט וויל איך
איינמאָל זאָגן אַז איך פֿלעג דאַרפֿן מאַכן און נעכטיקן און איך בין די
גאַנצע צייט געווען מיט זיי מ'האָט זייערע לידער געהערט איך האָב זייערע
לידער געקענט אָבער זיי זענען צו מיר נישט דערגאַנגען זייער מאָדנע ס'איז
זייער נישט אינטערעסאַנט ס'איז טרויעריק נאָר ס'איז מאָדנע איך פֿרעג זיך
אַליין פֿאַר וואָס קען איך נישט אויפֿפֿינגען קיין איין ליד פֿון היהלע גראַבערס
גרופּע וואָס איך האָב אַזוי פֿיל נשמה אַרײַנגעגעבן אין די דאָזיקע פֿאַר יאָר
און מ'האָט אַזוי געלעכצט נאָך דער עקסיסטענץ פֿון דער גרופּע און מ'האָט
זיך אַזוי געפֿרייט מיט זיי און בין געוואַקסן צוזאַמען מיט זיי אונד אונד
זינגען מיט זיי האָב איך נישט געקענט און ס'איז נישט געבליבן קיין
איין ליד קיין זכר פֿון אַ ליד יע איז ס'איז נאָך דאָ אַ סך? איז מאָך צו
מ'וועל פּראָבירן נאָך עפּעס געפֿינען (איבעררייס)

Rochele David Ellin
... son
= Rabin...

מר יע דאָס איז געווען אין טשערנאָוויץ אין 36סטן יאָר זענען געקומען אַ
פּאָר זייער שיינע רוסישע פֿילמען און מיר זענען געגאַנגען דאָס עטלעכע
מאָל הערן און דאָס איז באמת ווערט געווען צו הערן וויבאַלד סוף-כל-סוף
האָט מען געמאַכט פּלאַטן דערפֿון און מיר האָבן דאָס זייער גערן זייער
געשמאַק געזונגען איז איינע פֿון די לידער די הויכט די לייטמאַטיוון
איז געווען פֿון (פּיסי פּיסיאַליך ריביאַס) איז געווען דער לייטמאַטיף
(רוסיש) און סערדצע (זינגט רוסיש)
דערנאָך זינגט איינע מאָלאָ מיידעלע דאַרין סערדצע (זינגט רוסיש)
כ'וועל נעמען אַן אַנדער מאָן אַנטשולדיקט (זינגט ווידער)
א פּראָפּאָ איך האָב דאָס געזונגען אין טשערנאָוויץ אין וואַלד אין געבורטסטאָג
פֿון מיין זון דעם ערשטן מיי און דרייצן טעג פֿאַרן געבאָרן פֿון מיין טאָכטער
רות איז דאָס ליד האָט מיר געגעבן מאָקע מוט און קוראַזש צו האָבן דאָס
מיידעלע (לאַכט) איך האָב געגלייבט אין דאָס ליד אַז דאָס ליד וועט מיר
ברענגען רות (לאַכט) און ווייטער יאַנוער פֿעוואַראַ האָב איך דאָך איין
געזונגען און די אַלע אַנדערע זאַכן האָט איר דאָך שוין אויך פֿאַרנאָטירט
איז יעצט וויל איך אייך זינגען איר ווילט די באַלאַדע יע די באַלאַדע פֿון
פרצן איך האָב אייך געזאָגט אַז איך פֿלעג זינגען דאָס ליד פֿלעגן אַלע זיך
באַגיסן מיט טרערן מיט אמתע טרערן ווײַלע איך האָב דאָס ליד זייער
איבערגעלעבט און כ'האָב זייער ליב געהאַט דאָס ליד די מאַמע האָט מיר דערציילט
אַ מעשה פֿון א מאָל –

(סוף ז' 1 אָנהייב ז' 2)

דאָס איז פרצעס באַלאַדע די מאַמע האָט מיר דערציילט אַ מעשה פֿון א מאָל (זינגט)

די מאַמע מיר דערציילט אַ מעשה פֿון א מאָל
געווען איז אַ הײַזעלע גאַנץ קלײן אין אַ מאָל
אַ גערטעלע בײַם הײַזעלע געווען איז צו ליב
געוווינט האָט איך הײַזעלע אַן ערלעכער ייִד (2)

דער ייִד האָט אַן איינציקע טאָכטער געהאַט
אַ געראָטענע טאָכטער גאַנץ ערלעך און פֿײַן
מיט שוואַרצע צופֿלאָכטענע זײַדענע האָר (3)

ניט ווײַט פֿון דעם הײַזעלע גאַנץ טיף אין אַ טאָל
געזודערט האָט אַ וואַסערל פֿון זילבערנעם קרישטאָל
די מיידעלע האָט זיך צום וואַסערל געבוקט
און האָט אין דעם זילבער-קלאָרן טײַכעלע געקוקט (2)

מר(זינגט המשך)

געקוקט אין דעם וואַסערל נאָך עפּעס געבענקט
איך בין אַ יתומה דאָ אײנער אַלײן
סאָ קום שײנע מײדעלע קום דו מיט מיר
איך וועל זײַן מײדעלע אַ חבֿרטע מיט דיר (2)

אַף מאָרגן דער הימל געווען איז פֿאַרצאָגט
דער ווינטעלע האָט אומעטיק קדיש געזאָגט
דער טאַטע צו ערשט דאָס ווינטעלע צו לעצט
דער טאַטע האָטצין שבֿעה געזעצט (2)

כ׳האָב געמאַכט אײַך (איבעריַיס) די ערשטע פֿערז האָב איך אַ ביסל צעפּלאָנטערט(זינגט

די מאַמע האָט מיר דערציילט אַ מעשה פֿון אַ מאָל
געווען איז אַ הײַזעלע גאַנץ טיף אין אַ טאָל
אַ גערטנדל בײַם הײַזעלע געווען איז צו ליב
געוווינט האָט אין הײַזעלע אַ ערלעכער ײַד (2)

דער ייִד האָט אַן אײנציקע טאָכטער געהאַט
אַ געראָטענע טאָכטער גאַנץ ערלעך און פֿײַן
מיט שוואַרצע פֿאַרכישופֿטע אויגן אַ פּאָר
מיט שוואַרצע צעפּלאָטענע זײַדענע האָר (2)

ניט ווײַט פֿון דעם הײַזעלע גאַנץ טיף אין אַ טאָל
געזודערט האָט אַ וואַסערל פֿון זילבערנעם קריסטאַל
די מײדעלע האָט זיך צום וואַסערל געבוקט
און האָט אין דעם זילבער-קלאָרן וואַסערל געקוקט (2)

געקוקט אין דעם וואַסערל נאָך עפּעס געבענקט
איך בין אַ יתומה דאָ אײנער אַלײן
סאָ קום שײנע מײדעלע קום דו מיט מיר
איך וועל זײַן מײדעלע אַ חבֿרטע מיט דיר (2)

אַף מאָרגן דער הימל געווען איז פֿאַרצאָגט
דער ווינטעלע האָט אומעטיק קדיש געזאָגט
דער טאַטע ~~קאָט~~ צו ערשט דאָס ווינטעלע צו לעצט
דער טאַטע האָצעך שבֿעה געזעצט (2)

מר ס'קין אַ מאָל זײַן יעצט זינגענדיק דאָס ליד איך צווײ וואַריאַנטן
עס זענען געווען צווײ וואַריאַנטן אײנע פֿון די ער טע וואָס איך האָב
געזונגען איצט גײט די צווייטע ס'קען אַ מאָל זײַן אַז איך האָב דאָס געזונגען
מיט אַזוי פֿיל האַרץ און געפֿיל ווײַלע ערשטנס ווײַל איך בין אַליין דאַן געווען
אַ יתומה און צווייטנס ווײַל דאָס ליד זינגענדיק אַזוי פֿיל מאָל מיט אַזוי
פֿיל איבערלעבונג האָט מיר אויסגעהײלט פֿון מײַן פֿאַריתומטקייט מיט אַנדערע
ווערטער ס'האָט מײַן אַגעטײלט פֿון דעם וואָס די מײדעלע האָט געטאָן
אַזוי פֿיל איך יעצט איך דער פֿאַרגאַנגענהײט דאַן האָב איך זיך זיכער
ניט אָפּגעגעבן השבון נאָר אַז איך דערמאָן זיך ווי מענטשן האָבן געגאַנגען
טרערן סוף-כל-סוף בין איך נישט געווען סענטימענטאַל כ'בין געווען זײער
פֿאַרהאַרטעוועט אָבער איך האָב דאָס אַזוי אויסגעפֿירט און אַזוי געזונגען
די מענטשן זײַנען געווען דורכגעדרונגען דורכן ליד דורך מיר מיטן ליד
איז זיכער האָט דאָס ליד מיר פֿאַרשפֿאַרט זײער אַ סך איך לעבן אינטערעסאַנט
צו זאָגן איך אַז אַ ליד מײַנט אַזוי פֿיל נישט נאָר פֿאַר מיר נאָר פֿאַר יעדן
אײנעם.לײדער לײדער באַנוגענען זיך מענטשן איצט מיט לידער פֿלאַטן מיט
לידער פֿון טעלעוויזיע לידער פֿון יענעם און נישט פֿון זיך און איך מײן
אַז בעסער צו זינגען מיט אַ צעבראָכענער שטימע אַ האַלב ליד אַ שטיקל ליד
נאָר אַלײן אײדער צו הערן די שענסטע אויספֿירונג און די שענסטע געזאַנגען
פֿון אַנדערע וואָס הײַנט זינגען זײ און מאָרגן האָבן זײ אין גאַנצן
אַרויסגעוואָרפֿן דאָס ליד ווײַל עס מײנט פֿאַר זײ גאָרנישט זײַט איר ניט
מסכים מיט מיר

מס יאָ כ'בין מסכים איר ווילט זינגען פֿאַר אונדז רײזעלע

מר יע כ'וועל פּרוּוון פֿון אויסנווײניק אויף ווײפֿל איך געדענק ווײַלע
דאָס איז זײער אַ לעבעדיק און שײן ליד אויב איך געדענק דאָס אויסנווײניק
גענוי (זינגט)

שטײט זיך דאָרט אין שטעטעלע שטיל פֿאַרטראַכט אַ הײַזעלע
דרינען אויפֿן בוידעמשטיבל וווינט מײַן טײַער רײזעלע
יעדן אָוונט פֿאַרן הײַזל דרײ איך זיך אַרום
כ'גיב אַ פֿײַף און רוף אויס רײזל קום קום קום

עפֿנט זיך אַ פֿענצטערל וואַכט אויף כ'אַלטע הײַזעלע
און באַלד הערט מען שטיל אין געסל אַ זיס קול ס'רעדט רײזעלע
נאָך אַ ווײַלע וואַרט מײַן ליבער באַלד וועל איך זײַן פֿרײַ
גײ זיך נאָר אַ פּאָר מאָל איבער אײנס צווײ דרײַ

אינ באַוועגן

מר(זינגט המסך)

גיי איך מיר אַ פֿריילעכער זינג און קנאַק מיר ניסעלעך
הער איך אויף די טרעפּלעך לויפֿן אירע דראָבנע פֿיסעלעך
שוין גרינס נאָך לעצטן טרעפּל כ'נעם זי צאַרט אַרום
כ'גיב זי צאַרט א קוש אין קעפּל קוש קוש קוש

זאָלסט אַרויף נישט פֿייפֿן מער כ'בעט אַזוי דיך דוודל
הערסט ער פֿייפֿט שוין זאָגט די מאַמע זי איז פֿרום כ'פֿאַרדריסט איר זייער
פֿייפֿן זאָגט זי איז נישט ייִד'פּאַסט זיך נאָר פֿאַר זיי
גיב אַ צייכן פּראָסט אויף ייִדיש איינס צוויי דריי

כ'וועל פֿון היינט נישט פֿייפֿן מער דרויף גיב איך אַ שבֿועה'לע
דיר צו ליב וועל איך אַפֿילו ווערן פֿרום מיין צנועהלע
דיר צו ליב וועל איך דאָך ווערן ווי דיין מאַמע פֿרום
קום צו מיר צום חלום רייזל קום קום קום

כ'גלויב עס דיר מיין ליבינקער און דערפֿאַר אַך דוודל
ניי איך אַ שיין תּפֿילין-זעקל מיט אַ מגן-דוודל
אויב געפֿעלן אין קליינזל זאָגן זאָלסטו זיי
האָט געשטריקט מיין טייער רייזל איינס צוויי דריי

כ'דאַנק פֿאַר דיין מתּנהלע כ'ליב אַזוי דיך רייזעלע
כ'ליב דיין נאָמען כ'ליב דיין שטיבל כ'ליב דיין אָרעם הייזעלע
כ'ליב די שטיינדלעך לעבן הייזל טרעטסט אויף זיי אַרום
הער איך הויך עס רופֿט די באָבע רייזל קום קום קום

גיי איך מיר אַ פֿריילעכער זינג און קנאַק מיר ניסעלעך
הער איך אויף די טרעפּלעך לויפֿן אירע דראָבנע פֿיסעלעך
ווידער שטייט פֿאַרטראַכט דאָס הייזל שטיל און ווידער שטום
קום צו מיר אין חלום רייזל קום קום קום

נו למשל אויף וויפֿל איך געדענק ווען איך קוק אַריין למשל ווען איך וואלט אַרייַנגעקוקט וואָלט דאָס געווען געגנוי בדיוק אָבער [illegible] כ'איז דאָ אַ פּאָר קלייניקע פֿעלערן אָבער נישט אַ סך (לאַכט) ביטע

מס וואָס איז „זי איז קליין מלא-חן"

(208)

די איז קליין מלא-חן



* זך געמיינט נאר ליידן אין יוגנט

מר דאס איז א וואונדערלעך ליד נאר פארשטייט אז איך וועל דאס זינגען
וועט איר זיין אנטויעט אזוי זיכט איר זייער אנטציגט און איר זענ
זייער פאראינטערעגירט און אז איך וועל דאס איין זינגען וועט איר
זיין אנטוישט ווייל איך בעדענק דעם אנבהייב דעם אנהייב דעם אנהייב
פון איין פראזע און ס אנהייב פון א צווייטער און דאס איז זייער א
שיין ליד מיין חבר פלעגט מיר טראפן שטענדיק אויף דער גאס איז
אנשטאט שלום-עליכם איך טשערנאוויץ דאס איז געווען אין 36סטן יאר
לײדער ייז ער אומגעקומען שוין מיט א פאר יאר צוריק* און ער איז
געווען זייער א לעבעדיקער מענטש ליב געהאט יידיש און זייער ליב געהאט
יידישע לידער פלעגט שטענדיק מיט מיר מיטזינגען בציבור און ווען ער
פלעגט מיר טרעפן איז אנשטאט שלום פלעגט ער זאגן די איז קליין מלא-חן (זינגט

די איז קליין מלא-חן מיט צוויי שווארצע אויגן
ער דערפאר הנאך און דאר לאנג און אויסגעצויגן
די איז קליין מלא-חן מיט צוויי שווארצע אויגן
ער דערפאר הויך און דאר לאנג און אויסגעצויגן

בלאזט א ווינטל אין דעם פינצטער ווי א גראגע-צויכן
די ציט זיך אויס אין איר גרויס לעבן איב דעם הויכן
ער דערפאר הויך און דאר בייגט זיך איין אין דרייען
לעבן איר גרויס און דאר דרייט זיך ווי א סלייען

(ערשטע צוויי שורות)

ס'איז א שיין הנוודיק ליד אבער איך געדענק דאס ניטש צו גוט (לאכט) אבער
פארדערפאר האב איך זיך איצט דערמאנט א לידל זי לאכט און לאכט און לאכט
פונקט יעצט ווען איך האב דאס פארגעסן האב איך זיך דערמאנט אין א פראזע
פון א זייער שטימונגספול ליד וואס א ך בעדענק בלויז איין קאפיטל (זינגט

כ'קען א מיידל א פארטראכטע אויגן שווארצע ווי די נאכט (2)
שטענדיק שווייגט זי רעדט קיין ווארט ניטש נאר זי לאכט און לאכט און לאכ

דער סוף אירע געדענק איך אז די איז ארויס פון זינען צוליב א ליבע צוליב אן
אומגליקלעכער ליבע און קיין זאך האט מען פון איר ניטש געקענט ארויסברענגען
ווײַלע תמיד האט זי געלאכט דאס זעלבע ווי אין די גוטע צײַטן און אזוי
אין די שלעכטע צײַטן אזוי ווען די איז געווען קראנק זי האט שטענדיק געלאכט
נאר דאס ליד האט געמאכט אויף אונדז א גרויסן רושם און פארדערפאר אפשר
ווײַל ס'איז אזוי ווײַט פון מיר אט דעם פערז האב איך זיך יעצט דערמאנט
וועגן דעם קליינעם ליד ער איז הויך און דאר און אויסגעצויגן און די איז קליי
און מלא-חן יע מיין טײַערער נו איר ווייסט דאך איך האב אויסגעזונגען פאר

מר (הנסך) איידן מיין הארץ וואס זאל איך אייך זאגן נו וואס ווילט איר נאך וויסן

מב איך האב אין אנקעטע ווענגן אייער מוזיקאלישע ביאגראפיע כ'וויל אייך פרעגן אז פרעגע צי האט איר געלייענט לייענען נאטן

מר איך האב געשפילט איך האב געשפילט פיאנא א סך יארן האב איך געשפילט און מיין שפילן האט זיך געענדיקט פרי זי ער נאר צוליב דעם ווייל איך האב ליב געהאט שפילן קווינטן געהער פלעג איך מיר אליין אקאמפאנירן מיינע לידער און דורך דעם וואס איך פלעג שפילן און אקאמפאנירן די לידער איז פון איין זייט האב איך געווען זייער א סך ווייל ארום מיר פלעגן זיך שטענדיק ארומקרייזן אלע חברים און חברטעס און זיך אוועקשטעלן ארום דעם פיאנא און פארשטייט זיך אז דער קלאוויר האט געגעבן א סך התלהבות און מער שטימונג און מיר האבן בעסער געזונגען אבער פון דער אנדערער זייט האב איך געמוזט צוריקווארפן לאנגזאם א מוזיקאלישע קאריערע איך בין געווען פעיק צו מוזיק און מע האט געמיינט אז איך וועל זיין א מוזיקערין און לײדער האב איך געמוזט אנטוישן צו ערשט מיין מאמען און דאן מיינע שוועסטער און דאן מיינען ארום ווייל געבליבן בין איך ביי דעם יידישן פאלקסליד (לאכט) עד-היום ביז איך נאך א מאל אז איך זינג צוזאמען געלערנט יא א סך יארן געלערנט מוזיק זיכער פון לערערס געגאנגען אפילו אין קאנסערוואטאריע אין ווילנע אויך אין א פוילישער קאנסערוואטאריע אלע יארן וואס איך בין געגאנגען אין גימנאזיע איר ווייסט דאך אמאליקע יארן האט מען די קינדער נישט געשלעפט אט אזוי ווי קולבאק האט אייך געזאגט יאנקעלעך זאל מען נישט זאלעווע און שיקן אין חדר ווייל מע קען נישט וויסן איז מיין מאמע האט אויך נישט געקענט וויסן און זי האט מסתמא געצילט אז זי וועט זייער יונג מיך פארלא די געוועלט אויסגערעכנט איז ביז 15 יאר האט זי זייער א סך איך מיר אויסגעגעבן אירע ליבשאפט און איר כריסטאפט אבער גלייכצייטיק געווען זייער שטרענג און זי האט געוואלט איך זאל אלץ קענען איז אז איך בין אלט געווען 15 יאר האב איך שוין געהאלטן ביים ענדיקן גימנאזיע און איך האב געענדיקט יהודיה העברעיִשע שולע און כ'האב געזונגען אין כאר געזאנגען און כ'האב געמאכט גימנאסטיק און איך האב געשפילט פיאנא און כ'האב אפילו געלערנט פראנצויזיש וואס איז נישט געווען פון מיין איניציאטיוו ווייל פאר מיר איז געווען גענוג וואס איך האב געלערנט פראנצייזיש אין שולע איז פאר מיר געווען גענוג מיר האבן געלערנט פינף שפראכן אין שולע ס'איז געווען רוסיש און ס'איז געווען דייטש און ס'איז געווען פראנצייזיש און דערנאך איז געווען פויליש און העברעיש האב איך אויך געלערנט און יידיש צו לעצט

מר(המשך) איז האָב איך געהאַט זעקס שפּראַכן נו אָבער מײַן מאַמע האָט
אָבער געוועלט איך זאָל גוט קענען פראַנצייזיש האָב איך אַפילו פראַנצייזיש
אויך געלערנט פּריוואַט מיט אַ פראַנצויזערין מיט אַ פראַנצויזישע לערערקע
פון פּאַריז אַזוי געבליבן איז מיר נאָר מײַן יידיש ליד אַלע מײַנע
בילדונגען איך האָב באַזוכט דעם אוניווערסיטעט נישט געענדיקט איך האָב
געענדיקט נאָר גימנאַזיע כ'האָב געענדיקט יהודיה איך האָב געשפּילט פּיאַנאָ
קאָנסערוואַטאָריע נישט געענדיקט נאָר באַזוכט און איר ווייסט דאָך אַז
כ'באַזוכט אַזעלכע לערנאַנשטאַלטן איז במילא ווערט מען ווערט מען ווייסט דאָך
זייער ענטוויקלט דורך דעם עס אַנטוויקלט דער אָרט די אינטעליגענציע ווי
איר זעט די געלעגנהייט און די פּריווילעגיע צו זײַן צווישן געבילדעטע
מענטשן איך בין שטענדיק געווען צווישן מוזיקערס און כ'איז שטענדיק
געווען צווישן שרײַבערס און איך ווילנע האָט מען אַפילו געזאָגט אַז איך
בין אַ ליטעראַרישע פרײַלין ווײַל איך האָב געהאַט ליטעראַרישע פרײַנד
און מײַנע חברים זײַנען אַלע געווען אויך יידישע פּאָעטעס זיי האָבן
פאַרנומען גרויסע פּאָזיציעס אין ווילנע אַלס רעדאַקטאָרס און געזעלשאַפטלעכע
טוערס

מס איר שפּילט נאָך הײַנט

מר אַ ביסל יע אַ ביסל פאַר זיך נאָר פאַר זיך נאָר פאַר זיך יע

מס פון נאָטן

מר נו נאָר פון געהער איך זאָג דאָך אײַך מײַן קאַריערע האָב איך אויפגעגעבן
אַלץ פאַרן פאָלקסליד האָב איך געשפּילט אַז דאָס בעסטע וואָס זײַן אַז איך וועל
זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן און אַזוי ווי איך האָב דאָס געקענט באַווײַזן פלעג
איך דאָס אַקאָמפּאַנירן און אויב איר וועט וועלן וואָלט איך אַפילו קענען אַ
פּאָר לידער צום סוף אויפזינגען צוזאַמען מיט דער פּיאַנע וועט איר ווײַזן ווי
דאָס זעט אויס גלײַכצײַטיק יע גלײַכצײַטיק

מס צי האָט איר אָנטייל גענומען אין אַ כאָר

מר יע יע יע אין כאָר יע אין כאָר איך האָב געזונגען אַ סך יאָר אין שלעכטע
כאָר שלעכט איז געווען אַ גרויסער דיריגענט אין ווילנע פון די באַרימטסטע

מס ווי לאַנג

מר פון צען יאָר ביז 13 יאָר האָב איך געזונגען נו אַמייגסטנס האָב איך
געזונגען סאָלאָ סאָלאָ דאָס איז זאַפּיוואַלאַ ביז אונדז האָט עס געהייסן זאַפּיוואַלאַ

מר (הבטך) כ'האָב אײַך דערציילט ווען כ'איז געקומען חנוכה און כ'איז
געווען אָוונטן און מ'האָט געדאַרפֿט זינגען איך כאָר פֿלעג איך זינגען
באַלאַ נישט דערפֿאַר ווײַל איך האָב געהאַט די שטאַרקסטע שטימע כ'האָב
קיין מאָל נישט געהאַט אַ צו גרויסע שטימע נאָר איך האָב שטענדיק אויסגעפֿירט
דאָס ליד וונקט איך אַבן קלאַנג מיטן געשמאַק בונעם לערער און פֿון די
תלמידות איז זיי פֿלעגן מיר אויסקלײַבן אַז כ'איז געווען אַ קאָנקורס און
כ'איז געווען עטלעכע אויסצוקלײַבן פֿלעג איך קריגן די פּריוועלעגיע
ווײַל איך בין זייער אַרײַנגעפֿאַלן צום האַרצן

מב וואָס באַרא כאָר איז דאָס געווען

מר כאָר: אָדער שולכאָר אָדער סטודענטישע כאָר איך סטודענטישע כאָרן האָב
איך אויך געזונגען

מב וואָס האָט איר געזונגען

מר נו דאָס וואָס כ'האָב אײַך אויסגעזונגען לכל אײנע פֿון מײַנע באַליבסטע
לידער וואָס איך האָב נישט געזונגען אין כאָר נאָר וואָס מײַן כאָר האָט געזונגען
אין (גאָרטן) איר געדענקט כ'האָב אײַך דערציילט אין 13טן יאָר איז געווען
"זשאַמאַלע" האָב איך אײַך אויסגעזונגען פֿון די ערשטע לידער אָט דאָס איז
געווען אַ וווּנדערלעך כאָרגעזאַנגליד וואָס איך האָב געזונגען לידער? מײַנסטנס
יום-טובֿדיקע לידער טראַדיציאָנעלע לידער איר פֿאַרשטייט חנוכה-לידער
און פּורים פּורים-לידער און שׂימחת-תּורה-לידער בײַ יום-טובֿים
דאַן זענען בײַ די פֿיר יום-טובֿים זענען שטענדיק געווען פֿיר אָוונטן און
פֿאַר די פֿיר אָוונטן האָבן מיר זיך שטענדיק געגרייט און פֿאַר די אָוונטן
האָבן מיר שטענדיק אויפֿגעטראָטן

מס ווער נאָך האָט אָנטייל גענומען אין כאָר

מר דערנאָך: דערנאָך אַלס אַ סטודענטקע אין אוניווערסיטעט אין פּוילישן
אוניווערסיטעט איז געווען אַ אינטערעסאַנט אַז אער פּוילישער אוניווערסיטעט
האָט דאָך נישט געזונגען קיין ייִדישע לידער אָבער מיר האָבן געהאַט אַ
סטודענטן-פֿאַריין און דער סטודענטן-פֿאַריין האָט אַרויסגעגעבן שטענדיק אַ כאָר
פֿון סטודענטן סטודענטקעס און מיר האָבן געזונגען (די כאָרא גאָלדאַ אַמאָס)
און מיר האָבן געזונגען פֿאַרשטייט זיך פֿריער פֿאַר אַלץ (גאָגי אַמאָס) און דערנאָך
פֿלעגט מען זינגען ייִדישע לידער וואָס מ'האָט געזונגען געדענק איך נישט
באמת נאָר כ'ווייס אַז מיר האָבן געזונגען / ווינגלידער יע

holiday songs choir performance

מס ווער איז געווען דער אנפירער פון כאר

מר אויך סלעפ אונדזער יידישער כאר שטענדיק איך האב ביי גערשטיינען
אין כאר קיין מאל נישט געזונגען נאר איך געהערט און די לידער וואס
כ'האב אייך אויפגעזונגען צום ביישפיל דעם זייער אינטערעסאנטן ליד
פון אברהם רייזען וואס ער האט אייגענטלעך געשריבן א בריוו צו זיין
ברודער אין צייט פון דער דייטשער אקופאציע געווען איז דאס א בריוו
און געמאכט די ווערטער צוק דעם בריוו האט בערנשטיין דער קאמפאזיטאר
און דער חזן און דער דיריגענט איך האב אויך געזונגען ביי בערנשטיינען
אין כאר און איך האב אייך דערציילט אז בערנשטיין האט דערפונדן אז מיין
מאמע האט געבויט זיין א חסיד פון מיינע ניגונים פון די ניגונים וואס איך
פלעג זינגען אין שול האט ער אויסגעפילט מיין חסידות און זיין דאמאלס
פיל איך זיך שטארקער (לאכט)

מס צי קענט איר באשרייבן דעם סלעפ

מר סלעפ וואס הייסט אויסערלעך צי אלס א דיריגענט איך וועל אייך זאגן
איך בין דאך געווען א קינד האב איך אים נאר געקענט אויפנעמען מיט דיין
ווארעמקייט זייער א הויכער א שלאנקער מאן מיט ברילן אונד זייער
ליב געהאט זיין לאך קודם כל איז ער געווען סרבי זיין פאך פארשטייט
ער איז געקומען צו אונדז אלס א דיריגענט און אלס א מוזיקער און דאס איז
ער געבליבן דאס גאנצע לעבן און אויך זייער אין דחקות ווייל פארשטייט
זיך אז קיין דיריגענטן זענען נישט געווען קיין גוט-באצאלטע פאכן איך
ווילנע זענען זיי נישט געווען קיין גוט-באצאלטע פאכן ספעציעל א דיריגענט
און א יידישער לערער איז דאס געווען אלץ ווי זאל איך אייך זאגן אידעאליסט
און אלץ איז געווען אידעאליסטיש האט ער אנגעפירט דעם כאר מיט הארץ
און מיט געפיל און מיט איבערגעגעבנקייט און יעדעס קינד איז אים געלעגן
אויפן הארצן אז דאס קינד זאל זיך גוט אריינלעבן אין ליד און מיר זאלן
גוט אויספירן דאס ליד און יעדע זאך האט געמוזט זיין פרעציז ס'איז
געווען באציונג חשיבות ער האט אונדז געלערנט חשיבות איר פארשטייט אז
איך הער די קינדער דא זינגען אין די (כאר) מאכן אין די שולעס זע איך אז די
קינדער פטרן אפ מ'פטרט דאס אפ ווייל דער לערער מע צווינגט און מ'זינגט
מ'גייט אוועק און פארגעס אבאט און אונדז האט דאס ליד באגלייט פון דער
שולע אהיים און פון דער היים אין דער שולע און האט אונדז ארויסגעהאלפן
אין לעבן אין צייטן שווערלעכע דאס ליד האט אונדז געשטארקט און זעט איר דאך

מר(המשך) דורך דעם ליד בין איך דורכגעגאנגען דאס לעבן ווײַלע דאָר איז אַ גלאָריע פון מײַן לעבן דאס ליד זעט איר דאָך איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון מוזיק אַלס בוזיק ווײַלע פֿאַר מיר איר פֿאַרשטייט אַז איך האָב געדאַרפֿט צוויי מעה נאָכאַנאַנד זינגען לידער מ׳האָב פֿאַרגעסן אײַך צו זאָגן איך פֿלעג זינגען אַלע אַל ציוניסטישע לידער וואָס איך יענע צײַטן איר ווייסט דאָך ארץ ישראל סעו ציונה נס ודגל און התקווה איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן און „מיר שווערן בײַם כותל" ווייסט דאָך (ברומט) דאָס איז זשאַבאָטינסקיס אַ ליד דאַכט זיך רעוויזיאָניסטישע לידער × געדענקען מ׳פֿלעג דאָס זינגען אַלס קינד מי זינגען נישט געזונגען נאָר מיטגעזונגען און מיטגעריסן געוואָרן אַלע העברעישע לידער האָב איך געקענט און איך האָב זיי זייער גערן געזונגען און שטענדיק געזונגען אייביק געזונגען זיי און זיי זענען מיר נאָכגעגאַנגען מ׳האָב זיך אַפֿילו געקליבן פֿאָרן קיין ארץ-ישראל זאָגן אײַך דעם אמה און זייער ערנסט נאָר נישט געפֿאָרן בין איך נאָר צוליב דעם ווײַל מײַן מאַמע איז שטענדיק געווען קראַנק און אויך וואָגשאַל איז געווען די ליבע צו דער מאַמען אָדער די ליבע צו ישראל און איך האָב געפֿילט אַז ישראל וועט זיך אויפֿבויען אונד אויפֿלעבן אָן מיר און מײַן מאַמע וואָלט נישט געקענט לעבן אָן מיר בין איך געבליבן בײַ דער מאַמען

מם ווי אַזוי האָט זיך דער מאַן אויסגעלערנט די לידער

מר ער פֿלעגט האָבן אַזאַ מין שטעקעלע וואָס פֿלעגט געבן דעם טאָן און ער פֿלעגט געבן דעם ריכטיקן טאָן און ער פֿלעגט לערנען און מיר פֿלעגן זייער אָפֿט כמעט שטענדיק זינגען אין צוויי שטימען איך אַלט און סאָפּראַנאָ און זייער אָפֿט האָב איך פֿאַרגעדענקט בײדע אַלט און סאָפּראַנאָ למשל איך האָב אײַך למשל אײַ וועל אײַך שוין זאָגן איך האָב אײַך אויפֿגעזונגען דאָס ליד למשל (זינגט) ווו ביסטו?" געדענק איך ווי דער צווייטער זײַט האָט געענטפֿערט (זינגט) "ווו ביסטו? מײַן ברודער/ איך וואָר פֿאַרא שטעטל דאָ/ מיר האָבן זיך צוזאַמענגעגאַנגען בײדע שטימען (זינגט) צי האָסטו צי האָסטו צי ווייסטו דײַן בעטל / צי האָסטו דײַן בעטל / איר פֿאַרשטייט בײדע שטימען פֿלעגן זיך צוזאַמענגיסן אָבער דאָס איז געווען אַזוי וויכטיק דער אַלט און דער סאָפּראַן אַז איך האָב בײדע שטימען אויסגעכאַפּט ווײַל יעדע שטימע איז בײַ מיר געווען אַ סעפּעראַטע ליד און אַז זיי פֿלעגן זיך צוזאַמענגיסן איז דאַן האָב איך געפֿילט די גאַנצקייט יעדנפֿאַלס טלעפ האָט געשטרעבט צו גאַנצקייט און ער האָט געשטרעבט אַרײַנגיסן די (מתוקה) און די עכטקייט און די ייִדישקייט צום קינדס ליד און אויב איך האָב טאַקע צו פֿאַרדאַנקען מײַן באַציִונג צום ייִדיש ליד זאָג איך אײַך יעצט טאַקע אַז

מאמע) א״י

214

אינטער-ניקסט צו שפראַכן

מר(הכסך) ער האָט אַרויסגערופֿן דעם דאָזיקן געדאַנק ביז יעצט האָב איך
ניט געטראַכט וועגן דעם נאָר אַז איר רעדט שוין און איר פֿרעגט שוין
בין איך געקומען צו דעם ריכטיקן געדאַנק אַז דער דעריגענט און דער טלעפ
האָט מיר אויסגעלערנט ליב האָבן דאָס יידיש ליד און אינטערעסאַנט איז
אַז ער האָט גלייכצייטיק אויך דעריגירט די העברעיִשע לידער ער האָט
גלייכצייטיק דעריגירט אי יידישע אי העברעיִשע און זיין באַציִונג צו
ביידע שפּראַכן איז געווען גלייך און איבערגעגעבן איז ער געווען
קאָלאָסאַל און ער האָט ליב געהאַט דאָס קינד און ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע ליד
און ער פֿלעגט אויך דעריגירן די אַרבעטער-רינג די אַרבעטערכאָרן אונד
אַלערליי ער איז געווען זייער פּאָפּולער ס'איז אויך געווען אַ קורצע צייט
איז נאָך געווען איין לערער גורדוס געדענק איך אויך געווען אַ לערער
פֿון מוזיק אָבער דאָס איז אַזוי ווי פֿאַרשווונדן אָבער דער טלעפּ איז
געבליבן איך וועל אייך זאָגן דער גערשטיין איז שוין געווען די לעצטע
יאָרן אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן איז שוין געווען דער באַלערסטער דיריגענט
איז געווען יאַנקל גירשטיין און ער איז אויך געווען זייער אַ גרויסער אַ היימישער
ייד און אַ יידיש-קעפּלער אונד ער האָט זייער פֿיין אָנגעפֿירט מיט די כאָרן
אָבער כ'האָב אייך דערציילט צו איז האָט מען געהאַט טענות און די טענות
זיינען געווען אַ ביסל באַרעכטיקט אַז אַ העלפט פֿון די געזאַנגען זיינען ניט
געווען יידישע נאָר זיינען געווען איבערזעצונגען אונד פֿאַר דעם האָט מען
צו אים געהאַט אַ סך טענות וויבאַלד איר ווייסט דאָך אליינס פֿאַרנעכט דאָס
אָרט פֿון צווייטנס איז געווען די איבערזעצונגען איז שוין ניט געווען למשל
ניגונים האָבן אויסגעפֿעלט איך געדענק ניט ביי גערשטיינען קיין איין
ניגון ניט פֿאַרדערפֿאַר ווייל ער איז געווען געגן ער איז ניט געווען
קיין חסיד ער איז געווען אַ מתנגד אונד ער האָט געהאַלטן מסתמא אַז די
נאָענטקייט צו די סלאַווישע לידער איז וויכטיקער ווי די חסידישע ניגונים
און אַזוי ווי איך האָב געהאַט די חסידישע בלוט און איך האָב געהאַט די
חסידישע צוגרייטונג די יידישע און די עכטע פֿון טלעפּן איז איך בין געווען
טאַקע מער געניינגט צו צו דעם טלעפּן כאָר איך האָב זייער ליב געהאַט
גערשטיינס לידער איך האָב הנאה געהאַט פֿון זיי אָבער איך וואָלט זיי ניט
געזונגען ווייל מיר וואָלטן זיי דערעסן געוואָרן רוסיש בינע זייער פּויליש
בינער זייער ביטע זייער אָריגינעל אַלץ אין אָריגינעל אויב איך האָב איינך
געזונגען די איבערזעצונגען איז נאָר צוליב דעם צו באַווייזן די באַציִונג
צו יידיש איז געווען אַזוי גרויס אַז דער לייב סטאַצקי זייענדיק אַזוי
פֿעיִק האָט געזען אַז די לידער זיינען אַזוי פֿאַרבאַפּנד ביי דער יוגנט און
מ'זינגט זיי און מ'צעצוקערט זיי און אין אַלע ווינקעלעך זינגט מען דאָס ליד

מר(הכשך) האָט ער געוועלט אַמווייניקסטנס זאָל מען כאָטש דאָס זינגען מיט ייִדישע ווערטער פֿאַרשטייט ער איז נישט פֿאַרייִדישט ער האָט דאָס נאָר איבערזעצט כדי דאָס (ייִדיש-ליד?) זאָל אויפֿלעבן דאָס האָט טאַקע דורכן ליד האָט ייִדיש זייער אַ סך אויפֿגעלעבט און ווו איר זײַט געשטאַנען לעבן ביי אונדז אויפֿן הויף מיר האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן הויף אַזוי ווי צוויי בלאָקס און איך אונדזער איז הייף איז אַלץ געווען אונדזער דרוק איז געווען און ס'איז געווען די ייִדישע אָפּיציאַסקאַלע ביבליאָטעק און אַלע אַ גימנאַזיעס זענען דאָרט געווען און קינדערגאָרטנס און ס'איז געווען דעקטוירים האָבן דאָרטן געוווינט און לערערס האָבן דאָרטן געוווינט איך זאָג דאָך איך אַ פּאָר בלאָקס דאָס איז געווען ווי אַ קליין שטעטל איז געווען אונדזער הויף איז דאָרטן געווען אַזאַ מין קינדערהייט פֿאַר אָרעמערע קינדער וואָס פֿלעגן דאָרטן קומען און עסן אויך מע פֿלעגט זיך מיט זיי אָפּיעקווען איז מיטאָגצײַט פֿלעגן זיי אַראָפּגיין אונטן און איך געדענק ווי זיי פֿלעגן זיך אַוועקשטעלן אין אַ קרײַז מיט זייערע לערערס און ס'האָט געזונגען קינדערלידער איז איינע פֿון די לידער האָב איך פֿאַרגעדענקט בלויז איין פֿראַזע די טאַקע די פֿרוי פּישמאַן וועט אײַך אויפֿזינגען דאָס ליד איך זאָל זי דערמאָנען (זינגט)

און אַלץ פֿאַרגייט אין טיפֿן שלאָף
טיף פֿון שלאָף (2)
און אַלץ פֿאַרגייט אין טיף פֿון שלאָף טיף פֿון שלאָף

דאָס איז ווען עס קומט דער פּרינץ און די פּרינצעסין איז אײַנגעשלאָפֿן און נאָך (זינגט)

מיר פֿײַערן אַ חתונה
אַ חתונה (2)
מיר פֿײַערן אַ חתונה אַ חתונה

און זי זאָל אײַך אויפֿזינגען טאַקע דאָס גאַנצע ליד –

(סוף ז' 2 )

28/39

MFS MR XXXIII
216



(מנחם מאַניטלאַווסקי מאַשע ראָסקעס ב׳xxx111 29אויגוסט 1973 מאָנטרעאַל, ז׳1)

מ. יעצט וועט זיַין איינס פֿון די לידער וואָס כ׳האָב געזונגען אויף אַן
אָוונט ווער דער ערשטער וועט לאַכן" דאָס איז אַ דועט אָבער איך האָב
דאָס אויסגעפֿירט אַליין אָן עמעצן (זינגט)

(כ׳בין) זיכער אַבֿרהמל דער ערשטער נישט לאַכן
כ׳וועט זאַך מעגסט ווײַ נאָך זעך וויצלען
כ׳וועל נעמען איך זינגען מיר טרויעריקע זאַכן
(2) נו מעגסטו אַפֿילו מיך קיצלען

דער צווייטער חבֿר

וועסט לאַכן איך וועט זאַך וועסט שלמהלע שוין לאַכן
איך האָב אַ מיטל גאָר אַ ווילע זאַך
(2) מעגסט האָבן זיך איך זינגען די טרויעריקסטע זאַכן
וועט מוזן זיַין ביַי דיר דער ערשטער לאַך

דאָס ערשטע אַבֿרהמל נעם איך מיר איך זינגען
מיַין אָרעמען טאַטען דעם שוואַכן
(2) וואָס זוכט אַרום אַרבעט און קען נישט געפֿינען
נו וועט זיך מיר גלוסטן צו לאַכן

וועסט לאַכן איך וועט זאַך וועסט שלמהלע פֿאַרשפּילן
איך האָב אַ מיטל גאָר אַ ווילע זאַך
(2) כ׳וועל מיאַוקען ווי אַ קעצל און ווי אַ הינטל בילן
וועט מוזן זיַין ביַי דיר דער ערשטער לאַך

איך וועל זיך דערמאָנען כ׳האָב נעכטן אין חדר
די סדרה וואָס גייט היַינט פֿאַרגעסן
(2) דער רבי ער וויל נאָך כ׳זאָל לערנען כסדר
ער ווייסט נישט ווי מיר ווילט זיך עסן

וועסט לאַכן איך וועט זאַך וועסט נישט זיַין אַזאַ שלעכטער
שטעל איַין אַ קנעפּל כ׳שטעל איַין אַקעגן דיר
(2) וועסט האַלטן זיך די זיַיטן און קיַיכן פֿאַר געלעכטער
דערזעענדיק וואָס איך האָב דאָרט ביַי מיר

איך וועל זיך דערמאָנען דעם רבינס צאָרניק פּנים
ווען ער האָט מיך גענומען פֿאַרהערן
נאָך האָב איך פֿון קאַנטשיק פֿיל בלאָיע סימנים
(2) געוויינט פֿון יסורים מיט טרערן

מר(זינגט המקך)

וועסט לאַכן וועסט לאַכן אַהער גיב שוין דאָס קנעפּל
זע שלמהלע וואָס איך האָב דאָ פֿאַר דיר
אַ זעמעלע מיט צוקער אַ הערינג אַ פֿײַן קעפּל
אַ נו זאָג שלמהקע ווער וועט לאַכן פֿריער
אַ זעמעלע מיט פּוטער און הערינג אַ פֿײַן קעפּל
כ'וועל מאָרגן ווידער וועטן זיך מיט דיר

דאָס האָב איך אויך געזונגען דאָס איז אַ פּאָפּולער ליד אונד אַ סך קינבכלער האָבן דאָס געזונגען נאָר אַזוי ווי דאָס איז כײַן געבירטיג אונד איך האָב אים זייער פּיליק און טײַער געהאַלטן דערלויב איך זיך אויפֿצו־זינגען אויך דאָס ליד די דרײַ טעכטערלעך (זינגט)

ווען מיט מזל געזונט און לעבן
ס'עלטסטע טעכטערל מיר וועלן אויסגעבן
וועל איך טאַנצן מיר האָפּ האָפּ
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ
וועל איך טאַנצן אוי וועל איך טאַנצן
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ

שפּילט כּליזמרים שפּילט מיט לעבן
כ'ערשטע טעכטערל היינט אויסגעגעבן
נאָך געבליבן אונדז מיידלעך צוויי
ווי האַלט מען שוין בײַ זיי
שפּילט כּליזמרים נעמט די כּלי-זין
זאָל די גאַנצע וועלט מיט אונדז מיטפֿרייען
אוי אונדזער שימחה ווייסט נאָר איין גאָט
און דער וואָס טעכטער האָט

ווען כ'וועל זען שוין דאָס צווייטע מיידל
אָנגעטאָן אין ווײַסן חופּה-קליידל
וועל איך טרינקען און פֿריילעך זײַן
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטיין
וועל איך טרינקען אוי וועל איך טרינקען
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטיין

שפּילט כּליזמרים הייבט אָן שנײַדן
צווייטע מיידל גיבן מיר אויס איך פֿריידן

מר/זינגט הכהן)

דאָס מזוניקל נאָך האָבן מיר
ווי האַלט מען שוין בײַ איר

שפּילט כּליזמרים פֿאַר אונדז מחותּנים
זאָלן אַ לעבן מאַכן אויך אַ מאָל קבצנים
אַ קינד אויסגעגעבן אָ גאָטעניו
אַ מיידל נאָך דערצו

ווען בײַם לעצטן כ'וועל שפּיל הערן
וועל איך [illegible] טרויעריק שטיין און קלערן
ס'לעצטע טעכטערל שוין אויך אַוועק
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק
ס'לעצטע טעכטערל אוי ס'לעצטע טעכטערל
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק

שפּילט כּליזמרים באַזעצן די כּלה
צוגענומען אונדז די קינדער אַלע
שווער געווען אונדז די טעכטער דרײַ
אוי שווערער נאָך אָן זיי
שפּילט כּליזמרים אַרויס אונדז טרערן
ס'לעצטע בעטל וועט הײַנט ליידיק ווערן
ס'גאַנצע שטיבל איר קליידערשאַנק
אוי וויי ווי פּוסט און באַנק

אַלזאָ ווען איך האָב נאָך געזונגען די דרײַ טעכטערלעך האָב איך נאָך פֿון קיינעם דאָס נישט געהערט זינגען כ'האָב נישט געוווּסט אַז דאָס ווערט אַ פּאָפּולער ליד און דאַן האָב אָך ערשט געהערט חיהלע גראָבער און אַנדערע זינגען עס אָבער דאָס איז מײַן אייגענע אינטערפּרעטאַציע איך געדענק אַז איך האָב אײַך דערציילט פֿון ווילנע אין 33סטן יאָר ווען מיר זײַנען געווען מיט מײַן פּלימעניצע אַ קליין מיידעלע פֿון אַ יאָר 11–12 האָט זיך אַוועקגעשטעלט און גענומען זינגען אַבֿרהמעלע דער מאַרוויחער און ווי מיר האָבן געגאָסן די טרערן אָבער אויפֿגעזונגען האָב איך אײַך בלויז איין פֿראַגמענט און פֿאַר מיר האָט דאָס ליד אויך אַ גרויסע באַדײַטונג איז וויל איך אײַך אויפֿזינגען איצט אַבֿרהמעלע דער מאַרוויחער (זינגט)

229



מר(זינגט)

אַן אַ היים בין איך יונג געבליבן
ס' אָט די נויט מיך אַרויסגעטריבן
ווען איך האָב נאָך קיין דרייַצן יאָר געהאַט

אין דער פֿרעמד ווייַט פֿון מאַמעס אויגן
האָט אין שמוץ מיך די גאַס דערצויגן
געוואָרן איז פֿון מיר אַ ווילדער יאַט
(רעפֿריין)
איך בין אַבֿרהמל דער פֿעיקסטער מאַראָוויכער
אַ גרויסער קינסטלער כ'אַרבעט לייַכט און זיכער
דאָס ערשטע מאָל כ'וועל געדענקען ביזן טויט
אַרייַן איך אין תּפֿיסה פֿאַר לקחענען אַ ברויט אוי אוי

כ'פֿאָר ניסט אויף מאַרקן ווי יענע פּראָסטע יאַטן
כ'צופּ נאָר בייַ קאַרגע שמוציקע מאַגנאַטן
לבין איך מחיה ווען כ'כאַפּ אַזאַ מאַגנאַט
איך בין אַבֿרהמל גאָר אַ ווילדער יאַט

(ברומט)

אין דער פֿרעמד נישט געהאַט צום לעבן
געבעטן ברויט אַן אָרעמער פֿלעגט נאָך געבן
נאָר יענע לייַט וואָס זיצן תּמיד זאַט
פֿלעגן אָפֿט טרייַבן מיר מיט צאָרן
ס'וואַקסט אַ גנבֿ! ס'איז מקוים געוואָרן
אַ גנבֿ בין איך נאָר אַ ווילדער יאַט
(רעפֿריין)

שוין נישט לאַנג וועט דאָס שפּיל געדויערן
קראַנק פֿון קלעפּ (גיכט) פֿון תּפֿיסה-מויערן
נאָר איין בקשה כ'וואָלט אַזוי געוואָלט
נאָך מייַן טויט אין אַ טאָג אַ טריבן
זאָל אויף מייַן מצבֿה זייַן געשריבן
מיט אותיות גרויסע און פֿון גאָלד

מר(זינגט המשך)

דאָ ליגט אבֿרהמל דער פֿעיקסטער באַרעוויכער
אַ מענטש אַ גרויסער געווען וואָלט פֿון אים זיכער
אַ מענטש אַ פֿיינער מיט האַרץ מיט אַ געפֿיל
אַ מענטש אַ ריינער ווי גאָט אַליין נאָר וויל אוי אוי אוי
ווען איבער אים וואָלט געוואַכט אַ מאַמעס אויגן
ווען ס'וואָלט די פֿינצטערע גאַס אים נישט דערצויגן
ווען נאָך אַלס קינד ער אַ טאַטען וואָלט געהאַט
דאָ ליגט אבֿרהמל יענער ווילער יאַט

(ברומט)

מיין טאַטע אַ כהן (זינגט)

כ'האָב נאָר דיר מיין העדל קיין בורא
שלאָג מיר נאָר פּראָביר
קוים דערוויסט זיך דאָס מיין טאַטע (2)
איז דען ווי צו דיר

ווייל מיין טאַטע איז אַ כהן
ס'איז מיט אים קיין שפּאַס
ער צערייסן קען אַ מענטשן (2)
ווען ער ווערט אין כעס

איין מאָל האָט אין הויף אבֿרהמל מיר דערלאַנגט אַ שטויס
און מיין טאַטע רויט פֿון צאָרן איז צו אים אַרויס (2)

נאָר אַ מזל האָט אבֿרהמל
גראַד דעם אויגנבליק
שטאַרבט אַוועק זיין קראַנקער טאַטע (2)
אוי האָט ער אַ גליק

ווייל אַ כהן מוז פֿאַרלאָזן
ס'הויז וווּ ס'ליגט אַ מת
שלאָג מיר נאָר דו מיינסט אַז תמיד (2)
טרעפֿט זיך אַזאַ נס

מר דאָס לעצטע הוליעט הוליעט קינדערלעך (זינגט)

שפּילט אייַך ליבע קינדערלעך
דער פֿרילינג שוין באַגינט (2)
אוי ווי בין איך קינדערלעך מקנא אייַך אַצינד (2)

הוליעט הוליעט קינדערלעך
כּל-זמן איר זענט נאָך יונג (2)
ווייַל פֿון פֿרילינג ביז צום ווינטער איז אַ קאַצנשפּרונג (2)

שפּילט אייַך ליבע קינדערלעך
פֿאַרזאַמט קיין אויגנבליק (2)
נעמט מיר אויך אַרייַן אין שפּיל פֿאַרגינט מיר אויך דאָס גליק (2)

(רעפֿריין)

קוקט נישט אויף מייַן גרויען קאָפּ
צי שטערט דאָס אייַך אין שפּיל (2)
מייַן נשמה איז נאָך יונג ווי צריק מיט יאָרן פֿיל (2)

(רעפֿריין)

מייַן נשמה איז נאָך יונג און גייט פֿון בענקשאַפֿט אויס
און גייט פֿון בענקשאַפֿט אויס
אַך ווי גערן ווילט זיך מיר פֿון אַלטן גוף אַרויס (2)

(רעפֿריין)

שפּילט אייַך ליבע קינדערלעך
פֿאַרזאַמט קיין אויגנבליק (2)
ווייַל פֿון פֿרילינג עקט זיך באַלד מיט איבּ דאָס העכסטע גליק
ווייַל דער פֿרילינג עקט זיך באַלד מיט איבּ דאָס העכסטע גליק

(רעפֿריין)

(ווידער פֿון ביבלביק) יע איז מיט דעם מייַן גרויסן אוצר וואָס איך האָב געפֿונען דאָס אָריגינעלע בוך פֿון געבירטיגן איז געלעגן אַ בלאַט לידער פֿון ווילביק-כאָר ווילנע 1929 דרוקט ווילנע פֿאַרלאַג פֿון באָריס קלעצקין האָב איך געפֿינען אויף איין זייַטל אַ ליד וואָס זיי האָבן געזונגען אין ווילבעק ווילביק דאָס איז ווילנע יידישע בילדונגס כּ׳קען אייַך נישט זאָגן גענוי געזעלשאַפֿט ווילנער יידישע בילדונגס-געזעלשאַפֿט בילדונגס-געזעלשאַפֿט יע יאָמעק הייבט דאָס

מר(המשך) איך האָב איינען געזונגען אַ פּאַראָדיע וואָס איך האָב געגנבֿעט דעם ניגון אונד אויך אַנדערע ווערטער אָבער דאָס איז דאָס אָריגינעל'ע ליד (זינגט)

איך דעם נאָענטן דאָרף פֿריילעך איז אַצינד
אַ חתונה איז היינט ביי יאַנעקס אַ קינד
טראַ לאַ אַז"ו

אין אַ ווייסער קלייד די כלה אויסגעציירט
דעם חתנס נייע טשיוול מיט זעגעכץ אויסגעשמירט
טראַ לאַ אַז"ו

אויף דעם גרויסן מיט שטייט דער רויטער ווייַן
און יאַנעק דער מחותן גיסט אין זיך אַריין
טראַ לאַ אַז"ו

און ווער עס האָט זיין אָרט שטייט דאָרט ביי דער וואַנט
און ווער עס האָט קיין טעלער ענס דאָרט מיט דער האַנט
טראַ לאַ אַז"ו

און דער גרויסער גוי וואָס שטייט דאָרט ביי דער וואַנט
ער האַלט דאָס די גאַרמאָשקע ער איז אַ מוזיקאַנט
טראַ לאַ אַז"ו

סאָמער איך האָב דאָס פֿאַר איין איין מאָל אויפֿגעזונגען איז דאָס געווען פֿון מיין זיכרון און מיין איך אַז איינע קופּלעט האָב איך זיכער אַרויסגעלאָזן און סאָמער האָב איך איבן אָריגינעל עפּעס פֿאַרגעסן האָט איר דאָ יעצט דעם אָריגינאַל און יעצט וועל איך איין אַ ביסעלע אויפֿזינגען אַ פּאָר לידער צו מאַכ איין קלאָר ווי איך פֿלעג אַ מאָל זיצן ביים פּיאַנאָ און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן און צוליב דעם דאַרף איך אַקאָמפּאַנירן דורך פֿאַרהער האָב איך פֿאַרלאָזן מיין קלאַסישע מוזיק איר האָט מיר אַ מאָל געפֿרעגט כנחב צי איך האָב געשפּילט יאָ איך האָב געשפּילט און איך האָב מסתמא גוט געשפּילט נאָר עס האָט מיר אַזוי פֿאַרכאַפּט מיין אייגענער הוש פֿאַר קאָמפּאָזירן אַז איך האָב באַשלאָסן איך קען זאָך דאָך אַליין קאָמפּאַנירן וואָס דאַרף איך זיך מטריח זיין גיין אין קאָנסערוואַטאָריע און לערנען אַזוי אַז איך האָב זיך אַליין אַקאָמפּאַנירט די אַלע לידער וואָס איך האָב איין אַריינגעזונגען איז געווען דורך מיר אַקאָמפּאַנירט און יעצט וועל איך איין שטעלעכע לידער

gave up classical repertoire for spontaneous self-expression

פראדל מאץ (1863-1921)

מר (המשך) אַזוי אויפֿזינגען מיט דעם און דערנאָך (איבעררייס)

מס איך האָב טעאָרעטישע פֿראַגעס פֿאַר אייך ווי האָט געהייסן אייער מאַמע

מר פֿראַדל פֿראַדל מאַץ פֿראַדל מאַץ

מס און פֿאַר דער חתונה

מר פּאָלאַטשעק פֿון מינסק פֿון מינסק יע זי איז געווען אַ לאַנדסלײדי פֿון אבֿרהם רייזען און איך האָב אײַך אַ מאָל דערציילט אַז אבֿרהם רייזען איז דאָ געווען אַ מאָל בײַ אונדז איך שטוב און מיר האָבן אַ פּלאַטע פֿון אים וואָס ער האָט אונדז דאָ עטלעכע לידער דעקלאַמירט הייסט דאָס געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און זינגען לידער פֿאַרגעלעזן איז איך דעם האָט ער מאָקע געזאָגט אַז ער איצט איצט איך דעם הויז פֿון זינגען לאַנדסלײַט אַזוי אַז איך פֿיל זיך זייער נאָענט צו אבֿרהם רייזען און זלמן רייזען איז געווען מײַן לערער פֿון יידיש און דערפֿאַר האָב איך אפֿשר צו פֿאַרדאַנקען די דאָזיקע ליבשאַפֿט און די דאָזיקע צוגעבונדקייט צום יידישן ליד און צום יידישן וואָרט ווײַל ער האָט געגלייבט מן-התבא אונטערנבאַוווסטזיניק מיר אַז ער וויל מיר דאָס אָנפֿאַרטרויען און מיט זײַן טיפֿן גלייבן האָט ער עס אַרײַנגעגעבן אין מיר די טיפֿע ליבשאַפֿט און מיט דער מיט דעם נאָמען פֿון אבֿרהם רייזען און זלמן רייזען בין איך זייער טיף פֿאַרבונדן

מס ווען איז אייער מאַמע געבוירן געוואָרן

מר געבאָרן קען איך אײַך ניסט זאָגן נאָר געשטאָרבן איז זי צו אַכט און פֿופֿציק יאָר און ווילנע איר ווערט זיך אַליין אויסרעכענען אין 21סטן יאָר צו אַכט און פֿופֿציק יאָר ווערט איר זיך אַליין אויסרעכענען

מס ווו האָט זי געאַרבעט

מר יע זי האָט געאַרבעט אין דרוק פֿאַרדערפֿאַר האָט זי געהייסן פֿראַדל מאַץ ווײַל די דרוקערײַ איז געגאַנגען אויפֿן נאָמען מאַץ

מס וואָס האָט געטאָן איר פֿאָטער

מר איר פֿאָטער? איר מאָטער אינטערעסאַנט זײַן געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט איז געווען ער האָט אַ פּאָעטישע איך ווייס ניסט ווי דאָס הייסט אויף יידיש אַ פּאָעטישעל אַ איינער אין די פֿאָלקסשולן וואָס קומט אין די פֿאָלקסשולן און פּאַסט אויף אויף דער אָרדענונג פֿון די פֿאָלקסשולן ווי די שולן x

מס אינספּעקטאָר

מר אַן אינספּעקטאָר יאָ אינספּעקטאָר אַן אינספּעקטאָר פֿון פּאָלקסשולן דאָס איז געווען זיין האָבי דאָס איז געווען זיין האָבי און איך ווייס ניט געווי זיין אַרבעט וויל איך ווייס אַז ביי מיר איז דאָ זיין בילד ער איז געווען אַ משכּיל דאָס איז 100% און ער האָט געשפּילט אויף אַ פֿידל זייער גוט געשפּילט אויף אַ פֿידל און געפֿירט זייער אַ ריסטאָקראַטיש לעבן און ער איז פֿאָטאָגראַפֿירט אָן אַ הוט און מיט אַ מעדאַל פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן (לאַכט) איז דער מעדאַל איז געבליבן און דאָס וואָס ער איז אָן אַ היטל דאָס באַווייזט מיר אַז ער איז שוין דאַן געווען אַ משכּיל איך האָב אַ בילד פֿון אים און דער זיידע האָט געהייסן משה פּאָלאַטשעק און ער האָט החתונה געהאַט מיט איינע און זיין פֿרוי איז געשטאָרבן זייער יונג דאָס הייסט מיין מאַמע איז געבליבן אַ יתומה זייער זייער יונג זייער יונג אונטער איז ער האָט החתונה געהאַט מיט אַ ריסטאָקראַטישע פֿרוי פֿון ווילנע וואָס האָט געהייסן סאָלץ זי איז געווען פֿון דער משפּחה סאָלץ זייער אַ באַרימטע משפּחה איר זון ... ערשטן מאַן איז געווען דער ערשטער גבאי אין ווילנער שול אין דעם אין דער אין דעם גרויסער שול אין ווילנע פֿון וואַנט ווייס איך עס טוצקעווער איז אַ מאָל דאָ געווען און האָט געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם וועגן דעם דאָזיקן נס אַז דער סאָלץ איז געווען דער גבאַי אין דער גרויסער שול נו ווייס איך שוין אַז דאָס איז געווען איר זון און זי איז געווען די שטיפֿמאַמע פֿון מיין מאַמען און פֿון די גרויסע גליקן האָט מען איר זייער יונג חתונה געמאַכט צו 15 יאָר אונד דאָס לעבן איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע און זי האָט געבאָרן זייער אַ סך קינדער נאָר לעבן זיינען געבליבן עלף פֿון מיין מאַמען עלף קינדער זיינען מיר געווען איך בין געווען דאָס עלפֿטע דאָס יינגסטע יע דאָס יינגסטע קינד אונד צען קינדער האָט זי געהאַט צען קינדער האָט זי געהאַט און מיט איר ערשטן מאַן יהודה-לייב מאַן און מיין טאַטע האָט געהייסן ישׂראל-אהרן וועלטשער יע מיין נאָמען איז וועלטשער איך בין געווען דאָס איינציקע קינד פֿון דער צווייטער חתונה

מט ווי האָט געהייסן אייער טאַטע און ווו געבוירן

מר ישׂראל בן אהרן וועלטשער און מיין טאַטע איז יוזעפֿאָוו-לובעלסק יע און אַ סך פֿון זיין הייב ווייס איך ניט נאָר איך געדענק פֿון מיינע לידער איך האָב איין דערציילט אַז דורך אַ לערער וואָס האָט געהאַט דורך אַ ניגון האָט ער מיר געזאָגט אַז דו מוזט זיין אַ חסידישע טאָכטער איז האָב איך זיך שפּעטער געוווסט אַז מיין טאַטע איז געווען טאַקע אַ מאָל אַ חסיד און זיין אַ ברודער איז געווען אַ רבֿ אין ברוקלין דאָס ווייס איך יע אַ רבֿ

יבגעש מלת

מר(המסך) פֿאַר דער מלחמה נאָך וועלכער איך ווייס נישט ווי זיין ערשטער
נאָמען איז געווען אָבער יעדנפֿאַלס זענען זיי אַלע געווען רבנישע און
געלערנטע מענטשן און מיין פֿאָטער איז געווען אַ בוכהענדלער ער האָט געהאַט
אַ בוכהאַנדלעריי פֿאַר דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען און
דערנאָך איז ער געוואָרן דערנאָך האָט ער געהאַט ער האָט די דרוק ענטוויקלט
און ער איז געווען צוויי מאָל אין אַמעריקע און האָט פֿאַרקויפֿט אין היברו
פּאַבלישינג האָט ער פֿאַרקויפֿט אַלע אונדזערע אויסגאַבן די מחזורים די סידורים
אין היברו פּאַבלישינג און אַלטער איז ער געווען אַ גרויסער בוכהאַנדלער
וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט מיין טאַטערס ביכער און מיין פֿאָטער האָט זיך
ספּעציעל אָפּגעשטעלט זייט ער איז געווען אין דרוק האָט ער זיך ספּעציעל
אָפּגעשטעלט אין איבערזעצונגען אין יידיש ער איז געווען זייער פֿאַראינטערעסירט
איז מאַקע דער מחזור בית ישראל וואָס איז דאַמאָלס אַרויסגעגאַנגען איז געווען
אַ גרויסע זאַך איז געווען דער ביאור-המילים איז געווען אויף יידיש
פֿאַר די פֿרויען אַז די פֿרויען זאָלן קענען פֿאַרשטיין וואָס זיי דאַרפֿן פֿאַרטרייסט
ווייזלע ביז אַהער ביז ער איז געקומען זיינען געווען מחזורים רוסיש אַלץ
איבערזעצונגען פֿון בלאַשטיין איז געווען איבערזעצונגען פֿון בלאַשטיינען
אויך רוסיש אַזוי אַז די פֿרויען וואָס האָבן געקענט רוסיש האָבן געקענט
פֿאַרשטיין וואָס זיי דאַוונען אָבער יידישע איבערזעצונגען זענען נישט געווען
פֿון מחזורים ראש-השנה און יום-כיפור שבֿועות סוכּות איך פֿאַרשטיי און
דאָס אַלץ האָט מיין פֿאָטער אַרויסגעגעבן זיבן (אַ זאַץ) מחזורים וואָס דאָס איז
געווען אַלע איבערזעצונגען אויף יידיש און איך געדענק ווי צו אונדז איז
געקומען אַ מאָל מייזעך איז געווען אַ יידישער פֿאָלקשרייבער זייער אַן
אינטערעסאַנטער טיפּ אַן עלטערער ער האָט ליב געהאַט די כּוסה און ביז וואַנענט
ער פֿלעגט נישט אויסטרינקען אַ גאַנצע פֿלאַש מיט ספּירט פֿלעגט ער נישט
אַרויסנעמען זיין כּתבֿ-יד ער פֿלעגט זיך גוט אָנטרינקען דערנאָך פֿלעגט ער
אַרויסנעמען זיין כּתבֿ-יד און באַריכט איז ער געוואָרן פֿאַר דעם וואָס ער האָט
אָנגעשריבן וועגן שׂרה בת-טובֿים די לעגענדע פֿון שׂרה בת-טובֿים און ס'איז
געווען דער קבֿר פֿון שׂרה בת-טובֿים און ס'איז געווען אָנגעציקט מיט
מתנהלען פֿאַרשיידענע בלומען און דאָס איז אַלץ פֿון איבער וואָס ער האָט
באַשריבן די שׂרה בת-טובֿים צי זי האָט עקסיסטירט צי נישט האָט קיינער קיין
מאָל נישט געוווּסט נאָר אַ קבֿר האָט זי געהאַט און זייער אַ באַרימטן קבֿר
זייער אַ באַרימטן אַלע פֿרויען אַלע ערבֿ-יום-טובֿ מיט אַלע זייער צרות מיט
אַלע זייערע איבערלעבונגען פֿלעגט מען נישט גיין צו פּסיכיאַטאָרן מ'פֿלעגט
גיין צו שׂרה בת-טובֿים און זי פֿלעגט זיי ראַטעווען

מס וואס איז געווען די לעגענדע

מר אַז די איז געווען אַן אָרעמע פֿרוי אַליין אַן אָרעמע און דאָס גאַנצע לעבן האָט זי געווידמעט און צוועקגעגעבן פֿאַר אָרעמע ליַיט פֿלעגט זי גיין זאַמלען פֿאַר חופּות פֿאַר יתומים פֿאַר כּלה חתונה מאַכן יתומות אונד אונד זי פֿלעגט ראַטעווען מענטשן וואָס זיַינען אונטערגעגאַנגען פֿלעגט אויפֿהייבן די מאָראַל זייערע און נישט זיי אָנגעקאָרעמעט און אַליין איז זי געווען אַן אָרעמאַן וואָס זי האָט גאָרנישט פֿאַר זיך געדאַרפֿט און גאָרנישט פֿאַר זיך געלאָזן און אַלץ וואָס זי האָט געגעבן נדבֿות און געגאַנגען איבער די היַיזער און געקלאַפּט איבער די טירן איז אַלץ געווען צוליב די ליבשאַפֿט און כּריַיטאַבֿט צום אָרעמען מענטשן און ער האָט איר באַשריבן און איך האָב ניט געלעזן זיַינע מעשׂיות נאָר כ'בין זיכער ס'איז דאָ מזחס פֿאַר וואָס ווייס איך אַז ס'איז זיכער דאָ וויַילע אַ מאָל מיט אפֿשר דריַיסיק יאָר צוריק וואָס איך בין אַהער געקומען האָב איך געהאַט –

(סוף ז' 1 אָנהייב ז' 2)

מר(המשך) מיט דריַיסיק יאָר צוריק איז דאָ געקומען פּרץ הירשביין און ער האָט געהאַלטן אַ לעקציע און ער האָט גערעדט וועגן שׂרה בת־טובֿים איך געדענק נישט ווי אַזוי דאָס איז געקומען וועגן שׂרה בת־טובֿים און וועגן מזל איז איר ווייסט דאָך איך מיַין זכרון אויפֿגעבליצט אַזעלכע שיינע זכרונות ווי אַזוי איך פֿלעג זיצן מיט מיַין פֿאָטער און אַרויסנעמען און ספּעציעלע באַדינגונגען פֿלעגט ער אַרויסנעמען זיַינע כּתבֿ־ידן און אַלס אַ קינד פֿלעג איך נישט טאָרן זיַין דערביַי נאָר דורך אַ לעכעלע פֿלעג איך קוקן וואָס דאָרטן פֿלעגט פֿאָרקומען און מיר האָט דאָס זייער פֿאַסינירט סיַי דער יידישער שריַיבער און סיַי זיַינע כּתבֿ־ידן אונד איך האָב דאָס פֿאַרגעדענקט איז נאָך דער לעקציע בין איך צוגעגאַנגען צו פּרץ הירשביין און געזאָגט איר ווייסט איר האָט גערעדט וועגן מזחן איר האָט גערעדט וועגן שׂרה בת־טובֿים און איך האָב איר געקענט און איך האָב איר פֿאַרגעדענקט איך געדענק זיַין פּניס ער האָט אַזוי אויפֿגעלויכטן זאָגט ער טאַקע? וואָס רעדט איר !? ווי האָט ער אויסגעזען איז וואָס געדענקט איר און איך געדענק אַז איך האָב איר דאַן דערציילט די פּאָר איַינדרוקן וואָס איך האָב געהאַט ער האָט וועגן איר דערציילט אַזוי ווי וועגן אַ לעגענדע אָבער פֿאַר מיר איז עס געווען אַווירקלעכקייט (לאַכט) אינטערעסאַנט האַ! אינטערעסאַנט און איך געדענק נאָך

186 227

מר(המסך) איינעם אַ מאַן וואָס ער האָט געמאַכט אַלע איבערזעצונגען ער האָט געהייסן בן-צבי עה בן-צבי אַלפס דאַכט זיך בענטשע אַלפס! איך געדענק בענטשע אַלפס דער בענטשע אַלפס האָט אויך איבערגעזעצט פאַר אונדז די אַלע די דאָזיקע מחזירים סידורים איבערזעצונגען געמאַכט אויף יידיש און איך געדענק אַז ער איז אַ גרויסער מענטש און איך האָב דאַמאָלס פאַר-שטאַנען ווייל איך האָב געזען ווי די אַלע מאַמעס באַנוצן זיך מיט דער יידישער איבערזעצונג כ'האָב נישט געזען קיין סך מאַמעס וואָס באַנוצן זיך מיט דער רוסישער איבערזעצונג אפשר די באַרעשנעס ווייס איך די כלוה איך געדענק אַז ביי אונדז איך דרוק איז געווען ספּעציעלע אויסגאַבעס פאַר כלוה מחזירים איז דאָס געווען איין אַזעלכענע סאַמעטענע טאָוולען און פאַרבונדן מיט גאָלדענע שליסלען אַזוי ווי אַלבאָמען אַזוי ווי אַלבאָמען האָט דאָס אויסגעזען און געקאָנט האָט דאָס אַ פאַרמעגן פלעג איך קויפן פאַר ווען איז דאָס ווער גייט איך שול מיט אַזאַ מחזור פלעגט מיין מאַמע זאָגן אַז דו וועסט החונה האבן מירטסעם וועסטו אויך באַקומען אַזאַ מחזור דאָס איז געווען די העכסטע שטאַפּל פון באַקוועמלעכקייט פון גבירהשאַפט אַז די שוויגער פלעגט געבן אַ שנור אַט אַזאַ מין זאַץ מחזירים מיט סאַמעט איינגעבונדן און מיט גאָלדענע שלעסער און דאַרטן אונטער די גאָלדענע שלעסער מיט ספּעציעלע רעגאַל-פּאַפּיר ס'איז געווען רעגאַל-פּאַפּיר וואָס איז אַזאַ מין פאַרמעט-פּאַפּיר אויף פאַרמעט איז דאָס געווען געדרוקט ווי'איר קענט זיך גאָרניט פאָרשטעלן און דאָס האָט אויסגעזען יעדער שורה איז געווען אויסקריסטאַליזירט אָבער די איבערזעצונג איז געווען אויף רוסיש אַזוי אַז ס'איז געווען לא כל אדם זוכה דאָס האָבן נאָר געקענט באַקומען די וואָס האָבן גערעדט רוסיש די וואָס האָבן גערעדט יידיש האָבן געהאַט פּשוטע שיינע מחזירים גוט איינגעבונדן אין לייַוונטענע טאָוולען און זיי האָבן געדאַוונט אין יידיש פאַרשטייט זיך אַז מיר איז זייער געווען צום האַרצן די יידישע איבערזעצונגען און איך האָב קיין איינע נישט באַהאַלטן פאַר זיך כאָטש איך האָב אָפּגעפירשנט די אַלע מהזרים און סידורים און ביי אונדז האָבן זיך אָפּגעדרוקט טויזנטער מעשהלעך פון שמ"רן ראָמאַנען און בלאָטיינען און די אַלע און קען אַ מאָל זיין אַז כ'איזדאָ אַזעלכע מעשהלעך וואָס איך האָב איך קופּ זיי נישט פאַרגעדענקט נאָר איך האָב נאָך אַ קאַטאַלאָג פון אונדזער דרוק אַזוי אַז ס'איז דאָ דאָרטן אַלץ וואָס ס'האָט זיך געדרוקט אין אונדזער דרוק און מיין מאַמע איז געווען זייער אַ טיכטיקע זייער אַ טיכטיקע אויסגעבערין פון די דאָזיקע אַלע ביכער

מר(המשך) און זי האָט געגומען אַ גרויסן אָנטייל מיט די קינדער איז בלויז מיט דער ערציִונג די השגחה-העליונה אָבער דאָס וואָס איך טו האָט זי נישט געטאָן זי האָט געהאַט נאָר די השגחה-העליונה זי האָט געזען נאָר ווי אַזוי דער וועג דער וועג פֿון אונדזער לעבן גייט און ווי אַזוי די ערציִונג שטייט אַז"וו די בילדונג די בילדונג זייער געזאָגט וועגן די בילדונג אָבער געזאָגט האָט זי אַז געוואָלט האָט זי אַז איך זאָל אויסוואַקסן זייער זייער אַ גרויסער מענטש און איך האָב געשטרעבן בלויז צו זײַן אַ כּרוי אַ טאַטע אונד אויפֿבויען אַ הייה וואָס איך האָב פֿאַרלאָזן און פֿאַרלוירן צו פֿופֿצן יאָר וואָס ווייסט אַ קינד וועט פֿאַרלירן צו 15 יאָר אַ הייב טרויבט נאָר פֿון אַ היים און אַלע מײַנע בילדונגען האָבן זיך אויסגעלאָזן צו אַ שטוב אַרבעט און צו ערציִונג פֿון קינדער אונד איך בין צופֿרידן מיט דעם וואָס איך האָב אויסגעקליבן זייער איך בין זייער צופֿרידן און זייער שטאָלץ מיט דעם ווײַל איך האַלט אַז דאָס איז אַ גרויסער פֿאַך זייער אַ גרויסער פֿאַך און אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַך און אַ פֿאַך אַז מ'פֿאַרלאָזט קען מען דאָס צוריק נישט כאַפּן

מס צי ווייסט איר ווען אײַער טאַטע איז געבוירן געוואָרן

מר ניין איך קען אײַך נאָר זאָגן ווידער דאָס זעלבע מײַן טאַטער איז געשטאָרבן פֿיר יאָר שפּעטער פֿאַר דער נאָמען דאָס הייסט אין 25סטן יאָר און ער איז אַלט געווען 63 יאָר אַזוי אַז איר וועט דאָס אויסרעכענען און ער האָט געהייסן ישראל בן אהרן וועלטשטער (1862 - 1925)

מס ווען זײַנט איר געבוירן געוואָרן קענט איר אונדז אויסזאָגן

מר מײַן דאַטע? 1906 הנופה די דאַטע איז דעם 31סטן דעצעמבער דעם 31סטן דעצעמבער 1906 איז אַזוי אַז פֿאַרדערבאַר כּיין איך מײַן טאַטע האָט זייער אַ סך איבערגעלעבט מיט די אַרבעטער בײַ אונדז האָבן דאָך געאַרבעט אַמיינסטענס בונדיסטע אַרבעטער ווײַלע דאָס זײַנען געווען אַלע באַוווּסטזיניקע אַרבעטער יידישע אַרבעטער אָנגעלערנטע און זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער פֿרײַהייט איז בײַ אונדז געווען אַ סך בונדיסטן איז אַז די מאַמע איז געווען מיט מיר שוואַנגער האָט זי איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע זי איז געווען דאָס די מעשה האָב איך זייער גוט פֿאַרגעדענקט זי איז אַרײַן צו ראַמס דרוקערײַ עפּעס האָט זי געדאַרפֿט האָבן האָט מען איר געזאָגט פֿרוי מאַץ לויפֿט שנעלער אַהיים שנעלער ווײַל די אַרבעטערס זײַנען יעצט געווען און זיי האָבן געוועלט דרוקן פּראָקלאַמאַציעס האָבן מיר זיי נישט

XXX111 מר

מר(המשך) אַרײַנגעלאָזן זײַנען זיי זיכער געגאַנגען צו אײַך לויפֿט אין דרוק און כאַפּט אָפּטער קענט איר נאָך עפּעס ראַטעווען און אײנעם טאָמער ווען מ׳ײַן טאַטע איז אַרײַן איז שוין די אַלע מאַשינעס אויסגעפֿילט מיט די פּראָקלאַמאַציעס און די אַרבעטער זענען געשטאַנען און זיי האָבן געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס מײַן טאַטע האָט גאָרנישט געקענט טאָן ווײַל ערשטנס האָט זי מסתמא זייער סימפּאַטיזירט מיט די אַרבעטער און צווייטנס איז געווען כהרף-עין נאָך איר אין פֿינף מינוט שפּעטער זײַנען איז געקומען דער אָקאָלאָדאָטשניק וואָס איז אַ היגער פּאָליסמאַן אונד אַלע דורכ׳ פֿענצטער אַרויסגעשפּרונגען אַלע אַרבעטער זענען אַרויסגעשפּרונגען די פּראָקלאַמאַציעס זענען געבליבן אויף די מאַשינען אײנער איז געבליבן משה קאַמערמאַכער איך געדענק זײַן נאָמען און זייער אַ שטרײַער אַרבעטער ער האָט געאַרבעט בײַ דער טאַטען פֿון לינדוויז אויך און ער איז געווען צוגעבונדן צו מײַן טאַטען אַזוי ווי אַ זון איז ער געבליבן מיט דער טאַטען האָט מען זיי בײַדע אַרעסטירט און מ׳האָט מײַן טאַטען געפֿירט אין טורמע אין לוקישקעס לוקישקער טורמע איז געווען פֿאַר די גרעסטע פֿאַרברעכער און מ׳האָט איר געפֿירט און איך בין געווען מסכים מיט איר אַזוי האָב איך דאָס אויסגעאַרבעט די זאַך לויט דעם דאַטום אונד מײַן טאַטע איז געגאַנגען און זי האָט מיר דערציילט אַז מיטן גאַנג אַזוי ווי אַ פֿאַרברעכער מיט איר אַרבעטער אונד אַנטקעגן זענען געקומען וואַסער-טרעגער מיט פֿולע עמערס מיט וואַסער און מײַן טאַטע האָט נאָך פֿון לינדוויז אָן געגלייבט אין פֿולע עמערס אַז פֿולע עמערס ברענגען גליק האָט זי געטראַכט וואָס פֿאַרא איראָניע פֿון שיקזאַל, איר פֿירט מען אין לוקישקעס זי וועט קיין מאָל נישט אַרויסגײן פֿון דער טורמע און אַנטקעגן ברענגט מען איר פֿולע עמערס מיט וואַסער און דאָס איז געווען עטלעכע מאָל זיך איבערגעחזרט וואַסער-טרעגערס זענען געקומען מיט פֿולע עמערס וואַסער און ווען איז אָנגעקומען אויף לוקישקעס דאָס איז שוין געווען היגער דער שטאָט איז געווען געפּאַקט נישט געווען קיין פּלאַץ נישט פֿאַר איר און נישט פֿאַר משה קאַמערמאַכער און בײַדע זענען געבליבן אין דרויסן ווײַלע מ׳האָט זיי נישט געהאַט וווּ אַרײַנצולאָזן דאָס איז געווען אין 5טן יאָר און מ׳האָט אַלעמען אַרעסטירט איר ווייסט דאָך ס׳איז געווען אַ בהלה און מ׳האָט אַלעמען אײַנגעשפּאַרט או מײַן טאַטען האָט מען געפֿירט צוריק אין אוטשאַסטאַק אוטשאַסטאַק דאָס איז שוין אין פּאָליציי מיט דעם פֿאַרשטייט זיך אין פּאָליציי פֿאַר אַ פּאָר גראָשן פֿאַר אַ פּאָר רובל האָט מען איר געקענט

מר(המכן) ברענגען אַ פּאָר קישנס זי זאָל קענען אויף אַ קישן ליגן מיט אַ
דעקע דעם אַרבעטער האָט מען אויך בעסער באַהאַנדלט דער סוף איז געווען
אַז איינע פֿון אירע פּלימעניצעס האָט געהאַט אַ בוכהאַנדלונג אין פּיעטראָגראַד
לענינגראַד האָט געהייסן פּיעטראָגראַד אין פּיעטראָגראַד האָט זי געהאַט אַ
גרויסע בוכהאַנדלונג געהייסן סירקינס בוכהאַנדלונג און דער
גובערנאַטאָר פֿון שטאָט ווילנע איז געווען איר פּערזענלעכער פֿריינד
און דער אַריינגייער צו איר אין דער בוכהאַנדלונג האָט זי געהערט
אַז מ'האָט איר טאַנטע אַרעסטירט פֿאַר אַזאַ שרעקלעכע חטא פֿאַר אָפּדרוקן
פּראָקלאַמאַציעס איז זי אַוועקגעלאָפֿן צו דעם גובערנאַטאָר בעטן פֿאַרן
לעבן פֿון איר טאַנטע און שטעלט זיך פֿאָר אַז דער סענטימענט צו דער
יונגער פֿרוי פֿון פּיעטראָגראַד איז געווען אַזוי גרויס אַז ער האָט
איר צוגעזאָגט העלפֿן אַרויסראַטעווען מיין מאַמען אונד ער איז
געקומען ווו מ'דאַרף ווו די פּאַפּירן זענען געלעגן און די פּאַפּירן
זיינען געווען טויזנטער האָט מען אַרויסגענומען פֿון אונטער אַלע
פּאַפּירן דעם פּראָצעס פֿון מיין מאַמען די באַשולדיקונג פֿאַר מיין מאַמען
און ער האָט דאָס פֿאַרניכטעט ער האָט דאָס צעריסן איז געקומען צו דער
פּלימעניצע און געזאָגט גיי צו דיין טאַנטע און זאָג איר אַז זי האָט
דיר צו פֿאַרדאַנקען דעם לעבן ווייל ווען איך וואָלט איצט נישט אַרויסגענומען
דעם באַשולדיקונגס-אַקט וואָלט דיין מאַמע וואָלט דיין טאַנטע מסתמא אין
תּפֿיסה געשטאָרבן אומגעקומען איידער דער פּראָצעס אירע וואָלט פֿאָרגעקומען
אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ מיין מאַמע האָט נאָך געוואָלט
אַרויסגיין פֿון אויסטאַסטאָק ביז וואַנען מען וועט נישט באַפֿרייען איר
אַרבעטער איר טרייען אַרבעטער קאַמערמאַכער און זי איז נישט אַרויס
ביז מ'האָט אויך באַפֿרייט צוזאַמען מיט דער מאַמען און זיינען ביידע
אַרויס גאַנץ און די מאַמע האָט פֿאַרלאָרן פֿון שרעק און פֿון איבערלעבונג
צוויי פֿאָדערשטע ציינער אונד איך האָב זיך זייער געוווּנדערט ווייל
מיין מאַמע איז געווען אַ גרויסע שיינהייט זי איז נאָך געווען דאַן
זייער אַ יונגע פֿרוי ווען איך האָב איר געזען מיט אַריינגעשטעלטע
צוויי ציינער האָב איך געפֿרעגט וואָס איז דאָס און פֿאַר וואָס איז דאָס
געשען האָט זי מיר דאַן דערציילט אַז די צוויי ציינער זיינען איר
אַרויסגעפֿאַלן פֿון שרעק און פֿון איבערלעבונג ווען מ'האָט איר געפֿירט
אין תּפֿיסה און איך קען אייך זאָגן אַז דאָס איז נישט נאָר אַ מעשה

מ: (המשך) נאר דאס וויכטיקסטע און דאס רירנסטע וואס מיין מאמע האט איין מיר ערוועקט אזא גוואלדיקן דרך-ארץ ליבשאפט און טריישאפט צו דעם ארבעטער-קלאס געוואלדיק איר קענט זיך נישט פארשטעלן ווי זי האט געהאט דרך-ארץ פאר אירע ארבעטער דער ארבעטער פלעגט אלט קומען און אפגעבן א באריכט אין שטוב וועגן וואס איז ארויסגעגאנגען וועלכע זאכן פון פאבריק פון דורך פלעגט מען זיצן צוזאמען ביים טיש פלעגט טרינקען פון סאמאוואר טיי מיט קאנפיטור און מיר פלעגן דיסקוטירן מיט דעם ארבעטער און פאר דער רעוואלוציע א סך איז געווען פאר דער רעוואלוציע איז נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן דעם ארבעטער און מיין מאמען און דאס האט מיר אזוי איספאנירט אז זומער אז איך פלעג זיין פריי פלעג איך זיצן מיט די קנייטשערקעס אין דרוק און פלעג צוזאמען מיט זיי קנייטשן צוזאמען מיטארבעטן און אז זיי פלעגן עסן ווייל אייניע פלעגט ארויסגיין קויפן פאר א (פען) הערינג און דארטן א פרישע שטיקעלע ברויט און דארטן פאזשינקעס צי טרושקאווקעס פלעג איך אריינגיין און געבן אז אדער מען זאל מיר אויך אריינטראגן פאר א פייגן הערינג און א שטיקל רעטעך און די טרושקאווקעס און כ'האב געוועלט האבן פונקט דאס זעלבע וואס זיי און זיצן ביי איין טיש מיט זיי און עסן און הערן זייערע געשפרעכן און הערן זייערע געזאנגען און דאס איז אריין אין די בלוטן איר פארשטייט און איך קען אייך זאגן אז די געשיכטע איז אזוי פאנטאסטיש אז געווען גילינסקי איר ווייסט דאך א בונדיסט אן אלטער בונדיסט ער האט נישט לאנג געשטארבן און דער גילינסקי איז געקומען אין 45סטן יאר קיין מאנטרעאל צו זיין חבר שלמה אבראמסאן מיר זיינען געווען צוזאמען אין כאן כארוועער שטעלט מיר פאר אבראמסאן פרוי רבקעס און זי קומט פון ווילנע א זאגט ער ווילנע איך געדענק נאך דעם אנהייב פון מיין קאריערע אין ווילנע דארטן האט מען מיר געשיקט מיט די ערשטע שליחות קיין ווילנע צו א דרוק זאגט ער צו א דרוקעריי מאך און כ'האב געדארפט אפדרוקן זאגט ער פראקלאמאציעס בין איך געשטאנען זאגט ער מיט א אנגעלאדענעם רעוואלווער און געווארט ביז וואנען מע וועט אפדרוקן פראקלאמאציעס זאג איך קעגן וועמען זייט איר געשטאנען זאגט ער קעגן דער באל-אנהאבעריין פון דער דרוק פראדל מאך איך בין געשטאנען זאגט ער מיט א רעוואלווער מיט א אנגעלאדענעם זאג איך דאס איז דאך געווען מיין מאמע זייט איר געשטאנען מיט א רעוואלווער יע זאגט ער זי האט געחלשט און איך האב געדראט ביז וואנען מען האט נישט אפגעדרוקט די פראקלאמאציעס זאגט ער בין איך

מר (המחבר) נישט אוועק איך קען אייך זאָגן די מעשׂה האָב איך נישט געהערט

פון מיין טאַטען נאָר פון גילינסקין אין 45סטן יאָרן סאַן טאַוועך
דורך דעם פריינד אַבראַמסאָן צופעליק אין אַ אויך אַ גרויסן פעלד האָב
איך געזען מיין טאַטען נעבעך אַ געחלשטע מע דרוקט מיר פראָקלאַמאַציעס
און דער גילינסקי האָט קאַלטבלוטיק דערציילט נו זאָגט ער איך ווייסט דאָך
די יידישע גזלנים איך האָב נאָר געשראָקן ווייל איך האָב מורא געהאַט
אַז די וועט שטעקן האָב איך איר אָפּגעשראָקן און שנעלט זיך די מעשׂה
זאָג איך אייך גייט מיר נאָך אַז איך האָב דאָס געדאַרפט נאָך דערלעבן
נאָך אַ מעשׂה פון דער טאַטעס לעבן און פאַר וואָס דערציייל איך אייך פון
דער טאַטען ווייל <u>מיין פאָטער איז שטענדיק געווען אויף די וועגן</u>
ער פלעגט פאָרן איבער דער גאַנצער וועלט פאַרקויפן און פאַרשפרייטן
אונדזער תורה די סידורים די מחזורים די אַלע אויסגאַבעס פון טאַץ
דרוקעריי איז ער פלעגט זיין אין אַמעריקע ער פלעגט זיין אין
רוסלאַנד ער פלעגט זיין אין אונגאַרן ער פלעגט אַרומפאָרן און די מאַמע
איז געווען די וואָס איז געזעסן און געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר
דער גאַנצער אָנפירונג פון דער דרוקעריי אינטערעסאַנט

מס/ אייער פאָטער/ה לייב

מר ניט לייב נאָר יהודה-לייב

מס און ווו איז ער געבוירן געוואָרן

מר ער איז געבוירן געוואָרן אין ביאַלאַסטאָק 1905 ער האָט געענדיקט
סטעפאַנאָווא טעריעגאַ ער איז אַ כעמיקער אַליין ער האָט געענדיקט אוניווערסיטעט
אין ווילנע און דורך דעם זיינען מיר טאַקע געוואָרן נאָענט און באַפריינדעט
ווייל ער האָט פינף יאָר געלערנט אין ווילנע ער האָט געענדיקט כעמיע
און דער צווייטער אין גאַנץ ווילנע פון זינט דער אוניווערסיטעט האָט
זיך געגרינדעט ווייסט דאָך פוילישע אוניווערסיטעט (סטעפאַנאַ וואַטאָרעקאַ)
און ער איז געווען דער צווייטער ייד וואָס האָט געענדיקט כעמיע דער
ערשטער איז געווען רובינשטיין ער איז יעצט אַ פּראָפעסאָר אין קאַליפאָרניע
ער איז געווען דער צווייטער ייד וואָס האָט געענדיקט זייער יונג געענדיקט
28סטן יאָר האָט ער געענדיקט

מס און זיין טאַטע האָט געהייסן

מר דוד דוד ראָסקעס יע

מב און וואָס האָט ער געטאָן

מר ער איז געווען אַ פֿאַבריקאַנט אַ פֿאַבריקאַנט אַ טעקסטיל-פֿאַבריקאַנט אַ טעקסטיל א

מב און איר האָט חתונה געהאַט אין

מר 1930 יע החונה געהאַט אין 1930

מב און איר האָט פֿיר קינדער

מר מיר האָבן געהאַט פֿינף איין קינד האָבן מיר פֿאַרלוירן פֿיר קינדער בנימין איך האָב אייך געזאָגט

מב ווען איז בנימין געבוירן געוואָרן

מר בנימין איז געבוירן געוואָרן אין 31 אונד רוחלע איז געבוירן געוואָרן 36 און איוועלע אין 42 זי איז געבוירן געוואָרן איבער טאָג ווען ראָמעל האָט באַקומען זיין ערשטע מפלה אין זיד-אַפֿריקע און דאַן ביז איך בין אַרויס פֿון שפּיטאָל האָבן די דייטשע אַרמייען אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן נאָר מ'האָט מיר שטאַרק צוגערעדט זי זאָל הייסן וויקטאָריע אָבער אַזוי ווי אַזאַ נאָמען פּאַסט זיך נישט אַרײַן איך מיינע דלד אַמוה הייסט זי איוואַ נאָך יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (לאָכט) דאָס זאָג איך ווײַל זי הייסט פֿראַדל פֿראַדאַלע נאָך מיין מאַמען און ייוואָ ווי ערשטע ...רוי פֿון קאַנאַדע אין קאַנאַדע דאָס איז געווען אונדזער ערשטע פֿרוי איוואַ איז אין שולע אין פֿאָלקסשולע האָט מען איר נאָר געוועט רופֿן חוהלע נו ווייסט דאָך ביי אונדז איז זייער וויכטיק דאָס געהער איך האָב געלערנט די קינדער זייער לייגן אַכט אויף פֿאַלשע טענער מיר פֿאַרטראָגן נישט קיין פֿאַלשע טענער איז פֿאַר איר געווען אַ פֿאַלשער טאָן אַז די לערערס האָבן איר גערופֿן חוהלע און זי האָט נישט געהערט דעם וואָרט חוהלע נאָר שטענדיק איוועלע און איר אַז איך פֿלעג איר שטענדיק רופֿן פֿראַדאַלע נו קומט זי אַהיים און זאָגט זי מאַמע איך הייס טאַקע חוהלע חווה זאָג איך גיי אין שולע און זאָג זיי אַז דו הייסט ייוואָ נאָכן יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט און אַזוי אַרום בין איך פּטור געוואָרן פֿון ערקלערונגען מיר געפֿעלט זייער דער נאָמען חווה אָבער אַז מ'גיט איבעצן אַ נאָמען איוואַ האָט עס אַ באַדייטונג און חווה האָט אַן אַנדערע באַדייטונג איז האָב איך געוועלט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל חחמנעך ב'זאָל נישט רופֿן מיני דריי נעמען און זי זאָל בלייבן איוואַ בלייבט זי איוואַ און איוואַ איז נאָך אַ נאָמען ייוואָ איז אַ שלאַנקער בוים אויף רוסיש איר ווייסט דאָך איוואַ פּלאַטשעוונאַיאַ איוואַ איזעס אַ שלאַנקער בוים

מר (המשך) און איך זע איר שטענדיק פאר מיין אויג אונדזער ערשטע אונדזער ערשטע קינד איך קאנאדע איר פארשטייט און דוודל איז געבוירן געווארן אין 48 צוזאמען מיט מדינה-ישראל און פארשטייט זיך ער האט פארצויגן מיין לעבן אויך גאנצע 25 יאר ווייל אז מען האט נאך קליינע קינדער אין מיינע יארן כ'האב איך געהאט צו 40 יאר איז האבן א קינד אין די יארן פארשטייט איר מיך ווערט מען יינגער און ס'האט צו טאן מיט יונגע מאמעס וואס האבן קינדער אין דעם עלטער איז דאס נישט דאס מזיניקל בן-זקונים אבער ס'איז פארט א קינד איך זעלבן עלטער פלעג איך קענען שטענדיק האבן די זעלבע געלעגנהייט צו חברן מיט מאמעס פון אלע עלטערס איר פארשטייט איז מיר געווען איך האב געהאט א פארזיקע אויסוואל פון פריינד און חברים און מענטשן וואס מיט וועלכע איך האב געהאט געמיינזאמעס א געמיינזאמע שפראך און געמיינזאמע אינטערעס

מס איר האט געלערנט אין ווילנע ביז 1930

מר דרייסיק יאר איך בין נאך געווען אין ווילנע צוויי מאל זינט איך האב החונה געהאט ביזן אונטערגאנג בין איך בלויז צוויי מאל געווען אין ווילנע דאס אלץ

מס און אין 1930

מר זיינען מיר געפארן קיין קראסנע קראסנע דאס איז גאליציע און לעבן קראקאוו אזוי אז איך בין געשטאנען נאענט צו געבירטיגן אבער איך האב אים קיין מאל נישט געקענט ניין און אין קראסנאוו האבן מיר געמאכט דארטן א פינף יאר א פינף יאר מיין מאן לייבל איז געווען דארטן זעקס יאר ער האט אנגעפירט מיט דער פאבריק ער איז געווען דער גאנצער פירער פון דער פאבריק א גומע-פאבריק אונטן פון דארט זיינען מיר אוועק אין טשערנאוויץ דארטן האט ער געבויט אין 34סטן דארטן האט ער געבויט א פאבריק די ערשטע גומע-פאבריק אין טשערנאוויץ און אין ענדע פערציק בין איך אנטלאפן מיט מיינע קינדער צו מיין מאן ער איז געווען אין בוקארעשט און מיר זיינען געווען אין טשערנאוויץ אזוי אז מיר זיינען ביז איך אנטלאפן אין לעצטן מאמענט זעקס שעה איידער די רוסן זיינען אריין אין טשערנאוויץ און . אינטערעסאנט איז אז אלע די וואס האבן גארנישט געוווסט פון רוסלאנד און פון די רוסלאנד איז פלוצלינג אין איין נאכט זיינען זיי געווארן שטיקלעכע ידידים זייערע נאענטע פריינד פון סטאלינען זיינען אלע פארבליבן און איך וואס האב זיך אויסגעהאדעוועט אויף דער רוסישער קולטור און די רוסישע שפראך איז געווען מיין היימשפראך אונטן איך האב געקענט זיכער

מר(המשך) זיך פֿאַרלייגן אויף אַ נאָכטן אָדער עפּעס אויפֿכאָן ביי זיי
בין איך געלאָפֿן וי פֿון פֿייער דאָס איז זייער אינטערעסאַנט די איינציקע
אין אַ באַן וואָס האָט געקענט ראַטעווען אַפֿטר טויזנטער מענטשן בין איך
אָנגעקומען אין בוכאַרעסט און אַלע האָבן דערוואַרט ווער אַ חתן ווער אַ כלה
ווער אַ מאַמע ווער אַ טאַטען איר ווייסט דאָך מענטשן זיינען אָפּגעריסן
געוואָרן מענטשן זיינען געפֿאָרן אויף אורלויב אין טערנאָוויץ זען .
פֿריינד באַקאַנטע האָט מען ערוואַרט בין איך אַראָפּ מיט מיינע צוויי קינדער
מיט די פּאָר טשעמאָדאַנעס און נאָך אַ פֿריילין אַ יידיש מיידעלע וואָס
האָט מיר צוגעהאָלפֿן צו די קינדער איז מיר איינציקע וואָס האָבן זיך
מיט געראַטעוועט פֿון די רוסן און פֿון די דייטשן פֿון בוכאַרעסט זיינען
מיר אַוועקגעגאַנגען איין ווען איידער דער קאַראָל דער קעניג קאַראָל איז
אַוועק איז איין וואָך איידער די דייטשן זיינען געקומען קיין בוכאַרעסט
זיינען מיר אַוועק מיט דער לעצטער באַן און מיט די לעצטע שיף דורך אַטען
קיין ליסאַבאָן און פֿון ליסאַבאָן זיינען מיר אָנגעקומען מוצאי יום-כיפור
פֿערציק זענען מיר אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק ס'איז באַן געווען די אויסשטעלונג
און איך האָב נאָך געהאַט איין איינציקן ברודער אַלעקסאַנדער מאַן וואָס איך
האָב אים נישט געזען 28 יאָר און ער האָט מיר שוין געשראַפֿן שוין באַווייבטע
און אַ מאַמע פֿון קינדער און דאָס איז געווען אַלץ וואָס איך האָב געפֿונען
אונד דאָס אַנדערע איז אַלץ פֿאַרשוווּנדן אַלע זיינען אומגעקומען די גאַנצע
משפּחה איז אומגעקומען מיין ברודער איז געשטאָרבן אין 61 און פֿון דער
משפּחה איז קיינער נישט געבליבן דער לעצטער מאָהיקאַנער בין איך נו און איך
בין צופֿרידן איך וואָלט מסתמא מער נישט האָבן די געלעגנהייט אויפֿצושרייבן
די דאָזיקע פֿאַר דערינערונגען איז גוט מנחם וואָס איר ציט מיר אָן
איר דאַרפֿט מיר ספּעציעל אָנציען נישט יעדער קען מיר אָנציען נאָר איר האָט די
פּריווילעגיע (לאַכט) דאָס איז אייער פֿאַרדינסט באמת ס'איז שווער צו זאָגן
פֿאַר וואָס אָבער ס'איז אַזוי

מס און **אייער ערציונג**

מא איך האָב באַקומען אַן ערציונג אין דער רוסישער שפּראַך אָבער מ'זאָגט דער
קינדערגאָרטן איז געווען אַ רוסישער

מס אין וועלכן יאָר

מר איך עלפֿטן צוועלפֿטן דרייצנטן צוועלפֿטן דרייצנטן און פֿערצנטן
אין פֿערצנטן בין איך שוין געגאַנגען אין דער גימנאַזיע אין דעם פֿאַרברייטונגס-
קלאַס פֿון די ערשטע גימנאַזיאַל-קלאַס דאָס איז געווען אַ פֿאַרברייטונגס-קלאַס

195
236



מר(המקך) און דערנאָך די ערשטע כאָפּיע מאַרקאָווגאַ גורעוויטש

מב אין יהודיה אין וועלכן יאָר

מר יהודיה אַ זיבער אין גימנאַזיע ביז איך האָב געענדיקט גימנאַזיע
ביז איך האָב געמאַכט מאַטורע ענדע אין 22סטן יאָר שוין נאָכן טויט פֿון
מיין מאַמען יע איך בין געווען שוין דאַן אין לעצטן קלאַס אָבער מיין מאַמע
האָט עס [illegible] ניט דערלעבט אַזוי אַז איך האָב די מאַטורע באַקומען נאָך איר טויט
און יהודינע האָב איך באַזוכט ביזן לעצטן מאָמענט ביז ס'האָט עקסיסטירט דערנאָך
האָט זיך דאָס פֿונאַנדערגעפֿאַלן איך האָב איין געזאָגט איך האָב דאָרט געלערנט
פֿראַנצייזיש פּריוואַט און מוזיק אַ סך מוזיק ניין איך בין געגאַנגען אין
קאָנסערוואַטאָריע אין ווילנע אָבער אָבער איך האָב דאָס אויפֿגעגעבן איר
ווייסט דאָך איך האָב געהאַט אַנדערע איך בין דאַן אָנגעקומען אין
אוניווערסיטעט אָבער צו זיין אַן אמתע סטודענטין האָט מען געדאַרפֿט
נאָך אַ מאָל אָפּגעבן די פּוילישע מאַטורע בין איך די גאַנצע צייט געגאַנגען
אָנגעגאַנגען מיטן לערנען אויף הומאַניטיק אַלס פֿרייע צוהערערין און אויב
איך וואָלט געוועלט ענדיקן האָב איך געדאַרפֿט נאָך אַ מאָל אָפּגעבן די פּוילישע
מאַטורע אַזוי ווי כ'האָב נישט געענדיקט בין איך פּטור געוואָרן

מב און איר רעדט

מר פּויליש און רוסיש און ייִדיש דאָס זיבנען מיינע נאָענטסטע שפּראַכן
פֿריִער ייִדיש און דערנאָך ייִדיש דאָס איז מיין נאָענטסטע שפּראַך ווייַל איך
דעם האָב איך זיך אויסגעהאָדעוועט פּויליש איז דאָס אַדאַפּטירט אויף נישט
צו באַדאַרפֿן ווייַלע בייַ אונדז האָט מען נישט ליב געהאַט קיין פּאָלאַקן
נאָך איידער זיי זיינען געקומען און זיינען געקומען האָט מען זיי אַוודאי
נישט ליב געהאַט און אַזוי ווי מיר זיינען רוסן פֿון דער נאַטור אויפֿריכטיקע
מענטשן מיר האָבן נישט ליב היפּאָקריטסטוואָ איז פּויליש האָב איך באַנוצט
אוי נישט צו באַדאַרפֿן אָבער איך רעד פּויליש און איך שרייב פּויליש
און כ'האָב דאָס און דויטש האָבן מיר געלערנט ס'איז דאָך געווען די דייַטשע
אָקופּאַציע מ'האָט געלערנט זייער פֿלייַסיק איך רעד דייַטש יע און אין
טשערנאָוויץ אין טשערנאָוויץ האָבן מיר גערעדט אַ סך דייַטש

מב פֿראַנצויזיש

מר פֿראַנצויזיש דאָ איר ווייסט דאָך מיין שפּראַך איז אַן אָרעמע אָבער איך קען
זיך זייער גוט פֿאַרשטענדיקן

196
237



מכ און לייענען

יע כ'קען לעזן טרייבן אויך

מכ און ~~ענגליש~~ און העברעיש

ענגליש
מר ~~לאַמ~~ שוואַכסכן איר פֿאַרשטייט איך האָב געהאַט אַ איך האָב געהאַט אַן אויסוועג
אָדער לערנען ענגליש איך האָב נישט געקענט היינט אַז איך בין אַליין
קען איך זיך ערלויבן צו זיצן מיט איין אַ גאַר שעה און פֿאַרברענגען מיט
איין אָבער אַזוי ווי איז דעט מיר איז פֿאַר די פֿאַר צענדליק יאָר וואָס
איך האָב זיך פֿאַרנומען מיט מיינע קינדער האָב איך נישט געהאַט קיין פֿרייע
ציים און דאָס וואָלט געגאַנגען אויפֿן חשבון פֿון די קינדער לערנען
ערלערנען ענגליש ווייל איר ווייסט דאָך איך רעד אָבער איר פֿאַרשטייט דאָך
אַ מענש וואָס איז פערפֿעקציאָנירט אין איין שפּראַך אָדער אין צוויי שפּראַכן
און עטלעכע שפּראַכן מוז קענען אַ שפּראַך פּערפֿעקט און אויב מע קען נישט
פּערפֿעקט × קען מען דאָס נישט און אויך צו קענען פּערפֿעקט דאַרף מען האָבּ
לערנען און כ'האָב פּשוט נישט געהאַט כ'האָב געדאַרפֿט איך האָב געדאַרפֿט
דאָס אויסביינטן די קינדערס ערציונג אויף צו ערלערנען ענגליש האָב איך
באַשלאָסן אַז איין מיטאָג ־דן מיין דוודלען איז געווען פֿאַר מיר וויכטיקער
ווי צו ערלערנען אַ שפּראַך איז וואָס איך קען וועט מען מיר אויך אַזוי (לאַכט)

מס און העברעיש לערנט איר

מר העברעיש פֿאַרשטיי איך אַלץ אונד איך קען לעזן אָן נקודות איז אַ ביסעלע
שווערער און אַשכנזיה איז נאָך שווערער אָבער אַז איך קום אין ישראל האָב
איך נישט קיין פּראָבלעמען נישטאָ איך קען אַפֿילו אַ סביל פֿאַרשטיין

מס און וואָסערע שפּראַכן קענען אייערע קינדער

מר איך וועל איין זאָגן דעם אמת איך האָב זייער אַ סך פּראָבאַגירט צו לערנען
אַ סך שפּראַכן פּונקט ווי מיין מאַמע האָט געוועלט אַז איך זאָל קענען שפּראַכן
האָב איך אויך פּראָפּאַגירט זייער אַ סך צו די קינדער אַז מע מוז קענען שפּראַכן
אָבער זיינען געקומען אַהער און דאָ איז אַזאַ ענגער צוגאַנג צו דער דאָזיקער
זאַך אַז מע טאָר זיך נישט פֿאַרנעמען צו פֿיל ציים ס'פֿאַרנעמט צו פֿיל ציים
איך האַלט אַז ביי קליינע קינדער קען מען זייער שנעל די ציים געפֿינען
צו לערנען שפּראַכן און אַ פֿאַקט איז אַז בנימין איז אַהער געקומען דער
עלטערער זון איז געקומען אַהער האָט ער געקענט פּערפֿעקט פֿינף שפּראַכן
ער האָב זיי אַלע פֿאַרשטייט זיך פֿאַרלערנט אַ סך ווייניקע רומעניש האָט ער
שוין נישט געקענט דאָ רעדן און דייטש קען ער נאָך אַ ביסל און רוסיש

מר(המכך) פֿאַרשטייט ער זייער גוט אָבער איך שוין האָבן מיר רוסיש נישט
גערעדט צוליב די יינגערע קינדער פֿאַרשטייט אַלץ און פּויליש פֿאַרשטייט ער
אויך אַלץ אָבער איר פֿאַרשטייט אַ שפּראַך פֿאַרגעסט מען רוה האָט געקענט
פּערפֿעקט דייטש פּערפֿעקט און דאָס איז איר שפּראַך איז געווען באמת אַ
אַזוי לעבעדיקע און אַזוי קלאַסישע אז מ'האָט זיך געוווּנדערט ווי קומט זיך
צו אונדז אין אַזאַ ייִדישער הייב אַזאַ דייטשע רעדנדע מיידעלע זי האָט
גערעדט בעסער ווי אַלע דייטש-רעדנדע סטיבער זי האָט זייער גוט געקענט
דייטש אָבער זי איז געקומען אַהער האָט זי האָב איך באַשלאָסן אַז דאָס
האָט דאָך נישט קיין זין מיט איר דייטש צו רעדן און רוסיש האָט דאָך אַוודאי
נישט קיין זין און פּויליש איז דאָך נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן איז
דאָך נישט בעסער ייִדיש וואָס איז אונדז אַזוי ליב און טייער בין איך
פּשוט אַריבער ס'איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען ווייל זייער ווייניק
היימען פֿון מיינע פֿריינד און באַקאַנטע האָט מען גערעדט ייִדיש ווען
מיין זון בנימין פֿלעגט קומען אַהיים פֿלעגט ער זאָגן ביי זיין חבר
דעם בעסטן איז דאָ אַ באָבע אַן אַלטע באָבע רעדט זי צו אים ייִדיש
אָבער ס'איז אַזאַ שרעקלעכער ייִדיש און נאָך שרעקלעכן רעדט זי ענגליש
דאַנק איך דיר מאַמע וואָס דו רעדסט מיט מיר ייִדיש כאָטש אַזאַ שיינעם
ייִדיש וואָס איך דאַרף נישט הערן קיין צובראכענעם ענגליש האָט ער מיר
דעם קאָמפּלימענט געבראַכט אָבער וועגן אַ באָבען מ'האָט זיך נישט געהאַנדלט
וועגן אַ מאַמען איך געדענק נישט אַ מאָל ווו ביז דווּדן געדענק איך
נישט אַ מאָל ווו. מיינע קינדער זאָלן קומען און זאָגן אַז איין די שרייבער
פֿון זייערע קינדער חברטעס רעדט מען ייִדיש און דאָס האָט פֿאַרשטייט זיך
זייער ווי געטאָן און וואָס מער מ'האָט ווי געטאָן אַלץ מער האָב איך
געלייגט דעם טראָפּ אויך דעם איר פֿאַרשטייט מ'האָב געלייגט דעם טראָפּ
דער ארום איז געווען בלויז אַ שלעכטער ענגליש אַ צעבראָכענער ענגליש
נאָר ענגליש מ'האָט זיך סאם געוווּנדערט זייער שטאַרק וואָס איך האָב אָנגענומען
אַזאַ שטעלונג איך לעבן נאָר מ'האָב געהאַט איין וועג דער קלאַנג קיין פֿאַלשע
קלאַנגען זאָלן איך שוין נישט הערן דאָס איז געווען דער עכטער קלאַנג

מב און זיי רעדן נעבעך פֿיר שפּראַכן

מר פֿאַר וואָס נעבעך?

מב ניין איך מאַך אַ שפּאַס

מר ניין פֿיר

מב ענגליש פראנצייזיש יידיש

מר און העברעיש יע טאקע איך וועל אייך זאגן ס'פעלט יעדן פון זיי פעלט א סלאוויסע שפראך איך רעד טוין זייער אפט און דווד האט אנגעהויבן צו רעדן צו לערנען רוסיש און איך האב געזאגט אז ס'וועט זייער צו נוץ קומען גוט אבער פארשטייט פאר יידישער ליטעראטור איז זייער וויכטיק צו קענען איינע פון די סלאווישע שפראכן יא אבער מע מוז קענען א סך כדי מע זאל גוט קענען יידיש און אריינדרינגען אין דער ליטעראטור מוז מען דאך קענען א פאר סלאווישע ס'איז דאך דא זייער א סך סלאוויזמען אין יידיש

מב איר זענט קיין מאל נישט געווען אין קיין פארטיי

מר אין באוועגונג נייך ווייל כ'וועל אייך זאגן איך האב געהאט איך האב געהאלטן אז דאס איז ערשטנס איז דאס ענגהארציק אז מ'איז צו טויוויניסטיש טויג נישט ס'איז גענוג צו זיין פארעקשנט צו יידיש און צו יידישער קולטור און דאס איז שוין גענוג צו געבונגענדע זאך אבער באוועגונג האט דאך צו טאן מיט זייטיקע זאכן אויך איז ערשטנס האב איך געהאלטן אז שיינע בילדער האט מיר געלערנט סיגאל (צאק) סיגאל אז שיינע בילדער דארף מען קוקן פון דער ווייטנס און איך האב געהאלטן אז א פארטיי איז א שיין בילד וואס מע דארף דאס זען פון דער ווייטנס דערפאר בין איך געבליבן (לאכט) ביי מיינס איך בין געבליבן ביי מיינן יבון איך בין געבליבן ביי מיין קולטור און איך בין זייער גליקלעך וואס איך האב דאס געקענט דורכפירן אין לעבן און בשעה סוקצעווער האט ארויסגעגעבן די גאלדענע קייט איז ביי מיר איז שוין לאנג לאנג געווען פארקייטלט די גאלדענע קייט איידער ער האט דאס געשאפן אין ישראל איז מיין קייט געווען אנגעקייטלט שוין א סך א סך יארן צוריק נו און דאס איז נישט געווען אזא לייכטע זאך מ'האט געדארפט זיין זייער גראדליניק און קינדער פילן זייער טיף די אויפריכטיקייט פון די עלטערנס ווילן אז קינדער פילן די טיפע אמונה פון זייערע עלטערן גיט זיך דאס זיי איבער פריער אדער שפעטער גיט זיך דאס זיי איבער און דאס איז די אמונה און איך האב אייך געזאגט אז מ'קען פארלירן א שטימע אבער דער ניגון מוז שטענדיק באגלייטן דעם מענטשן און שטענדיק דער זעלבער ניגון פון וועלכן מען גייט ארויס דער ניגון וואס בלייבט איז אזוי ווייל איז צו דעם מענטשן אפילו אין לעבנסצייטן שווערלעכע איז אויך לייכטער אז ס'איז דא א ניגון מ'קען דאס דורכקומען ביטע זייער איך זאג דאך אייך ווען מ'האט מיר פריער געזאגט אז איך וועל קענען דאס מיט אייך דורכגיין וואלט איך געזאגט ס'איז אומעגלעך

מר(המשך) ס'איז אויסגעשלאָסן ס'איז שוין צו שפּעט אָבער איר זעט דאָך ס'איז קיין מאָל נישט צו שפּעט און איך וויל אײַך מאַכן נאָך אַ פּאָר לידער אויס-שפּילן און מיט דעם וועלן מיר ענדיקן –

(סוף פון ז' 2)